STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10966

NIKITSHEN

R. Fraerman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-10966-5

9780657109660T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER


פ. פריעדמאן
ליקיטשער

ייִדיש — א. קושניראָוו
רעדאַקטער פון דער איבערזעצונג — ה. מײַזל
צייכענונגען און הילף — מ. פאַגאָסטער

איכ רופ דיכ, פרײַנט, אונ גיי נאָכ דײַנ שפור.
(א טונגוסישע ליד).

1. רייד, דאגאָר, לאמישער יאמ!

ניקיטשענ האָט געזוכט דעמ פארפאלענעמ הירש.

— נ׳טשאָו! — האָט זי געשריִענ, אונ איר געשריי איז געווענ ענלעכ אפנ רופ פונ א מוטער־הירש.

אינ טײַגע איז געווענ פײַכט פונ טוי. ניקיטשענס ראָוודוגענע אָלאָטשנ,* איר שמוציקע העמד זײַנענ געווענ אפ דורכ אונ דורכ נאס. דער טוי האָט געפינקלט אפ אירע הארטע האָר, וואָס זײַנענ געווענ פארפלאָכטנ אינ צעפ.

ניקיטשענ האָט זיכ אפגעשטעלט, צוגעהערט זיכ אונ אופגעהויבנ איבערנ קאָפ דעמ ארקאנ, וואָס האָט זיכ געטשעפּעט פאר די צווײַגנ. זי וואָלט געקאָנט זיכ פאנאנדערוויינענ פונ פארדראָס, ווענ זי זאָל ניט זײַנ קיינ טונגוסיש מיידל אונ זאָל ניט וויסנ, אז מע ווייִנט נאָר דעמלט, ווענ עס טוט וויי.

זי האָט געכאפּט א געשריי געטאָנ. א גראָב־שנאָבלדיקער ראָב האָט זיכ א רודער געטאָנ אפ א הויכנ טענענבוימ, אופגעהויבנ זיכ אונ אוועקגעפלויגנ אינ א זײַט, אפ מיזרעכ, פונוואנענ עס האָט זיכ פלוצלינג דערהערט א רייעכ פונ צעפוילטע פיש. נאָענט איז געווענ דער יאמ. ניקיטשענ האָט זיכ אוועקגעלאָזט אהינ. די טענענבוימער זײַנענ געשטאנענ ענג איינער לעבנ אנדערנ. די פוס איז געזונקענ אינ קאָלטנ מאָכ. ווי צעגאנגענע פלאמענ אפ שניי, אזוי האָט פונ ווײַטנ

---

* ראָוודוגענע אָלאָטשנ — שיכ פונ הירשענעמ זאמש

מאָל ארויסגעקוקט די ערד, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַראָפּגע־פאַלענע נאָדלען פון ביימער. דאָס זײַנען געווען די סאַמע באַליבטע ערטער פון די הירשן. אָבער ווו איז דער הירש?

שרעק און אומרו האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אף ניקיטשעס פּאָנעם. דער הירש איז געווען ניט דעם באַלעבאָס, ניט דעם שאָכנס, נאָר אַן אייגענער.

שוין צוואַנציק טעג, אַז ניקיטשען מיטן פֿאָטער און נאָך דרײַ פֿאַמיליעס פֿונעם בעטיגישן וואַנדער־שייוועט האָבן זיך אַראָפּגע־לאָזט פֿון די בערג און אָפּגעשטעלט זיך אפן ברעג פון אודער ביב־טע. דער גנוס און די קאָמאַרן האָבן געטריבן די טשערעדעס הירשן צום יאַם און צײַט איז שוין געווען צו פֿאַרנעמען זיך פון דזשונ־דזשורער טאָלן. ווילדע הירשן און קאַזוליעס האָבן אופגעהערט צו קומען זיך פּאַשען אַף די אויסגעברענטע פּליינען, ווו אין פֿרילינג באַווײַזן זיך די ערשטע גראָזן. עס איז שוין געווען יולי. די כמאַרעס איז געוואָרן פרײַער צו לעבן. אַלע פּאַשע־ערטער זײַנען איצט פאַר זיי אָפן. אַף די שטיינערנע שטעגן זײַנען פֿאַרשוואונדן די שפּורן פון דער קאַבאַרגע.* די אווילנהירשן האָבן אויסגעקליבן פון זייער וואַסער־טרונק שטילע פֿאַרוואָרפֿענע ערטער, פון וועלכע עס ווייסן ניט די יעגער. און אין די לעפּצונגען פון טונגור, טיל און אור האָט זיך באַוויזן קאָריושקע.**

נעכטן האָט ניקיטשען פֿאַריכט די נעץ פֿאַרן שאָכן, דעם אַלטן אַמאָסאָו. אין לאַגערונג האָבן שוין אַלע געוואַרט אַף פישפאַנג. דאָס האָט אויך באַאומרויִקט ניקיטשען. ווער וועט פאַר איר פאַנגען פיש? זייער אוראַסע*** איז געווען פוסט.

מיט צוויי וואָכן צוריק האָט מען איר פֿאָטער כאַטשימאַס צוזאַ־מען מיט אַפּאַנאַסי אַלעשעקן געשיקט אַף די פיש־געווערבן צו די רוסן צו דערוויסן זיך מיט וואָס האָט זיך פֿאַרענדיקט די מילכאָמע און פֿאַרוואָס פירט מען מער ניט קיין סכוירעס אפן טשומוקאַנער יאַריד.

---

* קאַבאַרגע — אַ צאָפּן־כײַע פונעם מין הירשן.

** קאָרוישקע — נאָמען פון אַ פיש.

*** אוראַסע — אַ בײַדל, געדעקט מיט קאָרע.

פופצן טעג — איז געגאַנגען צײַט אַפ אומצוקערן זיך. נאָר ביז איצט איז ניטאָ ניט אָלעשעק, ניט כאַטשימאַס. ניקיטשען האָט אַפ א מינוט פאַרגעסן וועגן פאַרפאַלענעם הירש און פאַרטראַכט געשפּאַנט איבערן וואַלד, אַראָפּקלאַפּנדיק מיטן שפּיץ אַרקאַן דעם טוי פון די קוסטעס בלויע יאַגעדעס.

זי האָט געטראַכט וועגן אָלעשעקן, וועגן דעם, אַז אין דער גאַנצער טײַגע, צווישן אַלע שוואָטומ — ביטאַלישן, דאָלגאַרישן, בעטוירנישן איז ניטאָ אַזאַ יונגער יעגער ווי ער. און אויב אָלעשעק איז אָרעם און לעבט ווינטער אין פרעמדע יורטעס און פאַרדינגט זיך פאַר א פאַסטעך, איז אין דעם שולדיק נאָר זײַן אײגענע זאָרגלאָזיקײַט און עלנטקײַט. ער האָט געשטאַמט פונעם שיוועט נעגידאַליער, וועלכע מע רופט הירשענע מענטשן.

ניקיטשען איז אַלט פערצן יאָר. אָלעשעק איז מיט צוויי יאָר עלטער פון איר. אָבער אויך זי האָט ניט ערגער פון א דערוואַקסענער פרוי געקענט אַוועקשטעלן אַן אוראַסע און אויסבאַקן פלעצלעך פון פּאַרסע,* ביזוואַנען דער טשײַניק פאַרזידט אַפן שײַטער.

און טראַכטנדיק איצט וועגן אָלעשעקן, האָט זי גערעדט מיט זיך אַלײן ווי א דערוואַקסענע:

„אָך, איז מיר באַשערט מיט אים צאָרעס און אָרעמקײַט!"

אָבער אויב ניט אָלעשעק, איז ווער דען וועט זי נעמען פאַר א ווײַב אַן ווינטערדיקע קליידער, אָן פוטערנע הענטשיקעס אַם פוקסענעם אונטערשלאַק, אָן אויסגענייטע קאַמאַלאַנעס, אָן הירשענע פעלן? זי האָט אפילע ניט קײן אײן ליקע אַף צו באַדעקן דעם כאָסנם אוראַסע.

זיי האָבן פאַרמאָגט אינגאַנצן דרײַ הירשן, אַן אַלטע ביקס, א שאַכטל פּולווער, א שטיקל פאַרוסיגע אַפ א בײַדל. אײנעם פון די דרײַ הירשן האָט כאַטשימאַס אָפּגעגעבן ניקיטשען און געזאָגט:

— מיר זײַנען אָרעם, נאָר זאָל אויך בײַ דיר זײַן, ווי עס פירט זיך בײַ אונדז, דײַן אײגענער סעוואָקין — דײַן ערן-הירש. דו וועסט אים ברענגען צו פירן אין דײַן מאַנס טשערעקע. לאָז אים ניט אײַנ

* פּאָרסע — מעל פון צעמאָלענע פיש.

שפּאַן, שטעל אים ניט אונטער אַ זאַטל, און אויב ער וועט פאַרפאַלן ווערן, זוך אים ניט — דאָס איז דײַן גורל. געדענק, טאָמער ווערט ער קראַנק, וועט מען אים אָוועקהאַרגענען, און דיר וועט מען ניט קויפן קיין נײַעם סוואָקין צו דערשטעכן אים אַף דײַן קיווער.

ניקיטשען האָט צוגענומען איר הירש אין טאָג פון איר מוטערס טויט. זי איז געוואַקסן מיט אים צוזאַמען, און אויסגעלערנט זיך צו וואַרפן דעם אַרקאַן ווי אַ מאַנספאַרשוין, קעדיי צו כאַפּן איר סעוואָקין צווישן אַ פרעמדער טשערעדע.

דער הירש איז געווען אַ גרויסער פון איאַנישער ראַסע. צווישן זײַנע הערנער האָט מען געקאָנט אויפהענגען אַ וויגל מיט אַ יאָריק קינד. ער וואָלט געטראָגן ניט אָנבייגנדיק דעם האַלדז. ניקיטשען האָט דעם הירש גערופן סואָג. ער איז געווען צאַרט, פעסט און ווײַס, ווי יונגער מאָך, און האָט ניט מורע געהאַט אָפּצוגיין פון דער טשערעדע.

גוט איז באַטשימאַסן, אַן אַלטן מאַן, צו זאָגן: „ניט זוך אים, אויב ער וועט פאַרפאַלן ווערן", ער דאַרף ניט קיין סוואָקין, ער דאַרף ניט קיין נײַע אוראַסע.

אָבער ניקיטשען האָט אַרויסגעקוקט אַף אַלעשעקן און האָט זיך נאָך געווונטשן אַ לאַנג לעבן. דער האַזיקער אַלטער מינהג גיט צו זוכן דעם פאַרפאַלענעם סוואָקין האָט איר איצטער אַרויסגעוויזן אומזיניק.

ניקיטשען האָט צוגעלייגט די הענט צום מויל און ווידער אַ רוף געטאָן דעם הירש. איר שטים איז געוואָרן הייזעריק פון דער פרימאָרגנדיקער קילקייט. זי האָט מורע געהאַט, אַז סואָגען האָבן צעריסן די בערן. אַ נאַכט איז הײַנט געווען אַ לעוואָנעדיקע, און אײַנאָוונט, ווען די פרויען האָבן געמאָלקן די הירשן, האָט דער טוי געבריט די הענט. אין אַזעלכע נעכט גייען די בערן צו צום סאַמע לאַגער, און פון דער טשערעדע ווערן פאַרפאַלן ווײַסע הירשן — אין שײַן פון דער לעוואָנע זעט מען זיי אַרויס בעסער פון אַנדערע, ווײַל זיי לויכטן ווי זילבערנע אַשבורים צווישן יאַחלעס.

ניקיטשען איז אַרויס פון דער טײַגע, דער ווינט האָט איר אַ פאַכע געטאָן אין פּאָנעם אַרײַן, אויסגעטריקנט דעם טוי אַף די האָר, אַ שורשע געטאָן אונטער די פיס אין דינעם גראָז. דער וואַלד האָט

זיכ געענדיקט. זײַנ רייעכ און זײַנ שטילקײַט זײַנענ געבליבנ הינטער ניקיטשענס פלייצעס. נאָר איינ ברייטער בלעטער-בוים, ווי ער וואָלט ניט וועלנ נאָכגעבנ דעם יאַם, איז דאָ געוואַקסנ באַם ראַנד פונעם ברעג און אינ ארומגעפליקטער פונ די שטורעמווינטנ האָט ער גע-וויגט זײַנ צוווייענדיקע קרוינ. אפנ סאַמע שפּיצ איז געזעסנ אַנ אָד-לער, א פישפאַנגער. ניט געקוקט דערויפ, וואָס עס איז נאָכ געווענ זייער פרי, איז ער שוינ געווענ זאַט. ניקיטשענ איז שטיל פאַרבײַגע-גאַנגענ דעם בוים, קעדיי ניט באַונרויִקנ דעם פויגל. הויפנס אָנגע-שווומענע געהילצ, פוילנדיקע וואַסערגעוויקסנ און געפייגערטע פיש האָבנ דאָ באַצייכנט דעם גרענעצ פונ הויכע צופלוסנ. א פאַרע איז געשטאַנענ איבער זיי. עס האָט געשמעקט מיט פײַכטנ זאַמד. דער יאַם איז דאָ געווענ ניט טיפ און בלאָס. פונ דעם וואַסער האָבנ ארויסגעשטאַרטשעט פעלדזנ. צווישנ די שטיינער האָט זיכ גערודערט דער צופלוס, וויגנדיק די בלעטער פונ יאַם-קרויט. דער רויש פונעם צופלוס האָט פאַרהוילט ניקיטשענ פונ קאָפּ ביז די פיס, זי האָט זיכ צוגעהערט. די יונגע זונ האָט זיכ אָפּגעשפּיגלט אינ אירע אויגנ. ני-קיטשענ האָט א פאָכע געטאָנ מיטנ אַרקאַנ, ווי זי וואָלט וועלנ אים ארופוואַרפנ אפ דער האַזיקער שטילער הוידעניש פונעם וואַסער. זי האָט געזאָגט:

— „קאַפּסע דאַגאָר“ * — „רייד, פרײַנט”, לאַמישער יאַם.

איר האָט געענטפערט דער פײַפ פונ די וואַלדשנעפנ. זי איז גע-שטאַנענ נאָכ א מינוט ניט באַוועגלעכ. דערנאָכ האָט זי זיכ ארומ-געקוקט אינ אַלע זײַטנ און פלוצלינג גענומענ רוקנ זיכ אפ צוריק, צו-געזעצט זיכ הינטער א שטיינ, אויפגעהויבנ די האַנט צו די אויגנ. זי האָט זיכ צוגעהערט צומ קלאַפּנ פונ איר האַרצנ.

— נ'גאַלענגאַ! — ניקיטשענ האָט אפ טונגוסיש אָנגערופנ דעם בער „שרעקלעכער” און האָט פאַרמאַכט די אויגנ.

אָבער דער בער איז געווענ ווײַט און האָט זי ניט געזענ. ער איז געלעגנ אפנ פעלדז, וואָס איז נידעריק אַראָפּגעהאַנגענ איבערנ סאַמע

* „קאַפּסע דאַגאָר„—רייד, פרײַנט—א יאַקוטישע באַגריסונג, מיט וועלכער עס באַ-נוצנ זיכ די טונגוסנ.

וואַסער, און האָט נאָכגעשפּירט נאָך אַ נערפּע.* עס איז שווער גע־ווען אים אונטערצושיידן פונעם טונקעלן שטיין. איבער די כוואַליעס איז געשפּרונגען די זון. צוגעדריקט דעם קאָפּ צו די לאַפּעס, האָט ער אַכטונג געגעבן אויפן שמאָלן שטעגל, וואָס איז געווען פאַרקלעמט צווישן די שטיינער. דער גרינער צופלוס האָט זיי פאַרגאָסן אַלץ העכער, איבערלאָזנדיק בלויז די אויסגעטאָטשעטע שפּיצן. פון וואַסער האָט זיך אויפגעהויבן דער אויערלאָזער קאָפּ פון דער נערפּע, גלאַנצדיק מיטן נאַסן שטערן. ביים בער האָבן אַ ציטער געטאָן די וויִעס. אָבער די נערפּע איז געווען נאָך ווייט. מע האָט געמוזט וואַרטן, ליגנדיק צוגעדריקט צום שטיין. דער בער איז געווען רויִק — די נערפּע וועט פון אים ניט אַוועק. יעדן פרימאָרגן פלעגט ער אַהער קומען, געלייגט זיך אויפן פעלדז, געוואַרט און געווען זאַט. די נערפּע איז צוגעשווו־מען נעענטער, דער בער האָט זיך עטוואָס אַ רוק געטאָן פאָרויס צום ראַנד פונעם פעלדז. באַלד וועט ער זיך אַ וואָרף טאָן אַראָפּ, אַ שלונג טאָן די ביטערע וואַסער און מיט אַ קלאַפּ פון דער לאַפּע אַרויס־שלײַדערן די נערפּע אויפן ברעג. ער האָט צונויפגעדריקט און פאַנאַנ־דערגעבלאָזן די פּײַכטע נאָזלעכער. דורכן רייעך פון שטיין און פייגלשן מיסט האָט ער שוין געשפּירט דעם געשמאַק פון יאַם־הינ־טישן שמאַלץ.

אָבער פּלוצלינג האָט די נערפּע זיך אונטערגעטוקט. אַ דויערנדיקער געשריי האָט דורכגעשניטן די פּײַכטע לופט. פון בלעטער־בוים האָט זיך אויפגעהויבן דער אָדלער. דער בער האָט אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ. ניקיטישען האָט אויך אַ קוק געטאָן אויפן יאַם. פון הינטער־קאָפּ האָט זיך באַוויזן אַ ווײַסער קוימען. מיטן ווינט איז געשוווּמען אַ קנאָבלדיקער רייעך פון רויך. צוזאַמען מיט אים, ברייט ווי דער צופלוס, האָט זיך געטראָגן צום ברעג אַ רעווען. דאָס האָט די שיף „עלדאָראַדאָ" געגעבן וויסן וועגן זיך די טונגוסן. דער בער האָט מיט־הינטן זיך אַראָפּגעגליטשט פונעם שטיין, שווער אַ שליאַפּע געטאָן אין וואַסער אַרײַן און אַרויס אויפן ברעג. ער איז געשטאַנען אַ ביסל און געקוקט אויפן רעוועדיקן קוימען, אויפן רויך, וואָס האָט געשוואַרצט

---

* אַ יאַם־חײַע פונעם מין יאַם־הינט.

די לופֿט. פֿון זײַן פֿעל איז אַראָפּגערונען דאָס וואַסער אַף די שטיינער. פֿון שרעק האָט ער פֿאַרגעסן זיך אָפּטרייסלען. דערנאָך, ווי קומענדיק צו זיך, האָט ער זיך אָנגעהויבן אַף די הינטערשטע לאַפּעס, אַ ברום געטאָן, אויסגעקערעוועט זיך צו דער טײַגע און געלאָזט זיך לויפֿן. אָבער אויך די טײַגע האָט ניט אָנגענומען די כּײַע. ניקיטשען האָט אים ווידער דערזען, ער איז געלאָפֿן גלײַך אַף איר.

— נ׳גאַלענגאַ — האָט מיט שרעק געשעפּטשעט ניקטשען. — איך האָב צו דיר קיין טײַגעס ניט פֿאַר סואָנען. ער איז דײַנער!

זי האָט דאָס געזאָגט, קעדיי אָפּצוקערן פֿון זיך דעם צאָרן פֿונעם באַלעבאָס פֿון דער טײַגע, האָט זיך אָוועקגעלייגט און שטאַרקער זיך צוגעדריקט צום שטיין.

דער בער האָט זי ניט געזען, ניט געהערט איר געבעט. ער האָט זיך דורכגעטראָגן פֿאַרבײַ, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ געשטאַנק.

ניקיטשען האָט אָנגעהויבן דעם קאָפּ, דעם בער האָט מען שוין ניט געזען צווישן די קוסטעס און יונגע בעריאָזעס, וואָס זײַנען געוואַקסן אַפֿן בערגל.

ווידערהאַמאָל געוואָרן שטיל. אַף רעכטס באַדעקט מיט טונקעלן וואַלד האָט זיך געהויבן אין פֿוסטן הימל די סאָפּקע סואַרדאָן. ניי־דעריק איבערן ראַנד פֿון דער טײַגע זײַנען געפֿלויגן שוואַגען.

אַפֿן ראַנד פֿון וואַלד האָבן זיך באַוויזן מענטשן.

ניקיטשען האָט זיך אָנגעהויבן און אַוועק זיי אַנטקעגן. זי האָט דערקענט אַלעשקען און איר פֿאָטער, וואָס האָבן געשפּאַנט פֿאָרויס, ווי עס פּאַסט פֿאַר באַגלייטער. די איבעריקע האָט זי ניט געקענט.

זיי זײַנען געווען אַכט מאַן, אַלע געקליידט אַלצייגס, אין ברייטע הויזן און העמדער פֿון אַלטער פֿאַרוסינע, וועלכע, ווײַזט אויס, איז שוין איינמאָל באַנוצט געוואָרן אַף פּאַלאַטקעס. נאָר מער פֿאַר אַלץ האָט פֿאַרוואונדערט ניקיטשען, וואָס אַף יעדערן פֿון זיי איז געווען הויכע שטיוול און אַף אַ רימען הינטער די פּלייצעס — אַ ביקס.

עלף הירשן באַזאָטלטע מיט אײַזערנע קאַסטנס זײַנען געשטאַנען פֿונדערווײַטנס, זייערע פֿיס האָבן געציטערט, די מאַסע איז געווען אַ שווערע.

„רוסנ" — האָט א טראַכט געטאָנ ניקיטשענ — אַפ וואָס האָט זיי געבראַכט אהער איר פֿאָטער און וואָס דאַרפֿנ זיי?"

זי איז צוגעגאַנגענ, באַגריסט זיכ מיטנ פֿאָטער, געגעבנ די האַנט אַלעשעקנ און נאָכ צוויי, וואָס זײַנענ געשטאַנענ נעענטער (פֿאַר רוסנ זאָל זײַנ ווי עס פֿירט זיכ בײַ רוסנ). קיינ גרעסערע באַגריסונג האָט זי ניט געקענט אויסדריקנ די געסט.

די רוסנ האָבנ צוגענומענ איר קליינע האַנט מיט געלעכטער.

— מײַנ טאָכטער, קאַפּיטאַנ, — האָט געזאָגט באַטשימאַס, ווענ־דנדיק זיכ צום עלטסטנ. ער האָט געוואונדערט ניט ווײַט פֿונ די גע־ווערבנ און האָט ניט שלעכט גערעדט רוסיש.

ניקיטשענ האָט א קוק געטאָנ אויפֿנ עלטסטנ. ער האָט איר אויסגע־זעזנ יינגער פֿונ די אַנדערע. זײַנ פּנים איז ניט געווענ באַוואַקסנ מיט א באָרד, געווענ נאָר פֿאַרברויגט פֿונ דער זונ. אויפֿנ שטערנ און הינטער די אויערנ האָבנ זיכ געדרייטלט טיפֿע מיט בלוט אָנגעגאָסענע פּליאַמעס. דאָס האָבנ אימ די קאָמאַרעס אַזוי צעביסנ. ער האָט אַראָפּ־געלאָזט דעמ אַלטנ טעאַטער־בינאָקל, אינ וועלכנ ער האָט געקוקט אויפֿנ יאַמ, באַגלייטנדיק די אָפּשווימענדיקע שיפֿ, און האָט זיכ געווענדט צו באַטשימאַסנ.

— פֿרעג בײַ איר, צי זײַנענ געווענ אינ טשומוקאַנ די יאַפּאַנער?

און באַטשימאַס האָט געזאָגט צו ניקיטשענ:

— הערצייל!

— סואָנ איז פֿאַרפֿאַלנ געוואָרנ! אימ זוכ איכ פֿונ סאַמע באַגינענ.

— די קאָריושקע האָט מענ שוינ געטריקנט. דער אַלטער אַמאַסאַנ האָט צוגעזאָגט אונדז געבנ א גאַנצנ זאַק. איכ האָב פֿאַריכט זײַנ נעצ. און פּראָקאָפּי האָט דערהאַרגעט א קאַבאַרגע און מיר האָבנ געגעסנ פֿלייש. — ניקיטשענ האָט געזאָגט אַלצ, וואָס האָט געקענט אינטער־רעסירנ דעמ פֿאָטער. א ביסל א טראַכט געטאָנ, האָט זי צוגעגעבנ: — און קיינ מעל האָבנ מיר ניט און ניטאָ אויכ קיינ פּאָרסע. דײַנע געסט זײַנענ איבעריקע.

די נײַעס זײַנענ געווענ אינטערעסאַנטע. באַטשימאַס האָט פֿאַרגעסנ וועגנ די יאַפּאַנער, אָבער מיט דער טאָכטער איז ער געבליבנ ניט צופֿרידנ. איר קאַרגשאַפֿט, וועלכע איז פֿרעמד פֿאַר טונגוסנ, האָט אימ

פאַרוואונדערט. אינ וועמענ איז זי געראָטנ, די דאָזיקע קליינע ניקיטשענ. איר מוטער איז געווענ א גוטע פרוי.

— געסט זײַנענ קיינמאָל ניט איבעריק! — האָט ער שטרענג געזאָגט. — אויב דער באַלעבאָס האָט ניט, איז קענ זײַנ האָט דער גאַסט, און ביידע וועלנ זאַט זײַנ. קיינמאָל זאָלסטו וועגנ דעם ניט טראַכטנ, ניקיטשענ! און דײַנ סאָנ האָבנ מיר געזענ, ער איז אוועקגעלאָפנ צום בערישנ טײַכל. אָלעשעק וועט דיר העלפנ אים כאַפּנ.

כאַטשימאַס האָט אָנגעוויזנ אינ יענער זײַט, וווהינ עס איז אַנטלאָפנ דער הירש. דערנאָך האָט ער פאַרויכערט א לאַנגע ליולקע אונ זיכ געווענדט צום רוסישנ:

— ניטאָ קיינ יאַפּאַנער, כאַווער!

— וועמעס שיפ איז דאָס, דו ווייסט ניט, כאַטשימאַס?

— איכ זע פּונקט אַזוי ווי דו נאָר רויכ. אָבער די שיפ שווימט צו טוגור, אונ מיר גייענ קיינ טשומוקאַנ, אונ אונדזערע שפורנ גייענ זיכ ניט צונויפ.

דער אָטריאַד האָט זיכ אוועקגעלאָזט ווײַטער.

— טשאַ! — האָט כאַטשימאַס א געשריי געטאָנ אפ די הירשנ.

די פעק האָבנ א שוקרשע געטאָנ אונ די נידעריקע צווײַגנ פונ די אַש־גרויע בעריאָזעס, וואָס האָבנ געבלישטשעט אפ דער זונ.

די מענטשנ האָבנ זיכ איינער נאָכנ אַנדערנ אוועקגעלאָזט נאָכנ אַבאָז. זייערע שווערע שטיוול האָבנ איבערגעלאָזט אפנ גראָז א באַמערקבאַר שטעגעלע, איבער וועלכנ עס וועט לאַנג נאָכדעם גיינ א יעגער.

2. סאָנ דער ווײַסזײַטיקער

אָלעשעק אונ ניקיטשענ האָבנ זיכ אוועקגעלאָזט אינ אנ אַנדער זײַט זוכנ סאָנעס אונ ביזוואַנעס. זיי זײַנענ געגאַנגענ מיטנ ברעג. האָט זיי דער יאַם באַגלייט מיט א פּליעסקערײַ. די זונ האָט זיכ אופגעהויבנ העכער. דער יאַם האָט געבלישטשעט ווי א פרישער שניט אפ בלײַ. דער ווינט האָט שטיל געפײַפט אינ דער רער פונעם ווינטשעסטער, וואָס אָלעשעק האָט איצטער געטראָגנ, ווי די רוסנ, אפ א רימענ הינטער דער פּלייצע.

— נעמ אראָפּ די ביקס! — האָט געזאָגט ניקיטשענ — איכ האָב דאָ נאָענט געזענ א נ׳גאלעננע.

— ווו? — האָט פלינק געפרעגט אָלעשעק אונ א כאַפּ געטאָן. זיב פארנ ווינטשעסטער.

— אײַל זיכ ניט, ער איז שוינ ווײַט.

ניקיטשענ האָט דערציילט ווי דער בער האָט געוואָלט כאַפּנ די נערפּע אונ ווי ער איז אנטלאָפנ, איבערלאָזנדיק שפּורנ אפנ זאמד.

אָלעשעק האָט געלאכט.

— ער קאָנ נאָכ פייגערנ פונ שרעק. מע דארפ אימ א זוכ טאָנ.

— זוכ ניט, כ׳האָב מוירע אפילע פאר א טויטנ נ׳גאלעננע.

— האָב קיינ מוירע ניט, ניקיטשענ, ווענ איכ בינ מיט דיר — האָט גאדלעסדיק געזאָגט אָלעשעק אונ אוועקגעשפּאנט פּאָרויס. אפּ יעדנ פאל האָט ער פונדעסטוועגנ אראָפּגענומענ די ביקס פונ פּלייצע.

באמ קאָפּ, וואָס האָט ווײַט זיכ ארײַנגעשניטנ אינ יאמ, האָבנ זיי פארקערעוועט אינ דער טײַגע. דער ברעג איז דאָ געווענ א הויכער, די שטיינער האָבנ זיכ געוואָרעמט אפ דער זונ. עס האָט געשמעקט מיט וואָרעמער מאָכ. צווישנ די שטייגער זײַנענ געוואקסנ געדיכטע צעדערבוימלעכ אונ דינע נאקעטע פיכטעס.

אונ סאמע אויבנ איבערנ יאָמ האָט מיטאמאָל זיכ אָנגעהויבנ די טײַגע, א הויכביימערדיקע, א טונקעלע מיט שטיקנדיקנ טערפּענטינ־רייעכ פונ איאנער יאָדלעס. דאָ האָט אָלעשעק זיכ אָפּגעשטעלט, צו־געוואָרט אפ ניקיטשענ אונ אָפּגעווישט דעמ שווייס פונ פּאָנעמ.

— סואנ איז ערגעצ ניט ווײַט! לאָמיר אימ א זוכ טאָנ ערגעצ אינ טאָל.

אָבער געפונענ האָבנ זיי אימ ניט גיכ. ביידע זײַנענ געווענ ניט אויפמערקזאמ אונ האָבנ געטראכט יעדנ עפּעס אנדערש. צוויי וואָכנ האָבנ זיי זיכ ניט געזענ. פאר זייער פרײַנטשאפט איז דאָס געווענ א היפּשער טערמינ. ניקיטשענ, נאָכגייענדיק נאָכ אָלעשעקנ, האָט גע־קוקט אויפ זײַנ פּלייצע מיט קינגע. ער איז געווענ אפ די געווערבנ בא די רוסנ, ער האָט א סאכ געזענ אונ קאָנ א סאכ דערציילנ. אָבער אָלעשעק האָט געשוויגנ. אונ ניקיטשענ האָט פונ קליינלעכנ גאדלעס ניט געוואָלט פרעגנ, אונ זיי האָבנ גערעדט וועגנ קלייניקייטנ: וועגנ

דער נייער קאַפּטאָרגע, וואָס ניקיטשענ האָט אויסגעבויט פאַר אַלע־שעקנ מיט בלויע פּאַטשעריקעס אונ פאַרשיידנ־קאָלירנדיקע פּעלעכלעכ, וועגנ דער נייער ליולקע, וואָס אַלעשעק האָט געמאַכט פונ פוילבוים.

ענדלעכ האָט דאָס מיידל ניט אויסגעהאַלטנ אונ געפרעגט:

— ווער זיינענ זיי, די האָזיקע געסט, וואָס זיינענ געקומענ מיט אייכ אָפ די הירשנ?

— רויטע — האָט געענטפערט אַלעשעק.

— זיי זיינענ ווייסע! — האָט איינגעשפּאַרט געזאָגט ניקיטשענ, דערמאָנענדיק זיכ אָנ די פאַרוסיינענע הויזנ פונ די רוסנ.

— זיי רופנ זיכ אָנ רויטע! דאָס באַטייט בא זיי אָרעמע מענטשנ. זיי האָבנ פאַרטריבנ פונ די געווערבנ די סאָלדאַטנ אונ די באַלעבאַ־טימ אונ איצטער האַלטנ זיי מילכאָמע מיט די יאַפּאַנער. זיי האָבנ דערהאַרגעט דעם קייסער — אונ קענענ דערהאַרגענענ דעם אוראַדניק מאַטווייטש, וואָס וווינט אינ טשומוקאַנ באַמ סויכער גריבאַקינ אונ־טערנ אייזערנעמ דאַכ אונ וועלכער האָט געטויפט דיכ, ניקיטשענ, אונ האָט דיר א נאָמענ געגעבנ מאַרפּע.

— אזוי בייז זיינענ זיי? — האָט מיט שרעק געפרעגט ניקיטשענ.

— אזוי שטאַרק זיינענ זיי. — האָט געענטפערט אַלעשעק.

ניקיטשענ האָט מיט צווייפל אָפ אימ א קוק געטאָנ. אָבער אויב אַלעשעק רופט זיכ אזוי גוט אָפ וועגנ די דאָזיקע מענטשנ, אונ דער טאַטע האָט זיי אָהער דורכגעפירט דורכ טייגע אונ זומפּ, הייסט עס, זיינענ זיי גוטע. אונ ניקיטשענ האָט מער ניט געפרעגט וועגנ די רוי־טע.

— אָט איז סואָנ! — האָט זי פלוצלינג אויסגעשריענ. — טו א קוק, אַלעשעק.

א דרייסיק שפּאַנ פונ זיי, אונטער א יאָדלע, וואָס האָט אינ דער טונקלקייט אויסגעוויזנ בלוי, איז געשטאַנענ דער הירש, דעמ קאָפּ פאַרהויבנ אַרופ, אונ האָט געריסנ דעם מאָכ, וואָס איז אַראָפּגעהאַנ־גענ פונ די אונטערשטע צווייגנ. ער האָט אויסגעשטעקעוועט די אויערנ אָפ דער באַקאַנטער שטימ פונ דעם מיידל. א פּאָר רעגעס האָט ער געקוקט אָפ די צוגייענדיקע מענטשנ, דערנאָכ א וואָרפ געטאָנ זיכ אינ א זייט, שלעפּנדיק אָפנ האַלדז די איבערגעריסענע פּענטע.

— צו וואָס שרעקסטו אים? — האָט געזאָגט מיט פאַרדראָס אַלע־שעק. — א פאַרשאָלטענע כיַיע! אים איז שווערער צו כאַפּנ ווי א סויבל. פאַרגיי פונ לינקס אונ יאָג אים גליַיכ אפ מיר.

אַלעשעק האָט גענומענ פונ ניקיטשעס הענט דעם ארקאַנ, פאַנאַנ־דערגעוויקלט אים, ווידער צונויפגעוויקלט, אויספּרוווּנדיק זיַינ אייגענע פלינקייט. דער ארקאַנ איז געווענ א שווערער, א לאַנגער, צונויפגע־פלאָכטנ מיט דינע רימענס, — אנ עמעסער פאַסטעכישער ארקאַנ. אזא ארקאַנ האָט אַלעשעק באַהערשט ווי קיינער ניט. ער האָט זיכ אוועקגעשטעלט הינטער דער יאַדלע, צוגעדריקט זיכ צום שטאַם. ני־קיטשעס שטימ — אַט דערנעענטערט זי זיכ, אַט ווערט זי אנשוויגנ. פונ א צאַרטנ רופ אַט ווערט זי פאַרוואַנדלט אינ א געשריי פונ פאַר־דראָס, אונ דערנאָכ ווערט זי גאָר א וויינענדיקע. עס ברעכנ זיכ צוויַיגנ אונ עס הערט זיכ א ווייכ טופּעג, אפ וועלכנ די טיַיגע ענט־פערט מיט שטילנ געוויש פונ די ביימער־שפּיצנ. סוואָנ האָט זיכ גע־פלאָנטערט צווישנ די ביימער אונ ניט געגעבנ זיכ אינ די הענט.

— פאַרשאָלטענע כיַיע! — האָט איבערגעכאַזערט אַלעשעק. — איכ וועל אים טויטנ, אויב ער וועט אריַינפאַלנ אינ מיַינ טשערעדע.

צווישנ די ברוינע שטאַמענ האָט דורכגעשוימט סוואָנס ווייַסער קאָפּ. ער האָט זיכ דורכגעטראָגנ פאַרביַי אַלעשעקנ מיט הערנער, פאַר־וואָרפענע אפ הינטנ.

דינ האָט א פּיַיפּ געטאָנ דער ארקאַנ. אונ ווי נאָר דער גלי־טשיקער רימענ האָט זיכ אָנגערירט אָנ די הערנער, איז דער הירש גליַיכ שטיינ געבליבנ ווי אים וואָלט אָפּגעשטעלט אנ אומזיכטבאַרע האַנט. ער האָט אפילע מיטנ קאָפּ ניט קיינ ריר געטאָנ, א פּרווו מאַנ אראָפּוואַרפנ דעם שלייפ, וואָס האָט זיכ קוים געהאַלטנ. מיט אראָפּגע־לאָזטע הערנער האָט ער געוואַרט ביז אַלעשעק האָט זיכ צו אים דער־נעענטערט אונ ארומגענומענ פארנ האַלדז. דעמלט האָט ער א ציטער געטאָנ אונ א זיפצ געטאָנ אינ פּאָנעמ אריַינ דעם נעגכאַליער — דעם הירשענעמ מענטש.

באַטאָג זיַינענ אַלעשעק אונ ניקיטשעס ווידעראַמאָל געזיצנ אפּנ ברעג פונ יאָמ. פּונקט ווי אינדערפרי, אזוי האָבנ אויכ איצטער איבער די פעלדזנ זיכ ארומגעטראָגנ די וואַלדשנעפּנ.

עס איז שוינ געווענ דער אָפּפלוס. דער יאַם איז אָפּגעטראָטנ פונ ברעג. עס האָט געטריקנט אונ געוואַרעמט זיכ דער זאַמד. די נערפּעס זײַנענ צוגעשוווּמענ צו די שטיינער, — אויסשלאָפנ זיכ אונ אָנוואַרעמענ זיכ. ווײַט הינטער די סאָפּקעס האָט געברענט די טײַגע אונ דער האָריזאָנט איז דאָרטנ געווענ פאַרצויגנ מיט רויכ, וואָס האָט אויסגעזענ ווי בערג.

ניקיטשענ איז געווענ פרייליכ. זי האָט ווידער איר ערנ־הירש, וועלכנ אַלעשעק האָט געפירט פאַרנ צוים. ווידער איז מיט איר אַלעשעק, דער באַווער פונ אירע קינדערשע שפּילנ, דער יעגער אונ הירשנ־פּאַסטעכ. ווי שיינ ער איז!

ער איז געווענ שלאַנק אונ צאַרט. שמאָלע אויגנ, וואָס זיצנ אַזוי גלײַכ. אַ גרויסער פרייליכער מויל — זײַנ גאַנצער פּנים מיט געלבלעכע פלעמעלעכ אַפּ די קינבאַקנ האָט אויסגעדריקט זיכערקייט אונ אָפנהאַרציקייט. די דינע פיס האָבנ ניט געוווּסט פונ קיינ מידקייט. ער האָט גרינג געשפּאַנט איבער שטיינער, ווי ער וואָלט ערשט הײַנט פאַרלאָזט די אוראַסע. אונ נאָר דאָס גראָז, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פונ זײַנע צעריסענע אַלאַטשנ, דאָס שוואַרצע גראָז, וואָס איז געווענ צעפוילט פונ שווייס, האָט דערציילט וועגנ לאַנגנ וועג, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט. ער וואָלט געקאָנט דעמ דאָזיקנ וועג נאָכ פאַרלענגערנ, ער וואָלט געקאָנט וואַנדערנ אָנ אַ סאָפ. צוליב דעמ האָט ער באַדאַרפט ניט קיינ סאַכ: אַ הירש, אַ ביקס אונ אַ ווינט, וואָס זאָל בלאָזנ פונ יאַמ אונ אָפּטרײַבנ פונ דער טשערעדע דעמ גנוס. אָבער אויכ דאָס האָט אַלעשעק ניט פאַרמאָגט. אויסער דעמ ווינט איז אַלצ געווענ פרעמדס. אַפילע די ביקס האָט געהערט דעמ סויכער גריבאַקינ, בא וועלכנ אַלעשעק האָט פאַראַיאָרנ ווינטער אָנגעטריבנ נאַרטעס מיט סכוירע. נאָכ צוויי פוקסנ אונ אַ האַרבסטיקנ פעל פונ אַ הירש דאַרפ ער אָפּגעבנ פאַר דעמ דאָזיקנ ווינטשעסטער. אונ דער ווײַסזײַטיקער סואָנ? צי וועט ער אַמאָל זײַנ אײַנ זײַנ טשערעדע? ווו וועט ער נעמענ הירשנ אָפּ באַצאָלנ קאַליִמ דעמ אַלטנ באַטשימאַס? אומזיסט וועט ער דאָכ אימ ניקיטשענ ניט אָפּגעבנ.

אָבער די אומעטיקע געדאַנקענ האָבנ ניט באַאומרויִקט אַלעשעקנ, ער

איז געווענ אנ אָווענער*) אונ איז געווענ יונג. נאָר פאראנ גענוג ניט קיינ באטראָטענע שטעגנ, גענוג ניט קיינ אויסגעשפּירטע כּיעס אונ ניט קיינ דורכגעלעבטע צייט.

ניקיטשענ איז אָפּגעשטאנענ. פונ באגינענ איז זי אפ די פיס. איר פּאָנעם, וואָס איז געווענ שמאָלער אונ העלער ווי בא אָלעשעקנ, האָט אויסגעדריקט מידקייט.

אָלעשעק האָט אפ איר צוגעוואָרט אונ געפרעגט מיט א שמייכל.

— צי ניט דערפאר האָט מענ דיכ אָנגערופנ ניקיטשענ**) ווייל דו גייסט לאנגזאמ, ווי א קאטשקע?

— ניינ! — האָט געענטפערט דאָס מיידל — אינ האָרבסט אינ דער שאָ, ווענ איכ בינ געבוירנ געוואָרנ, זיינענ איבער אונדזער אוי־ראסע דורכגעפלויגנ ענטלעכ, דער פייפ פונ זייערע פליגל האָט פאר־לאָשנ דאָס פייער אינ אייוועלע; אונ די מאמע האָט א געשריי געטאָנ: „ווער איז!” דער טאטע האָט איר געזאָגט: „ניקיטשענ”. אונ מיד בינ איכ דערפאר, ווייל א גאנצנ פרימאָרגנ האָב איכ געזוכט סואָזענ.

אָלעשעק האָט אופגעהויבנ ניקיטשענ אונ אוועקגעזעצט זי אפנ הירזש. דערנאָכ האָט ער ארייגעגערוקט די האנט אינ זעקעלע, וואָס איז געהאנגענ בא אימ אפנ פּאָס, ארויסגענומענ א ביינע ליולקע, טאבעק אונ א פּעקל יאפּאָנישע גאלעטנ. ניקיטשענ האָט אויסגעשטרעקט די האנט נאָכנ טאבעק, נאָר אָלעשעק האָט איר געגעבנ די גאלעטנ.

— עס! דאָס האָבנ מיר געגעבנ די רויטע.

— גוט איז דיר געווענ בא זיי?

— איכ בינ געווענ זאט יעד טאָג. — האָט געענטפערט אָלעשעק.

— אָ־אָ! — האָט מיט אנציקונג אויסגערופנ ניקיטשענ — דיר איז געווענ גוט.

זי האָט הילכיק א בים געטאָנ דעמ גאלעט, באוויזנדיק דערביי ברייטע ציינ, נאָכ ניט געל געוואָרענע פונ טאבעק. איר פּאָנעמ האָט זיכ צעשוואומענ. די פּלאָטשיקע נאָז איז פארשוואונדנ אונטער די

---

* אינ פארשיידענע ערטער רופנ זיכ די טונגוסנ פארשיידנ: אָווענער, סאכנ, דאָנקנ, אומעטום באטייט עס—מענטשנ.

** ניקיטשענ—אפ טונגוסיש א קאטשקע.

רוחעס פֿונ די שאַרפֿע ברעמענ אונ די אויגנ אונטער די דיקע וויִעס האָבנ זיכ אָנגעצונדנ אינ פֿאַרגעניגנ. זי האָט אופֿגעגעסנ דאָס גאַנצע פֿעקל, וואָס האָט געקאָנט קלעקנ א דערוואַקסענעמ אפֿ א טאָג. ברעק־לעכ שאָקאָלאַדישע טאַלעטנ זײַנענ פֿונ ניקיטשעס ליפּנ געפֿאַלנ אפֿ סואָנס ווײַסער פֿעל. ער האָט זײַ אַראָפּגעטרייסלט אפֿ דער ערד, אַראָפּגע־לאָזט דעמ שײַגעצ קאָפּ, צוגעשמעקט זיכ צו זײַ, אָבער ניט געגעסנ אונ נאָר אויסגעבלאָזנ מיט די נאָזלעכער דעמ טרוקענעמ זאַמד.

נאָענט איז געווענ דער לאַגער, אָבער פֿונ הינטערנ קאָפּ האָט מענ ניט געזענ ניט קיינ רויכ, ניט די טשומאַקאַנער הײַזער. דער ברעג אונ דער יאַמ האָבנ ווי פֿריִער אויסגעזענ פּוסט. די אָדלערס האָבנ גע־כאַפּט פֿיש. די יאַמ־קרויט האָט געפֿוילט אפֿנ זאַמד. דער ווינט איז געוואָרנ שטילער, אונ אפֿילע איבערנ סאַמע וואַסער, איבערנ אָפּבלוס, ווו די שוואַרצע שטיינער האָבנ לאַנגזאַמ זיכ געהויבנ פֿונעמ יאַמ, האָבנ זיכ באַוויזנ גנומ אונ קאָמאַרנ.

3. קאַפּיטאַנ סידנייס אוריײניקל

הערבערט הוטשינסאָנ האָט זיכ געלאַנגווײַליקט אינ זײַנ קאַיוטע. אָכאָרסטקער יאַמ האָט בײַ אימ געשאַפֿנ א שלעכטע שטימונג. פֿאַרנ גאַנצנ וועג פֿונ סאַכאַלינ ביז טוגור האָט ער אינ זײַנ טאָגבוכ ניט אַרײַנגעשריבנ קיינ איינ נאָטיצ. כאָטש ער האָט בעדייע געהאַט צו פֿאַרשרײַבנ אַלע זײַנע באַאָבאַכטונגענ. ער האָט ניט אַזוי ליב געהאַט דעמ צאָפּנ, ווי דאָס האָט אימ אויסגעוויזנ אינ סאַנ־פֿראַנציסקער קאָלעדזש.

הײַנט האָט ער ענדלעכ פֿאַרשריבנ:

„דאָס איז א יאַמ פֿונ בענקשאַפֿט, וואָס איז אַרײַנגעקוועטשט צווישנ ברעג אונ אָקעאַנ. כמורנע וואַסער אָנ א האָריזאָנט. א גאַנצנ טאָג סטאַרטשענ פֿאַר די אויגנ די שאַנטאַרער אינדזלענ, לאַנגווײַליקע, ווי דער פּעטער דזשילבערט אינ זײַנ גרינעמ רעקל אונ גומענע שטיוול. אָבער ער איז גאָר ניט אַזוי לאַנגווײַליק ווי שווינדלעריש. איכ האָב מוירע, אַז דער דאָזיקער פֿלוט וועט מיר אָנפֿײַפֿנ אפֿ זײַנ שווימענדיקנ גראַמאָפֿאָנ“.

הערבערט הוטשינסאָנ האָט געהאַט א גרונט צו זײַנ ניט צופֿרידנ

מיטנ אכאטסקער יאמ, מיט זײַנ פעטער אונ מיט דער שיפ „עלדאָראדאָ", וואָס איז איבערגעמאכט געוואָרנ פונ אַנ אלטער שכונע.

דער גאנצער פראכט האָט געהערט הוטשינסאָנענ. דאָס זײַנענ געווענ סכוירעס, וואָס הערבערטס פעטער — אָסוואלד דזשילבערט — דער באַלעבאָס אונ דער קאפיטאנ פונ „עלדאָראדאָ", וואָס איז שוינ א יאָר צענ ארומגעשוואוּמענ צווישנ אליאסקע אונ קאליפאָרניע, — האָט צוגעזאָגט פארקויפנ מיט רעוועכ אפנ אָכאָטסקער ברעג.

הוטשינסאָנ האָט דערווײַלע קיינ גרויסע גליקנ ניט געזענ.

ער האָט אַרײַנגעלייגט אינ די סכוירעס זײַנ גאנצנ פארמעג, אונ האָט זיכ געקליבנ גוט דערופ פארדינענ, קעדיי נאָכדעמ זיכ מאכנ א קאריערע פונ א געלערנטנ.

ער האָט געטרוימט צו ווערנ אַנ אַנטראָפּאָלאָג. ער האָט געטאָנ אַזעלכעס, וואָס קיינמאָל וואָלט עס ניט געטאָנ דער פעטער דזשילבערט: ער האָט אויסגעלערנט די רוסישע שפראכ אונ עטלעכע יאקוטישע ווערטער. וואָס אָנבאלאנגט זײַנע געשעפט־פייִקײַטנ האָט ער אינ זיי ניט געצווייפלט, האָבנדיק הינטער זיכ דרײַ דוירעס קאפיטאנעס אונ סאָכרימ.

אָבער פונ סאמע וולאדיוואָסטאָק אָנ האָט ער גאָרניט פארקויפט. נעכטנ האָט זיי אינ טאָטערשנ דורכגוס בא דע־קאסטרי אָפּגעשטעלט א יאפּאנישער מינענטרעגער. ער איז געשטאנענ אינ דער ברייט פונעמ פארוואטער, ווי ער וואָלט געהיט דעמ נעפל. די אמעריקאנישע פאָנ האָט ניט פארהיט „עלדאָראדאָ" פונ אַנ אונטערזוכונג. מע האָט געמוזט עפענענ די טריומענ אונ באווײַזנ פאר די יאפּאָנער די זעק מיט מעל אונ רײַז, די יענגערשע העק, די שטיקער פליוש אונ ציצ, וואָס זײַנענ אויסגעלייגט, ווי אינ א קראָמ, אפ פאָליצעס.

באגלייטנדיק די יאפּאָנער ביזנ טראפ, האָט הערבערט הוטשינסאָנ זיכ פארשאפט דעמ פארגעניגנ אונ געזאָגט דעמ אָפיצער:

— אומזיסט זוכט איר באָלשעוויקעס אפ אַנ אמעריקאנישער שכונע. זיי זײַנענ דאָרטנ בא זיכ אינ דער היימ, — אונ האָט אָנגעוויזנ אפנ מינוריעוו, פונוואנענ עס האָט געבלאָזנ א בריז * וואָס האָט געבראכט

* בריז — א יאמ־ווינט.

צו טראָגנ פונ ברעג א רייעכ פונ נאָדל־וועלדער. — איכ ווייס ניט, צי אונדז וועט זיכ אײַנגעבנ דורכגיינ ביז ניקאָלײַעווסק. אײַכ, דאכט זיכ, האָבנ די באָלשעוויקעס ניט געלאָזט?

— איכ ווייס ניט! — האָט גאנצ ערנסט אפ ענגליש מיט אנ אק־צענט געענטפערט דער אָפיצער.

הוטשינסאָנ האָט אזוי אויכ געוווּסט, אז קיינ ניקאָלײַעווסק איז ניטאָ וואָס צו גיינ. די פארטיזאנער זײַנענ אוועק אינ דער טײַגע, די שטאָט איז געווענ פארלאָזט אונ האָט געברענט. לעבנ דער לעפצונג פונ אמור האָט „עלדאָראדאָ“ באגעגנט מעווענ מיט אָפגעבראָכענע פליגל. עס זײַנענ געשוווּמענ טויטע קערפערס, די נאכט האָט געאָטעמט מיט סמאָלעניש.

זיי האָבנ פארקערעוועט אונ ביז באגינענ געגאנגענ אפ צאָפנ.

— נאָכ בעסער, — האָט אינהערפרי געזאָגט דער קאפיטאנ דזשיל־בערט. — מיר גייענ קיינ טשומוקאנ. מיר געפעלנ די באָלשעוויקעס! זיי צערעכענענ זיכ ווי עס דארפ צו זײַנ מיט די געלפעגנעבדיקע!..

— נאָכ בעסער! — האָט אונטערגעכאפט הערבערט הוטשינסאָנ, — ניט די באָלשעוויקעס, נאָר די יאפאָנער ליגט איצט ניט אינ קאָפ צו פארנעמענ זיכ מיט אונדז. מיר דארפנ פארגיינ קיינ טונגיר, דאָרטנ קאָנענ זײַנ טונגוזנ.

דער קאפיטאנ דזשילבערט איז געווענ גרוי, דיק אונ האט ניט ליב געהאט קיינ אומדערוואַרטקײַטנ. ער האָט מיט פארוווּנדערונג א קוק געטאָנ אפנ פלימעניק.

— צוליב דעמ וועט אויסקומענ פארקערעוועג אפ צוריק אונ מאכנ איבעריקע זיבעציק מײַל.

— א שאָד! אָבער דאָס איז ניט זייער פיל. מע דארפ דאָכ א קוק טאָנ ווו עס האָט געוויינט מײַנ מעשוגענער עלטערזיידע. ווענ ניט ער, אפ מײַנ וואָרט, וואָלט איכ ניט אריינגעקראָכנ אינ אזא טײַוולשנ קרעמל, — האָט אײַנגעשפארט געזאָגט הערבערט.

א מעסיק דארער, א וווּקסיקער וואָלט ער געהאט א גאנצ אָנגענע־מענ אויסזענ, ווענ ניט די העלע אויגנ, וואָס האָבנ געקוקט צו קאלט אפנ פּאָנעמ, א רויט־פלאמיקנ פונ ווינט.

דער פעטער הושילבערט האָט זיכ פארקרימט. אָבער איצטער איז ער געווענ ניט מער ווי א קאפיטאנ פונ א געדונגענער שיפ.

— באהיט מיכ גאָט! — האָט ער א בורטשע געטאָנ — צו פירנ ערנסטע געשעפטנ מיט אזעלכע שנעקעמ.

ניט דערגייענדיק ביז טשומוקאַנ, האָט „עלדאָראַדאָ" פאַרקערעוועט צוריק אונ גענומענ א קורס צו טוגורער קאַפּ. פונעמ רעכטנ באָרט האָבנ אפנ האָריזאָנט ווידער זיכ באוויזנ די שאַנטאַרער אינדזלענ ווי שווארצע פלעצל אפ א בלויער טאצ זײַנענ זיי געלעגנ אפנ קאַלטנ יאמ. עס איז געווענ שטיל, נאָר געדאכט האָט זיכ, אז די שטורעמס דרעמלענ צווישנ די קווארצ-פעלדזנ.

אינ הערבערטס פאמיליע האָט נאָכ געלעבט א לעגענדע אז דער עלטערזיידע סידניי הוטשינסאָנ, דער שקיפער פונ א וואלפיש-פאנגערישער שכונע, האָט פינפ יאָר אָפּגעלעבט אינ די האָזיקע ערטער. ער האָט זיכ באזעצט אינ דער לעפצונג פונ טײַכ טוגור, אויסגעבויט א הויז מיט באמבוקענער וואסערלייטונג, כאסענע געהאט מיט א טונגוסישער פרוי, פארנומענ זיכ מיט געיעג אפ סויבלענ אונ ענדלעכ זיכ אומגעקערט קיינ סאנ-פראנציסקאָ איינער אליינ מיט א גרויסנ קאפיטאל.

איצטער האָט הערבערטנ זיכ געוואָלט א קוק טאָנ אפנ דאָזיקנ הויז.

ער איז געווענ סענטימענטאל אינ יענע פאלנ, וואָס האָבנ א שײַכעס געהאט צו דער פאמיליע הוטשינסאָנ.

באטאָג האָט „עלדאָראַדאָ" פאראנקערט זיכ באמ ארײַנגאנג אינ טוגורער בוכטע אונ אראָפּגעלאָזט אפ וואסער א מאָטאָר-שיפל.

אפנ ברעג האָט קיינער הוטשינסאָנענ ניט באגעגנט.

בלויז די פאמיליע פונעמ טונגוס וואסילטש האָט געטריקנט יוקאָלע* אפ דרענגער פארנ בײַדל. גאָלדענע פליגנ האָבנ זיכ געטראָגנ איבער די הרענגער איבער דער אורהאסע, אונ איבערנ געלנ ברעג פונ טוגור. אנ אלטע מיט בלוטיקע ווײַעס האָט זיי געטריבנ פונ די פיש מיט א צווײַג פונ א יאָדלע. אירע אויגנ זײַנענ געווענ מוטנע, ווי דאָס וואסער אינ טוגור. באמ געצעלט האָט אנ אָפּגעריסנ יינגל געזוינגנ א קאָפּ

---

* א נאָמענ פונ א פיש.

פון א פיש. הוטשינסאָן האָט דאָ גיט געפונען נים קיין הויז מיט באַמבור־
קענער וואסערלייטונג, נים אפילו קיין זייבער יוענגן קאַפּיטאַן סידניי.

דאָס יינגל האָט אים באַגלייט צום קאָפּ און האָט אים באַוויזן
אונטער א הויכן פעלדז א גרויסן קעסל, וואָס איז אריינגעוואַקסן אין
די שטיינער.

„צי ניט דאָס איז עס?" — האָט א טראַכט געטאָן הוטשינסאָן.

ער איז געשטאַנען פארטראַכט איבערן קעסל, א קלאַפּ געטאָן מיטן
שפּיץ שוך אינעם טשוהונענעם ראַנד, צוגעהערט זיך. דער טשוהון איז
באַוואַקסן מיט ערד. ער איז געווען אזוי אַלט, אז ער האָט אפילו
ניט געקלונגען. הוטשינסאָן האָט א קנייטש געטאָן מיט די פּלייצעס
און איז אַוועק צוריק צום שיפל. דאָס יינגל און די אַלטע האָבן אים
באַגלייט. זיי זיינען ניט צוגעשטאַנען, ניט געבעטן ניט קיין טאַבעק,
ניט קיין געלט, און הערבערט הוטשינסאָן האָט אין האַרצן זיך דערויף
פאַרוווּנדערט.

געזעגענענדיק זיך, האָט די אַלטע אָנגעוויזן מיט דער טונקעלער
האַנט אויפן פעלדז, אונטער וועלכן עס האָט זיך געוואַלגערט דער קעסל,
און האָט א זאָג געטאָן:

— סיראַדזשאָק!

הוטשינסאָן האָט ניט פאַרשטאַנען.

פון „עלדאָראַדאָ" האָט מען נאָך לאַנג דערנאָך געזען דעם דאָזיקן
פעלדז. ער איז געשטאַנען אליין ווי א פאַסטעך איבער א סטאַדע גרויע
כוואַליעס פונעם אָקעאַן.

הינטער אים האָט זיך געריסן אין דער הייך צו די שפּיצן פון
שאַנטאַרער באַרג־רוקן די פינצטערע טייגע.

דאָס יינגל איז אַרויף אויפן פעלדז און האָט זיך געשטעלט לעבן
אָפּגרונט. ער האָט צוגעדעקט די אויגן מיט די דלאָניעס און האָט
נאָכגעקוקט די שיף. און אזוי ברייט איז געווען די וועט, אז די אַל־
טע צוזאַמען מיט וואַסילטשן האָט באַוויזן צו פאַרוואַרפן די נעץ אין
טייך, אַרויסשלעפּן זי א פּוסטע, און מיד וועריקדיק פון די פליגן, אין
זי אייננעשלאָפן באַם הייסן אַש פונעם שייטער, און דאָס יינגל האָט
נאָך אַלץ געזען דעם ווייסן קוימען פון דער שיף „עלדאָראַדאָ".

דערנאָך איז ער א גאַנצן טאָג צוגעשטאַנען צו דער אַלטער:

— אולקא! — אזוי האָט מענ זי גערופנ — וואָס האָסטו געזאָגט דעמ גאסט?

— דו זעסט, טשילבאַריק! וויפל פליגנ אונ ווי ווייניק ווינט, — האָט געענטפערט אולקא. — פונ אונדזער פיש וועט בלײַבנ בלויז די הויט. וואָלסט אויכ גענומענ א צווײַג אונ וואָלסט מיר געהאָלפנ, אונ איכ וואָלט דיר דערציילט וועגנ פעלדז סיראדזשאָק.

דאָס יינגל האָט געבראכט א גרויסנ צווײַג פונ א בלעטער־בוימ.

אונ אונטער דער הודעניוש פונ די פליגנ, וואָס ביידע האָבנ אָפּגע־טריבנ, פאָכענדיק מיט די צווײַגנ, האָט אולקא דערציילט די לעגענדע.

דאָס יינגל האָט זי געהערט אזוי פארכאַפּט, אז ער האָט אפילע פארגעסנ אָפּצוטרײַבנ די פליגנ.

— ווו-זשע זײַנענ די פוקסנ? די בלויע, ווי א שאָטנ אפנ שניי? — האָט ער געפרעגט, ווענ זי האָט געענדיקט.

— דו וועסט זיי שוינ ניט זענ, טשילבאַריק! אפילע פיש איז גע־וואָרנ ווייניקער ווי עס איז געווענ. מאָרגנ גייענ מיר אויכ אוועק פונ־דאנענ צו די איילנהירשענע קוואלנ אונ מיר וועלנ גיינ אזוי לאנג, ביז די זונ וועט פינפ מאָל אופגיינ איבערנ יאמ.

— ווו-זשע זײַנענ יענע פוקסנ? — דאָס יינגל האָט ווײַנענדיק אוועקגעוואָרפנ אפ דער ערד דעמ שווערנ צווײַג אונ אופגעהויבנ צו דער זונ דאָס פּאָנעמ אונ צונויפגעדריקט זײַנע פלאטשיקע געלע יויעכ.

אונ די פליגנ האָבנ גלײַכ אויסגעטרונקענ די טרערנ, וואָס האָבנ זיכ צונויפגעזאמלט אינ די ווינקלענ פונ זײַנע אויגנ.

די לעגענדע וועגנ דעמ פעלדז סיראדזשאָק*

סיראדזשאָק — דאָס איז דער נאָמענ פונ א פרוי פונ אָווענער שייוועט. זי האָט געלעבט שוינ לאנג, ווענ אפנ גרויסנ שאטאר זײַ־נענ נאָכ געווענ יאקוטער פוקסנ, בלויע, ווי א שאָטנ אפנ שניי. די יע־נערס פלעגנ ניט אָנשטעלנ אפ זיי קיינ פּאסטקעס, פלעגנ ניט שיסנ אינ זיי, ווײַל אָקמערי — דער באַרמהאַרציקער גײַסט פונ גער — האָט

* די דאָזיקע לעגענדע האָב איכ געהערט אינ טונגור אינ 1920 י. פונעמ טונגוס וואסילי חוטשינסאָנ.

פארווערט צו הארגענענ זיי פאר זייער שיינקייט. דערפאר זײַנענ אָבער אפנ קליינעמ שאנטאר און אפנ גרויסנ שאנטאר געווענ אזוי פיל סויבלענ, אז צאָלנ יאסאק דעמ קייסער און צאָלנ יאסאק * די כינעזער איז געווענ גרינגער, איידער אראָפּנעמענ די אורהאסע און אוועקגייִנ. א שווארצער אלדאָמער סויבל האָט דעמאלט געקאָסט הונדערט רובל. אָבער טײַערער ווי דער סאמע בעסטער אלדאָמער סויבל האָבנ געקאָסט הירשענע טאָרבאָזנ**). וואָס סיראדזשאָק האָט מיט איר האנט אויסגע-נייט, ניט געווענ קיינ מער קונציקע הענטערנ ניט אינ אונדזער שיווועט, ניט אינ אנדערע. גענייט האָט זי מיט אָדערנ, אויסגענייט מיט געוואנט און פאטשערקעס אינ פארשיידנ-קאָלירענער קאמאסע, וואָס מע שנײַדט אויס פונ די קני בײַ יונגע אײלנהירשנ. הונדערט הירשנ האָט מענ פאר איר געגעבנ קאליומ, אָבער איר פאָטער טשאָטשעשנמשא האָט גע-וואָלט צוויי הונדערט, ווײַל זי פלעגט אויסנייענ קווייטנ און ביימער, וועלכע קיינער האָט ניט געזענ אינ אונדזער טײַגע.

איינמאָל איז פונ יאמ געקומענ א מענטש. ער איז געקומענ צו שווימענ אפ א גרויסער שיפ נאָכ דעלפינענ און נערפּעס, און זײַנ שיפ איז געווענ באפליגלט, און די פליגנ פול מיט ווינט, און די גרוי-סע שטיינער און די קליינע שטיינדלעכ האָבנ אימ באגריסט. אָבער ער האָט ניט גערעדט ניט אפ יאקוטיש, ניט אפ רוסיש, ניט אפ כי-נעזיש; און האָט אָנגעהויבנ לעבנ ניט אזוי, ווי עס לעבנ אָווענער. ער האָט זיכ אויסגעבויט א יורטע מיט א הויכנ אויוונ, און דער רויכ האָט קיינמאָל ניט גענעכטיקט אונטער זײַנ דאכ.

די שכיינימ האָט ער ניט געשענקט קיינ פלייש, ווענ ער פלעגט דערהארגענענ א קאבארגע, אָבער ער פלעגט נעמענ, ווענ מע פלעגט אימ שענקענ. ער פלעגט דערהארגענענ אָדלערס. ער האָט ניט מוירע געהאט פארנ גייסט פונ נ'גאלענגא, און פלעגט ווארפנ זײַנע ביינער אפ דער ערד.

און דער גרויסער נ'גאלענגא האָט זיכ אינ אימ נויקעמ געווענ, די אָווענער האָבנ אימ א נאָמענ געגעבנ בערדיקער וואָלפ. וועלפ קומענ

---

* יאסאק—טשינש.

** אויסגענייטע שוכווארג פונ הירשנ-פעל.

צו אונדז זעלטנ פונ אמור אמגונ אונ אלדאנ. אָבער דער וואָלפ איז געקומענ צו אונדז פונעמ יאמ אונ איז געװענ ערגער פונ אנדערע. ער איז קיינמאָל ניט געגאנגענ אינ א שארע. אליינ פלעגט ער פאנגענ נערפעס, אליינ פארװארפנ די נעצ אינ יאמ. אליינ פלעגט ער גיינ אפ יאגד אונ אליינ געהוליעט אינ זײַנ גרויסער יורטע. ער וואָלט געװענ זאט, ווענ נ׳גאלענגא וואָלט ניט באזעצט אינ זײַנ הארצנ דעמ גײַסט פונ זשעדנעקײַט.

ער פלעגט קיינמאָל ניט איבערלאָזנ קיינ צייכנ, ווענ ער פלעגט צונעמענ א סויבל פונ א פרעמדער פאסטקע. די אָװענער האָבנ גע־מיינט, אז ער טוט דאָס פונ גויט. זיי זײַנענ געקומענ צו אימ אינ יור־טע, קעדיי העלפנ אימ, אויב אימ גליקט ניט אונ זײַנ געיעג. זיי האָבנ אָבער דערזענ גאנצע פעק סויבלענ, בלויע פוקסנ אונ רוקנדלעכ פונ וועוװריקעס.

— דיר איז דענ ווינציק? — האָבנ זיי געפרעגט.

— ווינציק, — האָט ער געענטפערט. — טראָגט צו מיר פוטער־ווארג! איכ וועל אײַכ צאָלנ מיט פרייד, וואָס איכ האָב חאָ פילע פעסער. אונ די אָװענער האָבנ פארשטאנענ, אז בײַמ בערדיקנ איז פאראנ בראנפנ. דער בראנפנ איז געווענ טונקעלער, ווי קײַש בלוט, שיקערער ווי די זאפט פונ גיפטיקע שוועמלעכ, אונ האָט געגעבנ דעמ הארצ אומעט. אָבער דער דאָזיקער אומעט איז געווענ אזוי זיס, אז איינ מאָל פארזוכט, האָבנ די אָווענער געבעטנ נאָכ. אונ פארגעדענקט האָס אפנ גאנצנ לעבנ. דערפאר האָבנ זיי געטראָגנ צומ וואָלפ סויבלענ אונ פלייש פונ קאבארגע, אונ אליינ זײַנענ זיי געווענ זאט נאָר מיט אומעט.

אונ נ׳גאלענגא האָט זיכ אינ אימ נויקעמ געווענ.

דער בערדיקער האָט ניט געוואָלט לעבנ ווי די אָװענער. זײַנ שפייכ־לער — די נ׳יאקע — האָט ער געבויט ניט אפ סלופעס אזוי ווי מיר, נאָר אפ דער ערד הינטער דער יורטע. איז געקומענ נ׳גאלענגא מיט זײַנ ווײַב, מיט זײַנע הונדערט ברידער. זיי האָבנ צעבראָכנ די נ׳יאקע, אופגעגעסנ די ברוסניצעס, די יוקאָלע, דאָס שמאלצ — אלצ, וואָס דער בערדיקער האָט פארגרייט, אונ זיי האָבנ צעריסנ זײַנ פוטערוואָרג. ער האָט גערופנ צו הילפ די אָווענער, אָבער זיי האָבנ אימ ניט ליב

געהאט, און האָבן מורע געהאט פאַר נ׳גאַלענגאַ. דער הונגער האָט חעמלט געוויינטערט אין יורטע פונעם בערדיקן וואָלף. ער האָט אים געפרוווט אַרויסרייבערן.

אָדער דער רויב איז בא אים אוועק אין קוימענ דורכן דאַך, און דער הונגער איז געבליבן אין יורטע. קיינער האָט אים ניט געבראַכט קיין פאָרסע און קיין פלייש, אפילע קיין עק פון א פיש. ער האָט געקאָכט אף וואַרמעס סאָסנאָווע שישקעס און האָט דאָס פאַרטרונקען מיט זיין אומעט.

פאַר אים איז ער געוועג ביטער. פאַרן האָזיקן אומעט האָט אים ליב געקראָגן סיראַדזשאַק.

זי האָט אים געבראַכט פלייש און פאָרסע און א שטיק בערן־פלייש פונעם יאַנטעוו קוקאַרקוקע.

און נ׳גאַלענגאַ האָט זי באַשטראָפט. זי איז געוואָרן די ווייב פונעם בערדיקן וואָלף, פאַר דעם טונקעלן שיקערן וואַסער, וועלכן טשו־טשענטשאַ האָט געשעצט טייערער ווי דעם קאַלים.

און הינטער דזשוג־דזשור באַם גרויסן טייך לעבן קאַלטן בייקאַל האָט געוווינט דער אַוועקער אולאַבאַן, וואָס האָט געהאַט טויזנט הירשן און האָט ניט געהאַט קיין ווייב.

ער האָט קיינמאָל ניט געזען טשוטשוענטשאַ און ניט געזען סיראַ־דזשאַק. ער האָט אָבער שטענדיק געטראָגן א הערצל, וואָס איז געווען אויסגענייט מיט איר האַנט. ער פלעגט עס ניט אַראָפּנעמען אפילע באַנאַכט, ווען ער האָט זיך געלייגט באַם שייטער אף א הירשענער פעל. און געבאָלעמט האָט זיך אים דערמלט א לאַנד, וווּ עס איז ניטאָ קיין טייגע און עס וואַקסן יענע ביימער מיט די ברייטע בלעטער, וועלכע נאָר סיראַדזשאַק האָט געקענט אויסנייען.

און אולאַבאַן האָט געזאָגט צו די יאַקוטישע סאָברים: „איר טרייבט נאַרטעס צום יאַם. גיט איבער טשוטשענטשאַ — איך וועל אים ברענ־גען צו פירן טויזנט הירשן פאַר אייער סיראַדזשאַק“.

אָבער די סאָברים האָבן זיך אומגעקערט אָן אן ענטפער און האָבן געזאָגט: „די טונגוסער אַוועקער גייען צו גרונט פונעם וואָלף, און סי־ראַדזשאַק איז געוואָרן זיין ווייב“.

דעמלט האָט אולאבאנ גענומענ פײַל אונ בויגנ אונ א פאלמע — א ברײטנ מעסער, וואָס איז ארופגעזעצט אפ א קלעצל פונ אשבוימ.

— איכ בינ געגאנגענ מיט דער פאלמע קעגנ א בער אונ קעגנ א בעריכע — האָט ער געזאָגט צו זײַנע ברידער — צי דענ וועל איכ ניט בײַקומענ בלויז איינ וואָלפ?

צוויי ווינטערנ אונ צוויי זומערנ איז געגאנגענ אולאבאנ דורכ דער טײַגע מיט זײַנע הירשנ.

אונ ביזוואנענ ער איז געגאנגענ, האָט דערווײַל סיראדזשאָק געווירנ א טאָכטער ליוטשיטקענ. די טאָכטער האָט אומגעקערט דעמ וואָלפ דאָס גליק. ער איז ווידער געוואָרנ רײַכ. אָבער איצטער איז ער שוינ אליינ ניט געגאנגענ אפ יאגד נאָכ בײַעס אונ אליינ ניט געפאנגענ קיינ פיש. ער איז געווענ זאַט מיט דעמ, וואָס די יעגער האָבנ אימ געבראכט, אונ רײַכ מיט זייער מי. אונ ווענ אינ זײַנ יורטע האָט זיכ צונויפגעקליבנ אזויפיל פוטערוואַרג, אז ער האָט שוינ מער ניט געוואָלט צאָלנ פאר סויבלענ מיט זיסנ אומעט אונ מיט סבויערעס, האָט ער זיכ אופגעזעצט אפ זײַנ שיפ אונ אוועקגעשוומענ מיטנ פרילינגדיקנ אײַז.

אונ קעדיי סיראדזשאָק זאָל אימ ניט נאָכגיינ, ווי עס גייט נאָכ א ווײַב נאָכ יעדנ אָווענער, האָט ער איר פאָטער געמאכט פארנ באלעבאָס פונ זײַנ יורטע, אונ דער פאָטער איז געבליבנ מיט דעמ צופרידנ.

אונ באנאכט איז געקומענ אולאבאנ, אנגעקלאפט מיט דער פאלמע אינעמ וואָלפס טיר. געעפנט האָט אימ סיראדזשאָקס פאָטער.

— ווער איז דער באלעבאָס פונ דער האָזיקער יורטע? — האָט געפרעגט אולאבאנ.

— איכ. — האָט געענטפערט טשוטשענטשא.

אולאבאנ האָט אימ א קלאפ געטאָנ מיט דער פאלמע, אונ דער ברייטער מעסער איז לײַכט אימ ארײַנ אינ הארצנ, ווי ער פלעגט ארײַנ אינ הארצ פונ יעדער בײַע.

— איכ האָב דערהארגעט דעמ וואָלפ — האָט געזאָגט אולאבאנ צו סיראדזשאָק.

— דו האָסט דערהארגעט מײַנ פאָטער. — האָט זי געענטפערט — גיי אוועק.

אולאַבאַנ איז אוועק. די אָוועגער האָבנ מעקאַבער געוועזנ טשו־טשענטשאַ, פּאַרנייט אינ אַ פעל, אָוועקגעשטעלט דעם אָרנ אַפ אַ פּיכ־טע, אויפגעגעסנ אַ הירש אונ די ביינער צוגעבונדנ צו די צוויַיגנ.

אַלע האָבנ געוואָלט פאַרגעסנ דעם בערדיקנ, אָבער סיראַדזשאַק האָט אים ניט פאַרגעסנ.

יעדנ טאָג פלעגט סיראַדזשאַק מיט איר שוועסטער גיינ אַפ דעם האָזיקנ פעלדז אויסניייענ. אָבער געגייט האָט זי פויל, אונ די פּאַ־טשערקעס פלעגנ באַ איר פאַלנ אינ וואַסער אַריַינ.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט איינמאָל געפרעגט די שוועסטער.

סיראַדזשאַק האָט זי אַ קוש געטאָנ, איבערגעגעבנ מיט איר אַ סאַכ גרוסנ אונ אַריַינגעוואָרפנ זיכ אינ יאַם אַריַינ.

פונ דעמלט אָנ רופט מענ דעם דאָזיקנ פעלדז סיראַדזשאַק. אונ דער אויבערשטער ניאַנגניקאַ, וואָס ער איז אויכ ניגאַלענגאַ — דער שרעקלעכער, האָט באַשטראָפט דעם בערדיקנ וואָלפ. די אָווענער האָבנ פאַרברענט זיַינ הויז אונ האָבנ ניט געגעבנ קיינ גליק דער טאָכטער זיַינער ליוטשיטקענ. מאַקאַגירער שייוועט האָט זי ניט צוגענומענ אונ ביטאַליער שייוועט האָט זי אויכ ניט צוגענומענ, וויַיל אַ פרוי מאַכט קיינמאָל ניט גרינגער קיינ יאַסאַק. זי האָט אַ יאַסאַקישע נע־שאָמע, אונ אַפ יאַגד גייט זי ניט.

4. ריַיכ מיט כוועס אונ מיט פריילעכקיַיט

דער קאָמיסאַר נעביוואַיעוו האָט געוווּסט זיַינ מאַנדאַט אַפ אויס־ווייניק: ער איז געווענ אָנגעשריבנ מיט אַ גרויסאַרטיקער שפּראַכ:

„גיינ צו די טונגוסנ. גרינדנ דאָרטנ ראַטנ. איַינפירנ רעוואָליוציאָ־נערנ געריכט. מישפּעטנ אונ שטראָפנ די סאָנים פונ אַרבעטער־קלאַס. אַרויסוויַיזנ ווי וויַיט מעגלעכ. אַ ווידערשטאַנד די יאַפּאָנער, אונ אויכ פונ רעכטס אונ פונ לינקס אונ אַרום וועלנ זיַינ פיַינט, איז האַלטנ זיכ ביז עס וועט קומענ הילפ, אָדער ביזנ טויט, אָדער ביזנ זיג איבער די סאָנים פונעם אַרבעטנדיקנ פאָלק. קיינ פאַרבינדונג ניט האַלטנ צוליב דער אוממעגלעכקיַיט דורכצוגיינ די טיַיגע, אונ פירנ די אָפּעראַציעס זעלבשטענדיק”.

נעביוואיעוו האָט מיט ווייטעק אראָפּגעצויגנ די שטיוול. ער איז געזעסנ אפ דער ערד לעבנ סאטשימאָס אוראסע. פאַר די צענ טעג וועג איז ער געקומענ צומ ביטערנ אויספיר, אז שטיוול זײַנענ ניט קיינ פּאַסיקע שוכווארג פאַר אזא מארש. די פּארטיזאנער האָבנ זיכ אויסגעטאָנ באָרוועס. יעדערער האָט דאָס געטאָנ אפ זײַנ אויפנ. אוסטינקינ, א גרויסער, א קלײַעגדיקער, האָט פּאַרטשעפּעט דעמ שטיוול פאַר א פּניאָק אונ איז געשפּרונגענ אפ אײנ פוס, אָנכאַפּנדיק זיכ פאַר סטעפּונאָווס קאָפּ. יענער איז געזעסנ אונ שווער געאָטעמט, ער איז געווענ פאַרנומענ מיט זײַנע אײגענע שטיוול. דער קאָרייער קימ, וואָס איז שוינ געווענ באָרוועס, האָט געשמייכלט מיט זײַנ רויטנ שטענדיק אָפּענעמ מויל. בלויז דער קאָמאַנדיר דעסיוקאָוו, א טרוקענער, א לײַכטער, וואָס האָט געהאט א שעמ פונ א גוטנ טענצער, בלויז ער איז ארומגעלאָפנ אינ די שטיוול ארומ דעמ אָבאָז.

די טונגוסנ האָבנ אראָפּגענומענ די פּעק, פרייענדיק זיכ מיט די געסט. דער אלטער אמאָסאָוו, שווארצ פונ רויכ, האָט געשאָקלט מיטנ קאָפּ, אָפּווישנדיק מיטנ ארבל די שווייסיקע רוקנס פונ די הירשנ. כאטשימאס איז צוגעגאנגענ צו אימ, געגעבנ בײדע הענט, ווי דעמ סאמע עלטסטנ, אונ שווײַגנדיק אויסגעווארט, וואָס יענער וועט זאָגנ.

— ווענ האָסטו געבראכט צו אונדז, כאטשימאס? — זיי זײַנענ נאָכ קיינמאָל ניט געגאנגענ איבער דער טײַגע.

— אויב א הירש, ווענ ער הייבט זיכ אופ פונ דער ערד, שטעלט זיכ ניט מיטאמאָל אפ די פיס — האָט ניט קלאָר געענטפערט כאטשימאס. ער אלײנ האָט נאָכ ניט אינגאנצנ געוווּסט, וואָס דאָס זײַנענ פאַר א מענטשנ, כאָטש אינ וועג האָט ער געטרונקענ זייער טיי אונ געגעסנ זייער ברויט.

— צי האָבנ זיי אונדז ניט געבראכט קיינ פּולווער, בלײַ אונ מעל?

— וואָס דאָרטנ בא זיי אינ די פּעק ווייס איכ ניט. זיי בינדנ זיי ניט פאַנאנדער אפ באנאכט.

— וועגנ וואָס שמועסט איר דאָרטנ, אלטע? — האָט געפרעגט פונדערווײַטנ נעביוואיעוו. ער איז געווענ פאָרזיכטיק, ניט געקוקט אפ זײַנ יוגנט.

— מיר האָבנ גערעדט וועגנ דײַנע הירשנ. די פּעק זײַנענ צו שווער־

רע. א זאטער הירש טראגט בלויז איינ אוראסע אונ דאס אויכ אינ הארבסט. אויב דײַנ וועג איז א ווײַטער, איז טו א טראבט וועגנ דעם — באטשימאס האט ניט געוואלט באליידיקנ דעם רוס אונ האט אופגעהויבנ די אויגנ, רופנדיק פאר אנ איידעס די זונ, וואס האט דורכגעלעכערט דעם הימל איבער דער סאפקע סוארדאנ. אבער ווי אנדערש קאנ מענ פרעגנ בײַ א גאסט, צי ער קלײַבט זיכ ווײַטער.

נעביוואיעוו האט פארשטאנענ, וואס ער מיינט, אונ האט א שמייכל געטאנ.

— מיר וועלנ דא פארברענגענ נאכ לאנג.

— אויב אזוי, זאג די מענטשנ, זיי זאלנ אוועקשטעלנ א בײַדל אונ קאכנ טיי. אינ מײַנ אוראסע וועט זיכ נאכ געפינענ א ביסל אונזשע אונ קאריושקע, וואס וועט סטײַענ פאר אלע.

באטשימאס האט זיכ פאשעט בארימט, ווענ ער האט אנגערופנ זײַנ ווינוגנ אוראסע. דאס איז געווענ א נישטיקע באלטארמע — זיבנ דרענגלעכ באדעקט מיט שמאטעס בלויז פונ איינ זײַט. אינ איינ ריי מיט איר זײַנענ געשטאנענ נאכ פיר געצעלטנ. פונדאנענ האט זיכ ארויסגעזענ דער יאם, א פלאטשיקער בעשאסנ אפפלום. אונ אפ רעכטס איז געווענ א וואלדישער טײַכ, א טונקעלער פונ די ווארצל־זאפטנ. דער טײַכ האט געײַלט אונ געפאלנ אפ די זאמדיקע צונגנ. אפנ ברעג האבנ זיכ געטוליעט פונ ווינט די טשומוקאנער הײַזער אונ יורטעס. זיי זײַנענ געווענ ניט מערער ווי א צענדליק, אונ צווישנ זיי האבנ געברענט פונ דער זונ די ציגקענע דעכער פונעם קאזיאנעם לא־גער אונ פונעם סויכער גריבאקינס הויז.

נעביוואיעוו איז ארײַנגעקראכנ אינ באטשימאס אוראסע אונ אוועקגעזעצט זיכ אונטער די שמאטעס אפנ קאמאלאנ.

— ארעמ איז דײַנ הויז — האט ער געזאגט.

— ארעמע זײַנענ אײַערע פרײַנט. אזוי האב איכ געהערט אפ די געווערבנ — האט געענטפערט באטשימאס.

געקומענ אלעשעק איינער אליינ מיטנ ווײַסנ סואנ אנ ניקי־טשענ. זי איז אוועקגעגאנגענ קיינ טשומוקאנ בעטנ אפ בארג א הויפנ מעל. מע דארפ דאכ מיט עפעס באגעגענענ די געסט, קעדיי זיי זאלנ אוועקטראגנ מיט זיכ פרייד. זי האט ניט געצווײַפלט אינ זייער

קויעכ. אָבער צי זײַנענ זיי טאַקע אזעלכע גוטע, אויב זיי האָבנ דערהארגעט דעמ קייסער, אונ קענענ דערהארגענענ דעמ אוריאדניק מאטווייטש, וואָס האָט איר געגעבנ א נאָמענ מארפע? זי האָט געפרעגט וועגנ דעמ דעמ סויכער גריבאקינ. ער האָט ניט געענטפערט אונ האָט איר געגעבנ אזויפיל מעל, וויפל ער האָט נאָכ קיינמאָל ניט געגעבנ אפ באַרג דעמ פאָטער אירנ כאטשימאס. זי האָט געזאָגט דעמ אוריאדניק מאטווייטש, אָבער יענער האָט אויכ ניט געענטפערט אונ האָט בלויז געפרעגט צי זיי זײַנענ א סאכ.

ניקיטשענ האָט זיכ אומגעקערט אינ לאגער, ווענ אָלעשעק האָט אָנגעטאָנ א נײַע פענטע אפ סוּאָנס האַלדז אונ אוועקגעטריבנ אימ צוזאמענ מיט די הירשנ פונ די רויטע אפנ מאָכ. כאטשימאס האָט געלויבט ניקיטשענ פאר די מעל, אָבער פרעגלענ סאלאמאט איז ניט אויסגעקומענ. די רויטע האָבנ געגומענ מיט זיכ בלויז די ביקסנ, צעשאָטנ זיכ אינ א שיטערער קייט אונ זיכ אוועקגעלאָזט קיינ טשומוקאנ.

די פאַרזיכטיקײַט איז געווענ אינגאנצנ איבעריק. אפנ הויז פונעמ סויכער גריבאקינ איז שוינ געהאנגענ א רויטע שמאטע, אונ דער טונגוסישער סטאראָסטע האווריל א בעלאָליובסקי, לויטנ צונעמעניש טשעקארענ, האָט אליינ דערלאנגט א שיפל אונ אריבערגעפירט די פארטיזאנער איבערנ אוד. ער האָט זיכ געהאלטנ פרײַנטלעכ, רויק אונ האָט ניט געפילט קיינ שום שולד. דער ערשטער איז ער ארויסגעשפרונגענ אפנ ברעג, ארויסגענומענ פונ קעשענע דעמ בעריאָזענעמ שטעמפל אונ שווײַגנדיק אימ איבערגעגעבנ נעביוואיעוו.

בלויז איינ מענטשנ האָבנ ניט געקאָנט געפינענ די פארטיזאנער. דער אוריאדניק מאטווייטש איז פארשוווּנדנ אונ דער קאזיאָנער לאַגער, האָט זיכ ארויסגעוויזנ, איז געווענ פוסט.

אונ דער קאָמיסאר נעביוואיעוו האָט געזאָגט:

— אומזיסט, כאוויירימ, האָבנ מיר זיכ באַרוּעס אויסגעטאָנ.

אינאָוונט האָט מענ צונויפגערופנ א פארזאמלונג. די טונגוסנ זײַנענ געקומענ ווי אפ א סיגלאנ*, יאָנטעוודיק אָנגעטאָנ אונ האָבנ געבראַכט מיט זיכ פוטערוואַרג צו פארקויפנ.

---

* סוגלאנ — יאריד.

געקומען צו פארן אפ הירשן דער רײַכער טונגוס אסיפ גראמאװ מיטן זון פראקאפי. עס זײַנען געקומען צו שװימען אין שיפלעך די יעגער, װאס זײַנען געשטאנען ארום דעם טײַך. געקומען דער סמאראסטע טשעקארען און דער סױכער גריבאקין און די צװײ יאקוטישע פאמיליעס, װאס האבן געװױנט אין טשומוקאן.

דער רײַכער אסיפ איז געװען אנגעטאן אין אן אלטן סאמעטענעם קאפטאן און אין אנטעס פון רױער פעל. די מײדלעך האבן באהאלטן די צעפ אונטער די טיכלעך, אנגעטאן גארטלען און לײַבטע הענטשיקעס פון הירשענער ראװדוגע, באזױמטע מיט פוקסענעם פוטער.

אפילע באטשימאס האט ארופגעצױגן אפ זײַנע פלײצעס דעם זומערדיקן פעלץ, װאס איז שױן געװען אזױ אױסגעריבן. ער האט אױסגעזען פליכעװאטע, װי דאס קעפל בײַ א נײַ־געבױרן קינד. ניקיטשען האט ניט געהאט אין װאס זיך אױסצופוצן. זי האט פארפלאכטן אין די צעפ א רימענדל מיט גלעזערנע קנעפלעך און אנגעטאן א רײנע העמד. בלױז אײן אלעשעק איז געגאנגען װי פריער, אין צעריסענע אלאטשן און אין דעם אלטן היטל, װאס ער האט געטראגן זומער און װינטער. אבער אױך אין דעם ראזיקן אנטאן איז אים געװען גוט אפן הארצן. ער האט געלאכט איבער ניקיטשענס קנעפלעך און האט געזאגט, אז באטשימאס װעט הײַנט קױלען דעם װײַסן סואג, װײַל אױב ניט, מיט װאס װעט ער האדעװען די געסט?

און ריכטיק. באשטימאס איז געװען פארזארגט. זײַן אוראסע איז ענג און זײַן געװעב איז ארעם. פאר א שײַטער צוליב די געסט האט ער אפגעהאקט א טרוקענע בעריאזע, װאס נאר זי אײנע גיט ניט קײן פונקען, און האט פאנאנדערגעפירט א פײַער לעבן זײער בײַדל, װאס איז נאך ניט באקאנט געװען מיט קײן לאטעס. דער רײעך איז אװעקגעשװומען אנטקעגן דער טונקלקײַט. איבער דער טײַגע האט זיך אנגעצונדן דער גרױסער בער. די טונגוסן האבן זיך צוגערוקט צום שײַטער פון די פארטיזאנער. דער פלאם האט באלויכטן זײערע ברױנע פענעמער, די אױגן. װיפל מילדע, װיפל נײַגעריקע בליקן!

— מע דארף אנהײבן! — האט געזאגט נעביוואיעװ.

— מע דארף, באװײרים! — האט װײך אונטערגעכאפט דער הױ־

נער גריבאקינ, וואָס האָט זיכ געריבנ ארומ די פעק. ער איז געקומענ אָנגעטאָנ אינ אלטע קליידער אונ אינ צעריסענע שיכ. א האלבער יאקוט, א האלבער רוס מיט א ברייט גאליק פּאָנעם, האָט ער זיכ געפלייסט מיט כניפע צו באהאלטנ זיינ אומרו.

— מע דארפ, כאווייריִמ! — האָט ער איבערגעכאזערט — איכ קענ זיי, אזא פריילעכ פאָלק. זיי וואָלטנ נאָר געהוליעט אונ געטרונקענ, זיי וועלנ אופעסנ זייערס ביז א ברעקל, דערנאָכ וועלנ זיי נעמענ זיכ פאר איערס.

— מיר זיינענ ניט קעגנ פריילעכקייט!

נעביוואיעוו האָט זיכ אופגעהויבנ פונ דער ערד, פאריכט דעמ קאָבור אפנ רימענ אונ געעפנט די טונגוסישע פארזאמלונג.

עס האָבנ געברענט די שייטערס. געל צעפלאמט האָט זיכ אופגעהויבנ איבערנ יאמ די לעוואָנע. איר שייג איז געווענ צעזייט אינדערלופטנ, ווי א דריבנער רעגנ. הינטער די פלייצעס האָט שטיל גערוישט די טייגע, אונ פונ פארנט האָט זיכ געשלאָגנ אינ ברעג דער פוסטער יאמ. נעביוואיעוו האָט גערעדט וועגנ דער ראטנמאכט.

באטשימאס האָט איבערגעזעצט זיינע ווערטער, צוגעבנדיק צו זיי דאָס, וואָס ער האָט אליינ געטראכט אינ דעמ מאָמענט.

— די יאקוטנ אונ די רוסישע סאָכרימ זאָגנ, אז מיר זיינענ פריילעכע — ער האָט אָנגעוויזנ מיט דער האנט אפ גריבאקינענ. — צי טראכטנ זיי ניט, אז מיר פרייענ זיכ מיט אונדזער אָרעמקייט. מיר האָבנ געצאָלט יאסאק דעמ קייסער צו צוויי סויבל פונ א יורטע. מיר האָבנ געצאָלט דעמ סטאראָסטע טשעקארענ צו א רובל פונ א יורטע. מיר האָבנ געצאָלט דעמ אוריאדניק מאטווייטש, דעמ באלעבאָס פונ דער קאזיאָנער פאקטאָריע, מיר האָבנ געצאָלט דעמ גאלעכ איוואנטשא צו צוויי פוקסנ פאר טויפנ, אונ אויב איוואנטשא איז ניט געווענ, האָבנ מיר געצאָלט ווידערהאמאָל דעמ אוריאדניק. צי ניט דערפאר נעמט ער אזוי גערנ אראָפּ זיינ שווערד, ווענ ער גייט אריינ אינ אוראסע, אונ טוט אָנ א ציילעמ אפנ האלדז? אונ וויפל צאָלנ מיר דעמ סויבער גריבאקינ?

— וואָס רעדסטו, באטשימאס? — האָט קוויטשנדיק אויסגע־

שרײַענ גריבאקינ. — צי ניט דערפאר ביסטו ארעמ, ווײַל דו האסט מער פאר אלעמענ ליב בראנפנ?

— א!, דו טרינקסט מערער פונ ימיר, נאר פונ דעמ ביסטו ניט געווארנ ארעמער. זאג, ווער פונ אונדזער בעטיונישנ שייוועט איז דיר ניט קיינ באלכוייו, אונ וויפל מאל נעמסטו געצאלט פאר איינ אונ דעמ זעלבנ זעקל מעל.

— דו ליגסט, כאטשימאס, דו דער ערשטער ביסט מיר ניט שול-דיק.

— האסט געזאגט עמעס, איכ בינ דיר גארניט שולדיק, ווײַל איכ בינ ארעמ. דו וועסט קיינמאל ניט געבנ אפ בארג דעמ, וואס האט גארניט. נאר אויב איר, צווענער, מיינט, אז איר פארמאגט א סאכ רויכווארג אונ הירשנ, איז טוט א קוק אינ אײַערע שאפקעלעכ, ווו איר האלט די געפעס אונ די פאפירלעכ, אפ וועלכע עס זײַנענ פארשריבנ אײַערע כויוועס. איר זײַט רײַכ מיט כויוועס אונ ניט מיט געפעס.

— הערט אימ ניט, גלייבט אימ ניט! כאטשימאס זאגט אײַכ ניט דאס, וואס עס זאגט דער רומ — האט אפ טונגוסיש א געשריי געטאנ גריבאקינ.

ער האט זיכ באוויזנ אינ שײַנ פונעמ שייטער, א בלישטשע געטאנ מיטנ געלנ פאנעמ אונ ווידער פארשווונדנ אינ דער פינצטערניש. ער האט געפאכעט מיט זײַנ קליינינקנ פויסט.

אבער ארומ כאטשימאסנ זײַנענ געשטאנענ די פארטיזאנער, דאס פײַער האט געשפילט אינ זייערע אויגנ אונ אפ זייערע ביקסנ, אונ דער קאמיסאר האט געשמייכלט צו כאטשימאסנ, אפטרײַבנדיק פונ זיכ די באנאכטיקע מאסקיטנ.

— זאג זיי נאכ, אז די ראטנמאכט איז נאר פאר ארעמע, קעגנ רײַכע, נאר פאר די, וואס גייענ אליינ אפ יאגד נאכ די כײַעס אונ פאנ-גענ אליינ די פיש. אונ די סאכרימ וועלנ מיר נעמענ צומ נאגל. ווענ דעמ זײַט שוינ רויק, כאווײרימ טונגוסנ. — נעביוואיעוו האט האס-טיק געקראצט די צעביסענע אויערנ, אימ האט זיכ שטארק געוואלט ארײַנדרייענ א ווארט וועגנ די ווײַסע פאסקודעס, וועגנ קאפיטאל אונ בורזשואזיע. אבער אומזיסט וואלטנ דא געווענ זײַנע ווערטער.

דערווײַל האט כאטשימאס שוינ געענדיקט, אונ די טונגוסנ, זיצנדיק

בא די שײַטערס, האָבנ װירדיק אױסגעהערט גריבאקינען. ער איז ניט צוגעגאנגענ צום פײַער פונ די פארטיזאנער אונ ניט גערעדט אזױ הױכ װי כאטשימאס. אָבער די, װאָס האָבנ אים באדארפט הערנ, האָבנ געהערט.

— כאטשימאס איז בײז אפ מיר דערפאר, װאָס איכ האָב אים ניט געגעבנ אפ בארג, אָבער ער האָט געזאָגט עמעס. א סאכ בעטיורנער אונ בעטאליער זײַנענ מיר שולדיק פאר מעל אונ פולװער. איכ ביג אױכ פאר דער ראטנמאכט, װי כאטשימאס. איכ שענק אײַכ אײַערע כױװעס. פארגעדענקט דאָס אפנ גאנצנ לעבנ. לאָמיכ אױכ זײַנ אָרעם אונ זאָל אָסיפ גראָמאָװ זײַנ דער סטאראָסטע אינ ראט. פונ אים קומט מיר מער װי פונ אלעמענ.

— װאָס זאָגט דער דאָזיקער מענטש? — האָט געפרעגט נעביװואיעװ בא כאטשימאסנ.

— דער סױכער זאָגט די טונגוסנ, אז ער איז אױכ פאר דער ראטנמאכט.

נעביװואיעװ האָט א זיפצ געטאָנ. אים האָט זיכ געדאכט, אז עס איז אומעגלעכ צו פארשטײנ די דאָזיקע מענטשנ, װאָס האָבנ אלצײנס גוטמוטיק אױסגעהערט אי פרײַנט אי סאָנים.

— װי פארמאכט מענ דאָס מױל דעם סױכערל, אָבער שטילערהײט, אז דאָס זאָל ניט אָנשרעקנ די טונגוסנ? — האָט ער פארטראכט געזאָגט צו דעסיוקאָװנ.

— ארעסטירנ, — האָט געענטפערט דעסוקאָװ. — ארעסטירנ אָנ איבעריקע רײד.

ער האָט אָפגערופנ גריבאקינענ אונ שטיל אים געזאָגט:

— קום, ליבער מענטש, װעסט איבערנעכטיקנ אינ דער הײם.

צװײ פארטיזאנער האָבנ זיכ געשטעלט לעבנ אים.

קײנ אײנ שײַטער איז ניט פארלאָשנ געװאָרנ. די טונגוסנ האָבנ אונטערגעװאָרפנ פרישע צװײַגנ אונ געבליבנ זיצנ. א סאָװע אפ קײַלעכדיקע פליגל איז דורכגעפלױגנ נידעריק איבערנ פלײנ אונ האָט פארקערעװעט אָנ א זײַט פונ די פײַערנ.

עמעצער האָט געזאָגט:

— זאָל אָסיפ זײַנ דער סטאראָסטע אינ ראט.

— זאָל זײַן באַטשימאַס — האָט אויסגעשריִען אַלעשעק.

באַטש ער איז נאָך געווען יונג און פּאָלגן אים איז געווען אַ ביי־זוויען פֿאַר עלטערע, פֿונדעסטוועגן האָבן יענע, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געהאַלטן קיין פֿאַסטעכער פֿאַר זייערע הירשן, אויך געזאָגט.

— זאָל זײַן באַטשימאַס.

און די טונגוסן האָבן ווידער אונטערגעוואָרפֿן צווײַגן אין די שײַטערס. זיי זײַנען ווײַטער געזעסן, און געקוקט אױף די פּעק פֿון די פּאַרטיזאַנער. און זיי דאַרף זײַן אַ סאַך ציץ, פּולווער און מעל. אויב די דאָזיקע מענטשן האָבן אַוועקגעפֿירט דעם סויכער גריבאַקין, זײַנען זיי רײַכער פֿון אים.

אָבער ווער האַנדלט דען באַנאַכט, ווען עס פֿליִען אַזוי פֿריילעך די פֿונקען פֿון די יאָדלע־צווײַגן, ווען דער זאַמדיקער ברעג איז אַזוי ווײַס אין שײַן פֿון דער לעוואָנע און שמעקט אַזוי געשמאַק מיט מעל, אונטערגעפּרעגלטער אױף נערפּע־שמאַלץ.

באַטשימאַס האָט לעבן זײַן אוראַסע געגרייט סאַלאַמאַט. ניקיטשען און אַלעשעק האָבן אים געהאָלפֿן. באַטשימאַס האָט גאָרניט געזשאַלעוועט. ער איז געווען שטאָלץ דערמיט, וואָס מע האָט אים אויסגעקליבן פֿאַר אַ פּאָרזיצער. ער האָט געוווּסט, אַז אויב עס וועט זיך ענדיקן די שפּײַז אין זײַן אוראַסע, וועלן די געסט אַריבערגיין אין אַ צווייטער. אָבער בלויז איין סאַלאַמאַט האָט אים געדאַכט איז ווייניק פֿאַר אַזעלכע געסט. אַ יאָגטעוו אָן פֿלייש — איז ווי אַ הירשענע בײן אָן מאַרך, און באַטשימאַס האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן סאָנען. דאָס איז געווען דער איינציקער הירש, וועלכן ער האָט געקאָנט קוילן. די איבעריקע זײַנען געווען קעלביק.

באַטשימאַס האָט גאָרניט געזאָגט ניקיטשען, וועלכע איז נעווען פֿאַרנומען מיטן קאָכן. ער האָט גענומען דעם אַרקאַן און איז אַוועק אין טײַגע. ער האָט געפֿונען זײַן הירש, לויט דער ווײַסער פֿעל. כאָטש האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אַליין. די טשערעדע האָט זיך פֿון אים געהאַלטן אָן אַ זײַט. צו באַמערקבאַר איז געווען זײַן פֿעל פֿאַר אַ כײַע. זי האָט זיך געזילבערט, ווי די צווײַגן פֿון שטיינערנע בעריאָזעס.

באַטשימאַס האָט אָפּן אַרקאַן אים געבראַכט צו פֿירן אין לאַגער

אונ אוועקגעשטעלט באמ שיַיטער. ער האָט אימ לאַנג געגלעט, ביז סאָנ האָט זיכ ניט צוגעווינט צומ פיַיער אונ צו די מענטשנ.

— אפ וואָס האָסטו אימ געבראַכט? — האָט געפרעגט ניקיטשענ.

כאַטשימאַס האָט ניט געענטפערט. ער האָט ארויסגענומענ דעמ מעסער פונעמ הילצערנעמ שיידל אונ אריַינגעשטעקט סאָנענ אינ קאַרק אריַינ, אינ יענעמ אָרט, ווו עס ענדיקט זיכ דער רוקנביינ. דער הירש איז געפאַלנ אפ די פאָדערשטע פיס. זיַינ קאָפ, שוינ א טויטער, האָט זיכ אָנגערירט אינעמ פלאַמ פונעמ שיַיטער. אונ דאָס בלוט, וואָס איז געלאָפנ פונ זיַינע נאָזלעכער, האָט אופגעזאָטנ אפ די קוילנ.

ניקיטשענ איז דערשראָקנ אונ שוויַיגנדיק אָפגעטראָטנ פאַר דעמ, וואָס דער פאָטער האָט געטאָנ. אָבער ווענ די שרעק איז אריבער, האָט זי פארקריצט מיט די ציינ פונ צאָרנ אונ האָט געזאָגט:

— דאָס פלייש וועט ניט זיַינ זיס ניט פאַר דיר, ניט פאַר דיַינע געסט.

כאַטשימאַס, וועלכער האָט זיכ צוגעזעצט אפ די שפיץ פינגער אָפ־צושינדנ דעמ הירש, האָט מיט פאַרוווּנדערונג א קוק געטאָנ אפ די שכייִנימ אונ אפ א קאָל איבערגעכאַזערט דאָס, וואָס ער האָט אינד־ערפרי א טראַכט געטאָנ וועגנ ניקיטשענ.

— אינ וועמענ איז זי געראָטנ, ווייס איכ ניט. איר מוטער איז געווענ אזא גוטע פרוי.

דער אַלטער אמאָסאָוו האָט מיטפילנדיק א טשמאָקע געטאָנ מיט די ליפנ אונ גענומענ זיכ פאַרנ מעסער, קעדיי העלפנ כאַטשימאַסנ. ער האָט אַראָפגענומענ די פעל פונ סאָנס קאָפ, אוועקגעלייגט אינ איר א שטיקל שמאַלצ אונ אופגעהאָנגענ אפ א בוימ, עס זאָל געשמאַק שמעקנ אינ פאַל, אויב דער גיַיסט פונעמ הירש וועט באַנאַכט קומענ צו זייערע שיַיטערס.

קיינעמ איז ניט אָנגעגאַנגענ ניקיטשענס טרויער. בלויז איינ אָלע־שעק האָט זיכ געפליַיסט זי טרייסטנ. ער איז געגאַנגענ מיט איר צומ טיַיכ נאָכ וואַסער, געשענקט איר די נייע ליולקע פונ פוילבוימ, אָנגע־שטאָפט אינ דער קאַפטאָרגע א פולנ הויפנ מאַנדזשורער טאַבעק.

— זאָל דיר ניט באַנג טאָנ, ניקיטשענ, דיַינ כאַטשימאַס וועט נאָכ האָבנ הירשנ אונ דו וועסט נאָכ האָבנ א סעוואָקינ, אונ היַינט פיַיערנ

מיר לעקאַווער דעם נײַעם קאָפּ פונ אונדזער שײוועט — די ראַטנ, מר וועלנ הײַנט זײַנ זאַט אונ פרײלעכ.

— אויב דיר טוט ניט באַנק סואַנ, וועלכנ איכ האָב דערצויגנ פאַר דײַנ טשערעדע, טוסטו זיכ אַלײנ ניט באַנק. — האָט בײז געענטפערט ניקיטישענ. — איכ וועל דיר ניט שענקענ די בײַע קאַפּטאַרגע.

— מע דאַרפ ניט. שענק ניט. — האָט רויִק געזאָגט אָלעשעק — בעסער לאָמיר גיכער גײנ. דו זעסט דער טײ אונ דער סאַלאַמאַט זײַנענ שוינ פאַרטיק.

דער יאַנטעוו האָט זיכ שוינ אָנגעהויבנ. כאַטשימאַס האָט יעדערנ מעכאַבער געווענ מיט פלײש. ער האָט אַרויסגענומענ דעם לעבער, וואָס איז רויט געווענ ווי אַנ אָנגעגליטער מעסער, אַרויסגענומענ די ראָזלעכע לונגענ אונ צעטײלט אָפּ טײלנ לויט דער צאָל פונ די שכײנימ. אונ דעם פוס-בײנ, וואָס איז געווענ אָנגעפילט מיט מאַרכ, האָט ער דערלאַנגט נעביוואַיעוונ. יענער האָט געדרײט אינ די הענט דעם רויענ בײנ, ניט ווייסנדיק, וואָס מע טוט מיט אימ.

— עס. — האָט געזאָגט כאַטשימאַס — זיס איז דער מאַרכ פונעמ פוס-בײנ בײַ אַ הירש.

— נײנ, ברודערל — האָט געענטפערט נעביוואַיעוו. — קײנ רויע עסנ מיר ניט. — אונ האָט אָפּגעגעבנ דעם בײנ ניקיטישענ.

זי האָט אימ צעהאַקט מיט אַ האַק אונ לאַנג געזויגנ דעם מאַרכ; אונ איר פאַרדראָס איז ביסלעכווײַז אָפּגעגאַנגענ. פונדעסטוועגנ האָט זי ניט פרײַנטלעכ אונ מיט פאַרדראָס געקוקט אָפּ די רוסנ, אָפּ די דאָזיקע רויטע, וואָס צעשײדנ זיכ ניט מיט זײערע ביקסנ, אַפילע העמלט, ווענ זײ נעמענ זיכ פאַר די מעסערס, קעדײ צו עסנ דאָס פלײש פונ איר סעוואָקינ.

ביזוואַנענ דאָס פלײש האָט זיכ געקאָכט, האָבנ די טונגוסנ דערווײַל געטרונקענ טײ. געטרונקענ אַ סאַכ, קעדײ צומ עסנ צוטרעטנ מיט אַ פולנ מאָגנ, אונ ווענ עס האָט שוינ אויסגעוויזנ — מער טרינקענ איז שוינ ניט מעגלעכ, האָבנ זײ זיכ גענומענ פאַרנ פלײש. מיט די מעסערס האָבנ זײ געהאַלטנ די צײנ. ווי אַ סמיטשעק איז געגאַנגענ דער מעסער בײַ די סאַמע ליפּנ. געגעסנ ניט וושערנע מיט ערנסטע פּענעמער, וואָס האָבנ אויסגעדריקט אומגעהײערע אַכטונג צומ פלײש.

אָבער אופגעגעסנ האָט מענ אַלץ: דעמ סאַלאמאַט, די פּאָרסע און די קאָריושקע. דערנאָכ איז מענ אַריבערגעגאַנגענ אינ אַ צווייטער אוראַסע, דאָרטנ אויכ אופגעגעסנ אַלץ און אַריבער אינ אַ דריטער...

געביוואַיעוו האָט באַפוילנ עפענענ אַ קאַסטנ גאַלעטנ, אָבער פאַר אַזויפיל געסט איז עס געווענ ווייניק.

די סובאַרעס האָבנ געבראַשעטשעט אַפ די צייִנער נאָכ שטאַרקער ווי די צווייִקנ האָבנ געטרעשטשעט אַפנ פייִער.

די זאַטקייִט האָט געמאַכט שיקער, אָלעשעק און צוויי יונגע טונגוסנ זייִנענ אַרויס אַפנ ברעג אַפנ זאַמד, וואָס האָט זיכ געווייִסט אונטער דער לעוואָנע. זיי האָבנ זיכ געשטעלט אינ אַ קרייִז. גענומענ זיכ פאַר די הענט און אויסגעשריִענ:

— יאַכאָר *!

— יאַכאָר! — האָבנ איבערגעכאַזערט די טונגוסנ באַ די שייִטערס, און איינער נאָכנ אַנדערנ פאַרלאָזט דאָס עסנ און געשטעלט זיכ אינ אַ קרייִז פונ די טענצער.

— כאָדערגאַ — האָט אויסגעשריִענ אָלעשעק מיט אַ הויכער שטימ.

— כאָדערגאַ! — האָבנ איבערגעכאַזערט אַלע אַפ אַ נידעריקער נאָטע, און לאַנגזאַמ פאַרדרייט זיכ פונ רעכטס אַפ לינקס, אַראָפּלאָזנדיק און אופהייבנדיק די צונויפגעדריקטע הענט. אַנדערע האָבנ פאַרלייגט אַ פוס אַפ אַ פוס, אַנדערע האָבנ זיכ באַוועגט איבערנ קרייִז, ווי זיי וואָלטנ געשווומענ. אָבער אַלעמענס באַוועגונגענ זייִנענ געווענ אַלצייִנס שטאַרק און שלאַנק.

אינ קרייִז זייִנענ אַרייִנגעטראָטנ די פרויענ. זיי האָבנ ניט געשריִענ. ניקיטשענ האָט זיכ געשטעלט צווישנ אָלעשעקנ און פראָקאָפיעוונ דעמ רייִכנ אָסיפּס זונ. זי האָט גענומענ ביידע פאַר די הענט, זי איז נאָכ אַלץ געווענ אומעטיק, און ווענ אַנדערע האָבנ געשריִענ: „יאַכאָר! גוט, כאָדערגאַ! צו אונדז זייִנענ געקומענ געסט מיט גערעכטיקייִט!” — האָט זי שטיל איבערגעכאַזערט: „שלעכט”!..

געטאַנצט האָט מענ ביז אַריבער האַלבער נאַכט. דאָס זאַמד האָט

* יאַכאָר, כאָדערגאַ — אויסגעשרייענ, וואָס האָבנ ניט קייִנ באַשטימטנ באַטייִט און וואָס די טונגוסנ געברויכנ באַמ טאַנצנ.

געסקריפעט אונטער די ווייכע אָלאָטשנ. באמ ברעג האָט זיכ געפליעס־קעט דער יאמ. די לעוואָגע, קימאט א קײַלעכדיקע, איז געשטאנענ אי־בערנ ברעג אונ געלויכטנ אזוי שטארק, אז מע האָט געקאָנט זענ די פאטשערקעס אפ די אויסגענייטע אָלאָטשנ פונ די מיידלעכ. מע האָט זיכ געדרייט אלצ שטארקער.

ערגעצ ווײַט האָט געבילט א פוקס.

די פארטיזאנער זײַנענ געשלאָפנ. נעביוואיעוו איז געזעסנ באמ בײַדל אונ האָט זיכ צוגעהערט. אימ האָט אויסגעוויזנ: דאָס שרײַט אפנ ראנד טײַגע באמ יאמ א גרויסער פויגל.

5. הערבערט הוטשינסאָנ מאכט א געלונגענעמ געשעפט

דער קומענדיקער טאָג איז געווענ א שווערער פאר נעביוואיעוונ. די טונגוסנ האָבנ ארומגערינגלט דאָס בײַדל פונ די פארטיזאנער. די ווײַסקײַט פונעמ לײַוונט האָט באלויכטנ זייערע טונקעלע פנימער, די אײַנגעפאלענע באקנ אונטער די ברייטע קינ־ביינער, די הונגעריקע בליקנ. די נעכטיקע זאטקײַט איז דורכ.

— די פארזאמלונג האָט זיכ געענדיקט נעכטנ, — האָט געזאָגט נעביוואיעוו — נאָכ וואָס זײַט איר געקומענ הײַנט?

— מיר זײַנענ געקומענ נאָכ אונדזערע מײַלער — האָבנ געענטפערט די אלטע — זיי האָבנ אונדז געבראכט פונ די בערג צומ יאמ כאפנ אונזשע, מיימע אונ קאָריושקע. אָבער שניי איז א סאכ, די טײַכנ זײַנענ פלינקע, אונ פיש איז ווייניק הײַנטיקס יאָר. א שלעכטע גערעטעניש אויכ אפ וועווערקעס אונ כײַעס. מיר עסנ די פעל פונ נערפעס. מיר צעבראָקנ די אלטע ליולקעס אונ מיר שטאָפנ מיט זיי אָנ די נײַע, קעדיי צו דערמאָגענ זיכ דעמ רייעכ פונ טאבעק. מיר האָבנ דיר געבראכט פוטערוואַרג אפנ יאריד.

זיי האָבנ זיכ אוועקגעזעצט אפ דער ערד, ארויסגענומענ פונ די זעק בינטלעכ וועווערקעס אונ אנדערע פעל אונ אוועקגעלייגט זיי זיכ אפ די קני.

— אָט זײַנענ אונדזערע סכוירעס, ווו זײַנענ דײַנע?

— איכ בינ געקומענ אהער ניט האנדלענ, נאָר מילכאָמע האלטנ.

— מיט וועמענ? מיט אונדז? — האָט געפרעגט דער ביטערע אָסיפ. — אויב דו ביסט קעגנ סאָמרים, איז פאראנ דאָ בײַ אונדז נאָר אײנער. דו האָסט אימ ארײַנגעזעצט אינ שטוב אונ פארשלאָסנ. אויב דו ביסט קעגנ רײַכע, איז וווּ ווײסטו זײ? צי האָט דיר ניט איבערגעצאָלט באטשימאס דײַנע ווערטער. — מיר זײַנענ רײַכ נאָר מיט כויוועס. טו א קוק.

אונ נעבײַוואיעוו האָט א קוק געטאָנ אפנ אָרעמענ לאגער פונ די טונגוסנ. אפ די געצעלטנ אונ בײַדלעכ, וואָס זײַנענ געווענ געדעקט מיט צעריסענע פעל, מיט פארלאטעטער ליקע. אפ די יאנטעוודיקע קליידער פונ די יעגער, אפילע בײַ די סאמע רײַכע, האָבנ זײ אויסגעזענ גאנצ נעבעכדיק.

— מיר זײַנענ אלײנ אָרעמ, אונ מיר גײענ מילכאָמע האלטנ מיט אונדזער אָרעמקײַט. — האָט געזאָגט נעבײַוואיעוו אונ אריבערגעפירט זײַנ בליק אפנ שטילנ ברעג, אפ די שטײנער, אפנ יאמ. אונ פלוצלינג האָט ער אויסגעשטרעקט די האנט אונ אויסגעשריענ.

— יאפּאנער!

הינטערנ פאס פונעמ זאמדבאנק איז געשטאנענ א שיפ אונ גע־רויכערט. קײנ פאָנ האָט מענ ניט געזענ אפ זײַנ מאסטבוימ.

— צו די ביקסנ! — האָט געזאָגט שטיל דער קאָמאנדיר דעסיור־קאָוו.

די שיפ איז געווענ גיכער ענלעכ אפ א האנדל־שכונע, אָבער די פארטיזאנער האָבנ געוווּסט, אז די יאפּאנער האָבנ ליב דעסאנטנ. אונ אפ א געוויינלעכער שכונע קאָנ מענ ברענגענ צו פירנ סאָל־דאטנ.

די פארטיזאנער האָבנ צעבונדנ די פעק מיט פאטראָנעס. דער קאָ־רײער קימ האָט זיכ געשטיקט פונ פרײד: ענדלעכ וועט ער זיכ שלאָגנ.

די טונגוסנ זײַנענ געלאָפנ צומ ברעג. נעבײַוואיעוו האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ, פארלאָפנ זײ דעמ וועג. הער האמוינ האָט זיכ אומגעקערט נאָכגיביק אונ מיט פארוווּנדערונג. דער ברעג, ווי ער איז געווענ, אזוי

איז ער פארבליבנ פוסט. די ביימער און די טשומוקאנער געבירגעס האבנ פארשטעלט דעמ לאגער.

— אָט זײַנען אונדזערע סאָנימ און אײַערע סאָנימ — האָט געזאָגט נעביוואיעוו — מיר זײַנען ווייניק. ווער פונ אײַכ וויל ביקסנ, יעגער? קומט אהער, נעמט פאטראָנעס.

— אָכ! — האָט א שטארקנ קרעכצ געטאָנ אָסיפ — מיר ווייסנ ניט, ווי מע האלט זיי אינ די הענט. מיר ווייסנ ניט, וואָס איז אזעלכעס מילכאָמע. מיר האָבנ ניט קיינ פײַנט.

— אָסיפ ליגט! — האָט אויסגעשריִענ אָלעשעק. — מיר ווייסנ ווי צו שיסנ אינ א בײַע, ווענ זי לויפט אָפ אונדז. גיב מיר א ביקס.

— גיב מיר אויכ — האָט געזאָגט באטשימאס — איכ פלעג אמאָל טרעפנ אָפ הונדערט שפאנ אינ א היטל, וואָס מע האָט אויפגעהאנגענ אָפ א פיכטע.

עס זײַנען צוגעגאנגענ נאָכ פינפ טונגוסנ צומעסטנ די פאטראָנעס צו זייערע ביקסנ.

די קייט האָט זיכ אוועקגעלייגט אונטערנ אָפהאנג פונעמ ברעג. א טייל האָט זיכ באהאלטנ הינטער גריבאקינס לאגערנ, וואָס זײַנען געשטאנענ אפנ סאמע ברעג. פונ דער שיפ האָט מענ אראָפגעלאָזט א מאָטאָר-שיפל. אונטערשפרינגענדיק אפ דער כוואליע, שיסנדיק מיט רויכ, האָט דאָס שיפל זיכ אוועקגעלאָזט צומ ברעג. דאָס אלצ האָט ניט אויסגעזענ ווי א יאפאָנישער דעסאנט.

דאָס שיפל האָט פארלאנגזאמט דעמ גאנג, ווי עס וואָלט זיכ דערשראָקנ פאר דער פוסטקייט, וואָס האָט געהערשט אפנ ברעג. דערנאָכ האָט עס פארקערעוועט לענגאויס דעמ זאמדבאנק און אוועקגעלאָזט זיכ אינ דער לעפצונג פונעמ טײַכ. נעביוואיעוו האָט געווארט ביז עס וועט צוגיינ צומ ברעג. ער איז ארויס פונ הינטערנ לאגער פאָכענדיק מיטנ נאגאנ. דעסיוקאָוו האָט אָנגעשטעלט די ביקס.

די טונגוסנ און פארטיזאנער זײַנען געלאָפנ צומ שיפל. דער מאָטאָריסט — א יאפאָנער — האָט ברייט צעעפנט דעמ מויל און אויסגעשריִענ. ער האָט ארויסגעלאָזט דעמ רודער, אופגעהויבנ די הענט, וואָס איז געווענ שווארצ פונ אייל, און אָנגעוויזנ אפנ מענטשנ, וואָס איז געזעסנ אפ דער קאָרמע.

— אָט איז דער באַלעבאָס, אנאטא!*

— גיי ארויס! — האָט געזאָגט נעביוואיעוו.

א מענטש אינ א פליושענעם קאפעליוש מיט א יונגנ רויטנ פּאָנעם איז אראָפגעשפרונגענ אפנ ברעג.

נעביוואיעוו האָט דערזענ אינ זײנע אויגנ גײוע אונ באהאלטענע שרעק.

— דו רעדסט רוסיש? — האָט געפרעגט נעביוואיעוו.

— מיר רײדנ אפ אלע שפּראכנ, קעדיי קויפנ אונ פארקויפנ.

ער האָט אראָפגערוקט דעמ קאפעליוש אפ א זײט. דער דאָזיקער זשעסט האָט אימ צוגעגעבנ אנ אויסזענ אינ אומאָפהענגיקײט אונ פרײלעכנ. ער האָט פארשפּיליעט דעמ פּידזשאק אונ האָט זיכ אָנגעהירט אינ רער פונ דעסיוקאָווס ביקס.

— מיר זײנענ געקומענ האנדלענ אונ ניט מילכאָמע האלטנ! מײנ נאָמענ איז הערבערט הוטשינסאָנ. כאָ! — ער האָט זיכ פאנאנדערגעלאכט. — רויטע, װײסע — אונדז איז אלצײנס. מיר פארקויפנ אונ קויפנ.

— אזוי! — האָט לאנגזאמ געענטפערט נעביוואיעוו. — אונ אונדז איז ניט אלצײנס.

— א מינ ניט אָנגענעמלעכקײט! — האָט מיט פארדראָס געזאָגט הוטשינסאָנ. ער האָט פלינק א קוק געטאָנ אפנ יאפּאָנער, וואָס איז נאָכ אלץ געזעסנ באמ רודער. יענער האָט אימ דערלאנגט א געלנ טשעמאָדאנטשיק.

דער קארייער קימ האָט זיכ געשטעלט באמ שיפל אפ דער וואכ.

נײנ! אימ גייט פּאָשעט ניט אפ דעמ ברעג, הערבערט הוטשינסאָנע. ער האָט א קוק געטאָנ אפ די פארטיזאנער, אפ די באוואָפנטע טונגוסנ אונ א קנײטש געטאָנ מיט די פּלײצעס, ווי פאר יעגעמ רעטעניש־פולנ קעסל אונטערנ טונגורער פעלדז. דערנאָכ האָט ער אראָפגערוקט דעמ קאפעליוש אפנ קארק אונ איז אוועק נאָכ נעוויוואיעוונ.

אינ לאגער האָבנ זיי געטראָפנ די טונגוסנ.

---

* אנאטא — אפ יאפּאָניש — מענטש, גוטער ברודער.

— אַלאָ! — האָט ער געזאָגט און אַ שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ צו די אַלטע.

זיי האָבנ דערהערט זײַנ זאַפטיקנ זיכערנ קאָל און האָבנ זיכ אַ נייג געטאָנ, נאָר „קאָפּסע“ האָבנ זיי ניט געזאָגט.

זיי האָבנ געקענט דעמ אַלטנ סויבער סווענסאָנ פונ אַליאַסקע — דעמ גרינ־אויגיקנ שוועד, וואָס האָט קיינ מורע ניט געהאַט ניט פאַר אַ טײַפונ, ניט פאַר אײַז. זײַנ שיפ איז ענלעכ געווענ אָפּ אַנ אָרלעריש איי. ער האָט פאַרקויפט אַלצ, וואָס אַנ אָווענער דאַרפ און דאַרפ ניט: מעל, העק, זייגערס, קאָנסערווירטע מילכ און שאָקאָלאַד אינ זילבער־נעמ פאַפיר, פונ וועלכנ די מיידלכ האָבנ זיכ געמאַכט בוסנ.

זיי האָבנ געקענט דעמ קאַפּיטאַנ דזשילבערט, וואָס פלעגט פונ צײַט צו צײַט ברענגענ ספּירט, נאָר דעמ דאָזיקנ מיטנ רויטנ פּאַנעמ און העלע אויגנ האָבנ זיי געזענ דאָס ערשטע מאָל.

ער האָט זיכ געלאָזנ אַוועקגעזעצט אויפ דער ערד לעבנ נעביוואַי־יעוונ און שווײַגנדיק צעעפנט דעמ טשעמאָדאַנ.

— באָלשעוויק! — האָט ער געזאָגט אויסשטשירענדיק די צייג — שלעכט אינ טײַגע. פּאַראַנ בראָנפנ, פּאַראַנ ראָמ!

— מיר טרינקענ ניט! — האָט בייז געענטפערט נעביוואַיעוו.

— אָלרײַט! — הוטשינסאָנ האָט אַראָפּגענומענ דעמ קאַפּעליוש און אַ פּאָכע געטאָנ זיכ אינ פּאַנעמ. — גאַנצ וויל...

— אָ, טשאָ!* — האָט אויסגעשריענ אַמאָסאָוו און אַ קנאַק געטאָנ מיטנ צונג. ער האָט צומ ערשטנ מאָל געזענ אַ מענטשנ, וואָס האָט זיכ אָפּגעזאָגט פונ בראָנפנ.

— אָ, טשאָ! — האָבנ איבערגעכאַזערט מיט פאַרווונדערונג די טונגוסנ.

— זיי מעג מענ פאַרלייגנ? — הוטשינסאָנ האָט מיט די אויגנ אָנגעוויזנ אויפ די טונגוסנ.

— מיר דערלויבנ ניט!

— וועריי אועל! זייער גוט! איכ פאַרשטיי, מיר האָבנ ניט רעכט האַנדלענ מיט בראָנפנ, אָבער אַליינ אַ ביסל טרינקענ מעג מענ? —

* אויסגעשריי פונ פאַרווונדערונג, ווי אונדזער „אַכ“.

און הוטשינסאָן האָט אונטערגעטראָגן צום מויל א פלעשל מיט א פאַרצעלײענעם קאָרעק. ער האָט געכאַפּט א זופּ און לעבעדיק פאַרגע־זעצט — באָלשעוויק... גוט... מיר, אמעריקאַנער, זײַנען פאַר באָלשע־וויקעס קעגן יאַפּאַנער.

נעביוואַיעוו האָט זיך אָנגעכמורעט.

— רעדסט א סך, כאַווער אמעריקאַנער! וואָס זײַט איר אהער געקומען?

אָבער הוטשינסאָן האָט געקוקט אריבער די קעפּ מיט פוסטע הע־לע אויגן און אלץ גערעדט, ווי ניט אים מײנט מען.

— מיר האָבן געהאַט א טעלעגראַם פון נאָם, אז דער טונגוס האָט ניט וואָס צו עסן. ניטאָ קײן פיש, און די טונגוסן שטאַרבן. אונדזער קאָמפּאַני — אַן ערלעכע קאָמפּאַני. מיר האָבן געפרעגט אײַער רעגי־רונג, מיר האָבן געפרעגט אונדזער רעגירונג. אונדז האָט מען געזאָגט: אײַערע סכוירעס — אײַער ריזיקע. גאַנץ גוט! מיר האָבן געקויפט סכוירעס אין סאַנפראַנציסקאָ. מע טאָר ניט דערלאָזן — טונגוסן זאָלן שטאַרבן. אונדזער קאָמפּאַני — אַן ערלעכע קאָמפּאַני. רזשיל־בערט און הוטשינסאָן! מיר האָבן אלץ. אלץ! — האָט פלוצלינג אויסגעשריען הוטשינסאָן. זײַנע אויגן האָבן אָנגעהויבן בלישטשען. ער האָט ארויסגענומען פון טשעמאָדאַן א דיקן בוך אין א לעדערנעם אײַנבונד, פאַרזיכטיק צעעפנט, ווי א ביבל, און אָנגעהויבן בלעטערן. דאָס בוך האָט ניט געשורשעט מיט קײן בלעטער, גאָר יעדע זײַט האָט געקלונגען ווי א לעגענדע פאַר זשעדנע אויגן. האָזלעך און צאַרט האָט דאָ געברענט קרעטאָן. מיט שוואַרצע הירשענע אויגן האָט געקוקט אָפּ די יענער סאַמעט און פליוש, באַשײדן האָט דאָ דורכגעשוועבט ציץ. פראָסט און פעכט האָט הורכגעשחרשעט לײַוונט און פאַרוסינע, וואָס איז אזוי נײטיק פאַר בײַדלעך.

די טונגוסן האָבן זיך צוגערוקט נעענטער. ניקיטשען האָט אויס־געשטרעקט די האַנט, קעדײַ אָנצוטאַפּן כאָטש אײנע פון די האַזיקע וווּנדערבאַרע בלעטער.

אָבער הוטשינסאָן האָט שוין פאַרמאַכט דעם בוך מיט מוסטערן.

— מיר האָבן אלץ! — האָט ער ווידער איבערגעכאַזערט און אויפ־געהויבן זיך פון דער ערד. ער האָט אויפגעריסן פאַפּירענע קאָנווערטן

אונ אויסגעשאָטנ אַפ דער דלאָניע מעל, וועלכע דער ווינט האָט אַראָפּגעבלאָזנ אַפ די לאַצנ פונ זײַנ פּידזשאַק.

דאָס איז געווענ זעמל-מעל, ווײַסע, ווי הוטשינסאָנס דלאָניע, אונ גרעבלעכע קאָרענע מעל, פונ וועלכע עס גײט אָפּ מיט אַזאַ זאַטקײט.

די טונגוסנ האָבנ געסליִנעט די שמוציקע פינגער אונ זיך אָנגעריִרט אינ סוכערס ווײַסער דלאָניע. זיי האָבנ געפּרוווט די מעל אַפנ צונג.

אונ הוטשינסאָנ האָט אַלצ געוואַרט מיט אַנ אויסגעשטרעקטער האַנט, ביז דער ווינט האָט ניט אַראָפּגעבלאָזנ דאָס לעצטע שטויבעלע. דעמאָלט האָט ער אַרויסגענומענ עטלעכע ביליקע ענגלישע ליולקעס אונ אַ קלאַפּ געטאָנ מיט זיי ווי מיט לעפל. אַלײנ האָט ער פאַרויכערט זײַנ אײגענע ליולקע אונ אינ דער לופט האָט פּלוצלינג אָנגעהויבנ שמעקנ מיט האָניק. דערנאָכ האָט ער צעבראַסטעט דעם פּידזשאַק אונ אַפ זײַנ ברוסט האָבנ די טונגוסנ דערזענ פינפ פּאָר זייגערס. זיי זײַנענ געהאַנגענ ווי מעדאַלנ. די זונ האָט געשײַנט אַפ די ניקלענע דעקלעכ. דערנאָכ, ווענ ער האָט נאָענט לעבנ זיך דערזענ ניקיטשענס ברעגעטריקע אויגנ, האָט ער אַרויסגענומענ פונ קעשענע אַ שטיקל צוקער, האַלטנדיק מיט צוויי פינגער, ווי מע האַלט איבער דער מאָרדע פונ אַ הונט, האָט ער עס אונטערגעוואָרפנ אינ דער הייכ.

דער צוקער איז געפאַלנ צו ניקיטשענס פיס. זי האָט זיך ניט אָנגעבויגנ אופצוהייבנ. זי איז געווינט געווענ אופצוהייבנ פונ דער ערד נאָר ברוסניצעס אונ שישקעס, וואָס פאַלנ פונ אַ הויכנ צעדער. זי האָט אַלצ געקוקט אַפנ סוכער, וואָס איז געווענ באַהאַנגענ מיט זייגערס. ער האָט איר אויסגעוויזנ שענער אונ בעסער, ווי די דאָזיקע רויטע מיט די ביקסנ.

נעביוואַיעוו האָט מיטנ שטיוול אָנגעטראָטנ אַפנ צוקער, אַרײַנגעקוועטשט אים אינ דער ערד אונ אָנגענומענ דעמ סוכער פאַרנ אָרבל.

פונעמ דאָזיקנ ריר איז הוטשינסאָנ געקומענ צו זיך, זײַנ אופרעגונג איז גלײַכ אײַנגעשטילט געוואָרנ. ער האָט אויסגעקערעוועט דעמ קאָפּ צו נעביוואַיעוו, אַרויסגענומענ די ליולקע פונ מויל אונ ביז אַ ברומ געטאָנ: „אוקאָט". זײַנ פּנימ האָט זיך פאַרקרימט מיט

פאראכטונג, ער האט אראפגעטרייסלט נעביוואיעווס האנט און ווידער געזעצט זיכ אפ דער ערד.

— א שינד טאנ אימ פונ בערדאנ! — האט געזאגט דעסיוקאוו.

— אוקאט! — האט איבערגעכאזערט מיט פאראכטונג הוטשינסאנ, ניט פארשטייענדיק גארניט.

דער קאמיסאר האט א שאקל געטאנ מיטנ קאפ און פארטראכט זיכ. די לאגע האט אימ ניט אויסגעוויזנ אזוי פראסט ווי דעסיוקאוו.

דאס איז געווענ א סוינע, אבער ניט יענער סוינע, צוליב וועלכנ זיי זיינענ אהער געגאנגענ דורכ דער טייגע. און מיט אימ — נעביוואיעוו האט עס געוווסט, איז נאכ ניט געקומענ די צייט צו קריגנ זיכ.

ארום זיינענ געשטאנענ די טונגוסנ, שטילע, ארעמע און דרייסטע יעגער. ווו וועט ער נעמענ פאר זיי טאבעק, פולווער און מעל, אפ וואס זיי קוקנ ארום אזוי זשעדנע? און דא אזוי נאענט, הינטערנ שוימיקנ פאס פונ זאמדבאנק באמ האריזאנט, בא דער בלויער סטענגע, וואס האט זיכ אויסגעשפרייט איבערנ וואסער, האט געריכערט די שכונע, פול מיט סכוירעס, און נעביוואיעוו האט געזאגט צו הוטשינסאנענ:

— האנדל!

די טונגוסנ זיינענ פארשווונדנ אינ זייערע בוידלעכ און ווידער זיכ באוויזנ פונ דארטנ. זיי האבנ אוועקגעלייגט צו הוטשינסאנס פיס שווארצ־ברוינע פוקסנ, צונויפגעבונדענע פאר די עקנ, און פייענע מעלכלעכ פונ ווינטערדיקנ געיעג. און סויבלענ פארוויקלטע אינ שווארצ־געוואנט — פונ דער זונ.

הוטשינסאנ האט געשמייכלט. אפ זיינ רויטנ פאנעם האבנ געבלישטשעט די ציינ.

ער האט קיינמאל ניט געצווייפלט, אז א גוטער סויכער וועט שטענדיק געפינענ אנ אויסוועג; פונדעסטוועגנ האט ער ניט געקאנט זיינ אינגאנצנ צופרידנ. קיינ גרויסע גליקנ וועט ער שוינ דא ניט מאכנ. די טונגוסנ זיינענ געווענ ניכטער. אפ דער ערד און אפ די פעק זיינענ געזעסנ באלשעוויקעס, און פארקויפנ ספירט האט מענ ניט געטארט.

האָט הוטשינסאָנ אָנגערופנ זײַנע פרײַונ. פאַר א פעקל קאָרענע מעל האָט ער געבעטנ א סויבל, פאַר א פעקל ווייצענע — צווײ; אינ פייגע פעלכלעכ האָט ער געשאַצט אַפ דער וואָג אונ געפאָדערט אזוי־פיל, וויפל עס וועגט א באַנקע פולווער אָדער א קלעצל טײ. ער האָט גענומענ בלויז פייגע רוקנדלעכ אונ פײַערדיקע פוקסנ אונ פעלעכלעכ פונ ווידרעס, וואָס האָבנ געהאַט דעם קאָליר פונ צעדער־נים. ער האָט געשאָקלט מיטנ קאָפּ, ווענ מע האָט אים געבראַכט פעל פונ בערנ אינ וועלפּ.

אונ קוקנדיק אינ זײַנע העלע אויגנ, האָט ניקיטשענ געטראַכט, צי האָט ער ניט מוירע פאַר נ׳גאַלענגא, פונקט אזוי ווי זי. אונ דער אַל־טער אמאָסאָו, קוקנדיק אינ זײַנע אויגנ, האָט געטראַכט, צי האָט זיכ ניט אומגעקערט צו זיי אַפ זײַנ פליגלדיקער שיפ „דער בערדיקער וואָלפ“. אונ דער רײַכער אָסיפּ, וואָס האָט געהאַט סויבלענ אונ מאַר־דערס, איז אָפּגעטראָטנ פאַר זײַנ זשעדנעקײַט.

דעמלט האָט דער קאָמיסאַר נעביוואַיעוו ארויסגענומענ דעם נאַגאַנ אונ געזאָגט צו הוטשינסאָנענ:

— אוועק פונדאַנענ!

— זייער גוט! — הוטשינסאָנ האָט מיט די פים אָפּגעשטויסנ דאָס פוטערוואַרג אונ אוועקגעלאָזט זיכ צומ ברעג, פונ קיינעמ ניט באַ־גלייט.

נאָר ניקיטשענ איז אימ נאָכגעגאַנגענ, קוקנדיק אַפ זײַנ ברייטער פלייצע אונ אַפ זײַנע פים, אָנגעטאָנענע אינ געלע שיכ, וואָס האָבנ געבלישטשעט ווי קופּער. איר האָט באַנק געטאָנ, וואָס ער פאַרלאָזט אזוי ניט געלונגענ זייער ברעג, אונ ווענ ער האָט זיכ שוינ געזעצט אינ שיפל אַרײַנ, האָט זי אָנגערירט זײַנ האַנט אונ געזאָגט:

— האַנדל.

זי האָט אימ באַווײַזנ די קאַפּטאַרגע, וואָס זי האָט אויסגענייט פאַר אָלעשעקנ. ער האָט זי גענומענ, לאַנג פאַנאַנדערגעקוקט אונ גע־דרייט אינ די הענט. זײַנע פוסטע אויגנ האָבנ מיט פאַרוווּנדערונג געקוקט אַפ ניקיטשענ.

די קאַפּטאַרגע — א בײַטעלע פונ הירשענעמ זאַמש, איז געווענ אויסגענייט קונציק. אַפ דער געלער ראָווגע האָבנ געבליט אויסגע־

691—4

נייטע מיט פערל, כינעזישע פאלמעס. זייערע פעדערנ האָבנ ווי געפלאטערט פונ ווינט. אונ אונטער די פאלמעס — בלייבע קווייטנ פונ טונדרע: ראָזלעכע סמאָליעווקעס, ווײַסער מאָנ אונ שטיינברעכער, אויסגעשניטענע פונ שטיקלעכ הירשענע פעל.

דער ראַנד פונעמ בײַטעלע, ווו דאָס הירשענע שנירל איז געווענ דורכגעצויגנ אינ לעכעלעכ, איז געווענ ארומגעזוימט מיט הערעלעכ אונ אפ יעדנ שלייפ איז געווענ אויסגענייט אנ אייגעלע.

הוטשינסאָנ האָט געקוקט מיט קאלטע אויגנ אפ דער קאפטארגע אונ האָט גאָרניט געפרעגט.

אונ ניקיטשענ האָט ניט געזאָגט וועגנ אלטנ קאמעלאנ פונ דער באָבע ליוטשיטקענ, פונ וועלכנ זי האָט אויסגענייט די דאָזיקע אוזאָרנ. זי האָט נאָר איבערגעכאזערט.

— האנדל!

הוטשינסאָנ האָט גלייכגילטיק ארײַנגערוקט דאָס בײַטעלע אינ קעשענע, ארויסגענומענ דעמ טײַסטער אונ געגעבנ ניקיטשענ א פאפירל — 25 רובל.

אָ, די דאָזיקע צארישע קרעדיטקעס, וועלכע ער האָט ניט געוווסט ווו אהינצוטאָנ. ער איז ארײַנגעשפרונגענ אינ שיפל, א צופרידענער וואָס כאָטש איינ געלונגענעמ געשעפט האָט ער געמאכט אפנ דאָזיקנ ברעג.

דער יאפאָנער האָט געלאָזט דעמ מאָטאָר.

ניקיטשענ איז אנטלאָפנ.

זי האָט באוויזנ דאָס געלט בלויז אָלעשעקנ, קעדיי זיכ רייצנ מיט אימ אונ זאָגנ אימ, אז זײַנ קאפארגע איז פארקויפט. ער האָט זיכ ניט באליידיקט, ניט בייז געוואָרנ, ווײַל ער האָט ליב געהאט ניקיטשענ מערער ווי איר קאפטארגע. דאָס פאפירל איז אימ געפעלנ געוואָרנ. ער האָט עס פאנאנדערגעקוקט אפ דער שײַנ, ווי עס טוענ די רוסנ.

— דער דאָזיקער סויכער — איז א נארישער סויכער: ער גיט פאר א סויבל א פעקל מעל אונ פאר א פראָסטער קאפטארגע אזויפיל געלט, וויפל עס קאָסטנ צוואנציק פעקעלעכ. צי געמט ער ניט אָ, א האָז פאר א ווידרע?

— אזויפיל מעל וועט מענ אונדז געבנ פאַר דעמ דאָזיקנ פאַפירל? — האָט פאַרוואונדערט געפרעגט ניקיטשענ.

— איכ האָב געזענ, מיט דריי יאָר צוריק האָט דער סויכער גריבאַקינ געקויפט פאַר אזא געלט מעל.

ניקיטשענ האָט באהאלטנ דאָס פאַפירל אפנ ברוסט אונ א זיפצ געטאָנ:

— נארישער סויכער! ער ווייס ניט, וועלכע כייע איז שווערע־צו כאַפנ.

6. א לעקציע אנטראָפּאָלאָגיע אונ נאוויגאציע

— צי מיינסטו ניט, אז דער פעטער דזשילבערט קאָנ שטיינ אפ די אנקערס וויפל דיר וועט זיכ וועלנ?

— איכ בינ זיכער, אז די טונגוסנ וועלנ קומענ. מענטשנ קאָנענ ניט הונגערנ. נאָר דערפאר, ווייל דאָרטנ אפנ ברעג זיינענ די באָלשעוויקעס.

— איכ צאָל די מאטראָסנ געהאלט, הערבערט!

— איכ צאָל דעמ קאפּיטאנ פאַר פראכט!

הוטשינסאָנ האָט גערעדט טרוקנ, ניט קוקנדיק אפנ קאפּיטאנ דזשילבערט. זיי זיינענ געשטאנענ אפנ באָק. דער שאָטנ פונעמ מאסטבוימ איז געלעגנ צווישנ זיי, אונ הינטערנ רעכטנ באָרט — אלצ דער זעלבער ברעג, די זעלבע מאָפּקע סואָרדאָנ, ארומגעגארטלט מיט פרימאָרגנדיקנ נעפּל.

דזשילבערט האָט אראָפּגענומענ די היטל, וואָס האָט אימ געקוועטשט דעמ קאָפּ. ער האָט פארטראכט א קוק געטאָנ אפנ קליוז:

אינ דער אוואלער לאָכ, ארומגעשמידט מיט א טשוהונענער מופטע, איז אראָפּגעהאנגענ די אנקער־קייט. די ראמ האָט זיכ אינעמ לאָכ פונ אונטנ בלויז געלויכטנ.

הוטשינסאָנ, עטוואָס וויגנדיק זיכ, האָט בייז געקוקט אפ די געלע נעזער פונ זיינע אויסגעפוצטע שיכ. זיי האָבנ געבלישטשעט, ווי דער לאטונ אפ די פליטעס פונ דער אייזערנער דעק.

אונ דזשילבערט האָט געטראכט: „ווי אלצ איז פינקטלעכ אונ

אויסגערעכנט בא דעמ דאָזיקנ יונגנ הערבערט! אָ, ער קענ באַשטײנ זײַנ וועלט! ער וועט שטײנ! האָט פאַרביטערט איבערגעכאַזערט דזשי־בערט, ניט באַמערקנדיק אַלײנ זײַנ קאַלאַמבור.

„עלדאָראַדאָ“ איז ווירקלעכ געשטאַנענ הינטער דער זעלבער זאַמ־באַנק קעגנ טשומוקאַנ שוינ א גאַנצנ מעסלעס אונ געוואַרט אפ די טונגוסנ.

דזשילבערטנ האָט זיכ געדאַכט, אז דאָס וועט גאָרניט געבנ. ער האָט מיט א זיפצ אונטערגעשטעלט דעמ ווינט זײַנ פליכעוואַטנ שאַרבנ. אפ זײַנ אַלטנ ראָזלעכנ שטערנ האָט זיכ געווײַזט א טונ־שנירל — א שפור פונ קאַפּיטאַנישנ היטל. זי האָט אַרומגערינגלט דעמ גרויענ געשוירענעמ קאָפּ ווי א קראַנצ.

ערלעכ גערעדט, האָט דזשילבערט קײנע אַנדערע „קרענצ“ ניט פאַרמאָגט. „עלדאָראַדאָ“ איז געווענ פאַרלײגט אונ איבערפאַרלײגט, אונ פּראָצענטנ האָט געצאָלט הוטשינסאָנ. דזשילבערט איז געווענ בא הערבערטנ אינ די הענט. די געשעפטנ זײַנענ געגאַנגענ שלעכט.

אונ איצטער, ווארפנדיק א בליק אפ זײַנ שכנע, האָט ער געזענ, אז די באָרטנ זײַנענ פאַראַסטעט. מיסט איז געווענ אפנ דעק. אונ ער האָט געגלײבט אינעמ אַלטנ סימענ, אז שמוצ אפ א שיפ איז דער ערשטער אָנזאָג אפ א דורכפאַל.

אימ איז געווענ ניט צומ האַרצנ דער דאָזיקער פלאַטשיקער ברעג, די גרויזאַמע שטילקײַט אונ דער שוואַרצער וואַלקנ, וואָס איז הויכ געשוואומענ איבערנ הימל. דער באַראָמעטער האָט אָנגעזאָגט ווינט.

— כאָטש מע צאָלט מיר פאַר פראַכט, — האָט אָנגעזאָגט דזשיל־בערט — פונדעסטוועגנ האָב איכ באַשלאָסנ אָפּטראָגנ זיכ.

שפּאַנענדיק שווער איבערנ דעק, איז ער אוועק אפנ בריקל אָפּ־צוגעבנ א באַפעל.

לויטנ אויסדרוק פונ זײַנ מאַסיווע פאַרזאָרגטנ רוקנ האָט הוטשינ־סאָנ פאַרשטאַנענ, אז עס וועט זײַנ א שלעכטער וועטער. דאָס מאָל האָט מענ געמוזט מאַסקימ זײַנ מיט דזשילבערטנ אונ אופהײבנ דעמ אַנקער פאַר דער צײַט.

הוטשינסאָנ איז נאָכ א ביסל געשטאַנענ בא די צונויפגעלײגטע קאַנאַטנ אונ איז אויכ אוועק אפ דער קאָרמע צו דער קאַפּיטאַנישער

קאיוטע, קעדיי ניט הערנ דעמ רייעכ, וואָס האָט זיכ פארשפרייט פונ די כינעזישע מאטראָסנ, וועלכע האָבנ זיכ געפּאָרקעט באמ הייבנ פונעמ אנקער. אפילע פונעמ מאַטאָריסט, פונעמ יאפּאָנער בונדזשי, האָט אומדערטרעגלעכ געשמעקט מיט באָב-אייל.

אפ דער קאָרמע איז אויכ געווענ ניט בעסער. דער ערשטער גע-הילפ, מיסטער אויטשארד, איז געשטאנענ בא דער קאיוטע אונ געדרוי-כערט זיינ שטינקענדיקנ ציגאר. אונ דער מעכאניק קלינטאָנ, א יונ-גער, א ביינערדיקער, האָט שטענדיק געזויגנ יאפּאָנישע אירישקעס. לאנגווייליק איז געווענ אויכ צו קוקנ אפנ ברעג, אונ קעדיי ניט צו זענ אימ, איז הוטשינסאָנ אריבערגעגאנגענ אפנ לינקנ באָרט.

דאָס בלייענע וואסער האָט רעליעפ געהויבנ זיכ צומ הימל. דער אָפּפלוס האָט זיכ געענדיקט אונ דער צופלוס האָט זיכ נאָכ ניט אָנ-געהויבנ אונ דער יאמ, ווי א מענטש, וואָס האָט זיכ נאָכ ניט איינ-געשלאָפנ, נאָר וועלכער איז שוינ גרייט אופצושטיינ, האָט זיכ געדרו-דערט איינאָטעמענדיק אינ זיכ פרישקייט.

פונעמ לאנדצונג, וואָס פארבייגט די לעפצונג פונעמ טייכ, איז אָפּ-געשווומענ א טונגוסישע אָמאָראָטשקע.* זי איז געגאנגענ שווער, ווי זי וואלט געווענ אָנגעלאָדנ מיט שטיינער. די וועסלעס האָבנ זיכ אראָפּ-געלאָזט לאנגזאמ. ארויסגעזען האָט מענ נאָר דעמ קאָפּ פונעמ שיפ-לער — אזוי קליינ איז ער געווענ אונ אזוי טיפ איז ער געזעסנ אפנ דעק פונ אָמאָראָטשקע.

דזשילבערט האָט פונ בריק דער ערשטער באמערקט דאָס שיפל.

— הערבערט!! — האָט ער אראָפּגעשריענ. — טו א קוק, צי פאָרנ ניט דיינע טונגוסנ מיט פוטערוואַרג. מיר האָבנ לאנג אפ זיי געוואַרט, צי זאָלנ מיר ניט צוווארטנ נאָכ א ביסל.

אָבער הערבערט האָט געשוויגנ, אפילע ניט אויסגעקערעוועט זיכ. ער האָט גערעכנט, אז דער, וואָס דארפ האָבנ הוטשינסאָנענ, וועט צו-פאָרנ צו יענעמ אָרט, ווו ער שטייט. אָבער איצט וועט ער פאר א סויבל געבנ ניט מער ווי א האלבנ פעקל מעל.

אונ הערבערט האָט אלצ געקוקט אינ אָפענעמ יאמ מיט זיינע

* אָמאָראָטשקע — א שיפל.

העלע אויגנ. עס האָט זיכ דערהערט א קלאַפּ פונ א וועסלע אונ די שטימ פונעמ יאַפּאַנער בוגדזשי.

די אַמאַראַטשקע איז אַרומגעגאַנגענ די נאָז פונ „עלדאָראַדאָ" אונ צעגעשווומענ צומ לינקנ באָרט. די סוחאַליעס האָבנ זיכ ניט געקײַקלט פונדערווייטנ, נאָר ווי זיי וואָלטנ זיכ געהויבנ פונ אונטנ פונ אונטערנ אויסגעדאַלבעוועטנ דעק פונ דער אַמאַראַטשקע, אונ האָבנ זי אונטערגעטראָגנ נעענטער צו הוטשינסאָנס אויגנ. ער האָט ניט געזענ ניט קיינ בינטלעכ פוטערוואַרג, ניט קיינ יעגער, ניט קיינ פּאַרטיזאַנער. בלויז איינ מיידל, ניט וואַגנדיק אופצושטיינ, האָט זיכ געוויגט אינ שיפל, אָנשפּאַרנדיק זיכ מיט דער וועסלע אינ באָרט. זי האָט געקוקט אַרופ אפ אימ אונ האָט געפאָכעט מיט א פּאַפּירל.

— וואָס דאַרפ זי? — האָט געפרעגט הוטשינסאָנ אפ ענגליש, ניט ווענדנדיק זיכ צו קיינעמ.

דער יאַפּאַנער בונדזשי, וואָס האָט אַמאָל געאַרבעט אפ א קאָנסערוונ־זאַוואָד אינ לאַנגרי אונ אויכ אפ די פיש־געווערבנ אונטער אָכאָטסק, האָט זיכ געווענדעט צו איר אפ טונגוסיש.

— נאָכ וואָס ביסטו געקומענ?

— איכ בינ געקומענ אימ זאָגנ, אז מיינ קאַפּאַרגע איז פונ הירשענער האָוודוגע אונ דער זוימ איז פונ באַרסוקישע האָר. צי מיינט ער ניט, אז דאָס איז א סויבל, אונ צי ווייסט ער, וועלכע כײַע איז שווערער צו כאַפּנ? ער האָט מיר באַצאָלט צו טײַער.

בוגדזשי האָט איבערגעזעצט אירע ווערטער.

הוטשינסאָנ האָט לאַנג געקוקט אפ ניקיטשענ מיט יענער קאַלטער צעטראָגנקייט, מיט וועלכער ער האָט נאָרוואָס געקוקט אפנ יאַמ. דערנאָכ האָט ער זיכ אויסגעקערעוועט אונ אַריבער אפנ רעכטנ באָרט, ווו עס איז געווענ זײַנ קאַיוטע.

דער ווינט איז געגאַנגענ מיט שטײַגנדיקער קראַפט, פאַרלויפנדיק דעמ צופלומ דעמ וועג. דער האָריזאָנט האָט אָנגעהויבנ זידנ, די כוואַליע האָט באַקומענ דעמ קאָליר פונ א ביר־פלאַש. אונ נאָר באַמ סאַמע באָרט האָט זי פּלוצלינג, אופהייבנדיק זיכ, אויסגעבויגנ א בלויעכנ רוקנ. עס האָט געקלאַפּט דער הייבער, אַרויסשלעפנדיק דעמ אַנקער. אונ ניקיטשענ, וועלכע האָט מוירע געהאַט פאַרנ יאַמ, האָט זיכ

געווינט אין איר שיף. ווי א האר פון א הירשענער פעל, אזוי האט עס ארויסגעריסן פון אירע הענט די וועסלעס. צוויי מאל האט די אמאראטשקע א קלאפ געטאן זיך אין בארט פון „עלדאראדא" און צוויי מאל האט פאר שרעק אויסגעשריען בונדזשי. אבער ניקיטשענ האט ניט געשריען. זי איז נאר שווארץ געווארן, הערנדיק די שטים פונעם צופלוס. א דריטן מאל האט א קלאפ געטאן די אמאראטשקע אין בארט, אפגעווארפן זי, ווידער צוגעדריקט, און ניקיטשענ איז געפאלן אפן דעק פונעם שיפל.

בונדזשי האט זיך ארומגעבונדן מיט א שטריק און איז אריבער־געקראכן אריבערן בארט. ער האט קיינעם ניט געפרעגט: ניט דעם קאפיטאן דזשילבערט, ניט הוטשינסאנען. זיין פנים איז געווען רויק, אבער די אויגן האבן געקוקט בייז אף די כוואליעס און אף דער אמאראטשקע, וואס איז געשפרונגען באם בארט. די כינעזער האבן פארשטאנען זיין בייזן בליק. זיי האבן שווייגנדיק געצילט דעם עק פון שטריק.

— כא! * — האט אויסגעשריען פון אונטן בונדזשי.

א נאסער און נאך אלץ אזא בייזער, האט ער איינגיכן באוויזן זיך איבערן בארט, האלטנדיק שטארק ניקיטשען.

— וואס פארקעט איר זיך דארטן, שיידים? — האט פונעם בריקל זיך צעשריען דזשילבערט. — צי מיינסטו ניט, ידו, אויסווורף, בונ־דזשי, אז איך וועל צוליב אזא שטשור שיקן א שיפל אפן ברעג, ווען דער אנקער איז שוין אופגעהויבן און דער ווינט איז פינף באלן? איך וועל אייך די הויט ארפשינדן.

און ער האט זיך צעטאפעט מיט די פיס. אבער זיין צארן איז גלייך אריבער, ווי נאר „עלדאראדא" האט זיך פאנאנדערגעוויקלט אף א שטארקער כוואליע און איז אוועק מיט פולן גאנג, פאנאנדערלאזנ־דיק דעם רויך אפן ווינט.

דזשילבערט האט זיך אריבערגעבויגן אריבערן בריקל, א קוק געטאן ארופ אפן שמוציקן דעק, וו עס איז געזעסן דאס מיידל, און האט א טראכט געטאן מיט לייכטן פארדראס: „נאך צוויי באנקעס

* כ א — אף כינעזיש גוט.

קאָנסערוונ פונעם שיפ־רעזערוו". נאָר אזוי ווי ער איז פונדעסטוועגנ לויט דײַער נאַטור געווענ א גוטער מענטש, האָט ער צוגעגעבנ פונ זיכ: „אונ א פײַנטע קאָנסערווירטע מילכ".

דער יאַמ איז געגאַנגענ צומ ברעג, דער ווינט איז געגאַנגענ צומ ברעג, בלויז איינ ניקיטשענ איז געגאַנגענ פונ אימ. זי האָט געווײנט. אינ טײַגע וועט דער ווינט הוידענ די צעדער, די וועווערקעס וועלנ פארלאָזנ די נעסטנ אונ באהאלטנ זיכ אונטער די אומגעפאלענע שטאַמענ פונ די ביימער. די קאָמארעס וועלנ זיכ אײַנזויגנ אינ גראָז — גוט וועט זײַנ אינ טײַגע, אָבער ניקיטשענ וועט דאָרטנ ניט זײַנ. זי האָט אראָפגענומענ די אָלאָטשנ, ארויסגענומענ פונ זיי דאָס נאַסע היי אונ ארויסגעוואָרפנ אריבערנ באָרט. זי האָט ניט קײנ סטעלקעס פאר די פיס. וווּ וועט זי דאָ גײנ אפ דער דאָזיקער אײַזערנער, וואקל־דיקער ערד. עס האָט זי געגיבלט. זי האָט שטיל געכליפעט, צוגעדריקנדיק זיכ צומ וואנט פונ הוטשינסאָנס קאיוטע.

— ווער ווײנט דאָרט, דער טײַוול זאָל עס נעמענ!

הוטשינסאָנ האָט זיכ אופגעהויבנ פונעמ טישל, וואָס איז געווענ צוגעשרויפט צומ דיל.

ניט געקוקט אפ דער הוידעניש, האָט ער דאָכ זיכ צוגעזעצט יווי־דעראמאָל זיכ נעמענ פארנ טאָגבוכ. ער האָט שוינ באוויזנ פארצייכענענ אינ אימ א סאכ אינטערעסאנטע געדאנקענ וועגנ די טונגוסנ, אונ נוצלעכע ידיעות, וואָס ער האָט ארויסגעלייענט פונ דער ענציקלאָפעדיע. הוטשינסאָנ האָט אוועקגעשטעלט א פונקט אקוראט אינ יענעמ אָרט, וווּ עס האָט זיכ גערעדט וועגנ דעמ, אז די טונגוסנ זײַנענ א געוויסע אָפצווײַגונג פונ דער מאָנגאָלישער ראַסע, וואָס שטאַמט פונ צאָפנ־מאנדזשוריע. דערבײַ זײַנענ זיי נאָכ געווענ באקאנט אינ די אוראלטע צײַטנ פאר צוויי טויזנט צווייהונדערט פינפ אונ צוואנציק יאָר ביז קריסטוסעס געבורט אונטערנ נאָמענ „סו־שענ". אונ ער איז צוגעגאַנגענ צו דער טיר. ער האָט זיכ גענומענ פארנ קופערנעמ הענטל. די טיר איז געווענ ווי פארהאַקט.

— ווער האלט דאָרטנ? דער טײַוול זאָל עס נעמענ!

הוטשינסאָנ האָט זיכ אָנגעלייגט מיט דער פלייצע. די טיר האָט

שווער זיך אונטערגעגעבן. אין שפּאַרונע האָט זיך אַרײַנגעריסן א געדיכטער ווינט. ער האָט איבערגעבלעטערט הוטשינסאָנס טאָגבוך און אַראָפּגעשלײַדערט אים פון טיש. דערנאָך האָט די טיר מיטאַמאָל זיך צעעפנט. הוטשינסאָן איז אַרויסגעפלויגן אפן דעק. גלײַך נאָך אים האָט דורכגעהילכט א שאָס. דאָס האָט ווידעראַמאָל זיך פאַרהאַקט די טיר.

— טײַוול! — האָט אויסגעשריִען הוטשינסאָן. אָבער דער געשריי איז געבליבן בײַ אים שטעקן אין גאָרגל.

די מאַטראָסן זײַנען אײַליק דורכגעלאָפן פאַרבײַ. דער קאַפּיטאַן דזשילבערט איז שוין געווען אין גומענע שטיוול און מאַנטל. ער האָט פאַרגעסן וועגן די קאָנסערוון, וועגן די כוואַליעס, וואָס ער קומט הוטשינסאָנען, און געדענקט בלויז וועגן שטורעם, מיט וועלכן עס האָט געדראָעט דער הימל, און וועגן די פעלדזן, מיט וועלכע עס האָבן געדראָעט די ברעגן, זײַנע באַקן האָבן זיך צעפלאַמט. א בייזער, א וואַבזאַמער, האָט ער מאַסיוו זיך אויסגעטיילט איבערן בריקל, קוקנדיק דעם ווינט גלײַך אין פּנים. דער צופּלום איז געגאַנגען מיט שנעלקײַט פון פינף באַלן.

הוטשינסאָן האָט א קוק געטאָן אפן לאַג. דאָס אײַזערנע רעדעלע האָט ווי א וועבערן געצויגן פון די כוואַליעס א לאַנג שטריקל. דער לאַג האָט זיך געדרייט גענוג שנעל. מע האָט נאָך געקענט זײַן רויִק און טראַכטן וועגן די אייגענע געשעפטן. הוטשינסאָן האָט א קוק געטאָן אויף ניקיטשען. דער ווינט האָט זי צוגעקוועטשט צום ווענטל ווי א נאַסן בלאַט. הוטשינסאָן האָט א שמייכל געטאָן און א פײַף געטאָן, אָנווײַזנדיק איר אויפן ברעג, וועלכן מע האָט ניט אויסגעזען איבער די כוואַליעס.

ניקיטשען האָט טרויעריק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— מײַן פאָטער כאַטשימאַס. און מײַן פרײַנט אָלעשון זײַנען געבליבן דאָרטן. וואָס וועלן זיי איבערטראַכטן? איך האָב גענומען אַמאָסאָווס אַמאַראָטשקע, ניט אָנפרעגנדיק זיך בײַ אים. און נ'גאַלענגאַ האָט מיך באַשטראָפט. אָבער איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט מיר געגעבן צו פיל. — צוואַנציק פּעקלעך מעל פאַר אײַן קאַפּאַרגע.

ניקיטשען האָט זיך אויפגעהויבן און אויסגעשטרעקט הוטשינסאָנען

דאָס צעקנייטשטע פּאַפּירל. זי האָט עס נאָך אלץ געהאלטנ אינ פויסט. הוטשינסאָנ האָט דערקענט זײַנ קרעדיטקע. איבער זײַנע ווײַסלעכע ברעמענ זײַנענ ארויסגעטראָטנ רויטע פּליאמעס. ער האָט אוועקגעלייגט דאָס קרעדיט-פּאַפּירל אַפ זײַנ צעעפנטער דלאָניע.

דער ווינט האָט עס ווי אש ארויפגעבלאָזנ אריבערנ באָרט. גיקיטשענ האָט אויסגעשריענ. צוואנציק פּעקלעך מעל האָט דער ווינט אוועקגעטראָגנ אינ יאמ ארײַנ.

„וואָס טוט ער, דער דאָזיקער אומזיניקער סויכער?" זי האָט פּאַרלאָרנ צו אימ דאָס לעצטע ביסל אָפּשײַ. דער גאנצער בעטיונישער שייוועט וואָלט א גאנצ זומער זאט געווענ. ניקיטשענ האָט שווײַגנדיק זיך אָפּגעקערעוועט. דער אײַזערנער בארג „עלדאָראדאָ" מיטנ קוימענ, מיטנ בריקל, מיט די מאסטבוימער האָט פּלוצלינג הויכ זיך א הייב געטאָנ אונ ציטערנדיק ארויפגעלאָזנ זיך. אַפ דער הייכ פונעמ באָרט האָט א בלישטשע געטאָנ דער שוימ אונ עס האָט זיך באוויזנ וואסער. דאָס וואסער איז ווי אָקרעפּ געווענ דורכגעשטאָכנ מיט פּענכערלעכ. הוטשינסאָנ האָט זיך אוועקגעלאָזט איבער דער אָנגעבויגענער פּאלובע, נאָר ער האָט זיך באטראכט, אומגעקערט אונ אָנגעוויזנ ניקיטשענ אַפ דער טיר פונ זײַנ קאיוטע. זי איז ארײַנ אונ געזעצט זיך אַפנ דיל, ווי זי פּלעגט זיך זעצנ אינ איר אוראסע אַפנ קאמאלאנ. ביז האלבנ טאָג האָט שטארק געטרייסלט. אַפנ דעק האָט מענ פּארהאקט אלע ליקנ.

הוטשינסאָנ איז ניט ארויס פונ קאיוטע. וועגנ דער קראפט פונ די כוואליעס האָט ער געוּרטיילט לויט זײַנ אש-קעסטל. דאָס אש-קעסטל איז געווענ א שווערס, א בראָנזענס אונ איצט האָט עס ארומגעשפּאנט איבערנ טיש פונ ראנד צו ראנד. הוטשינסאָנס לאקירטע שטעקשיכ זײַנענ ארויסגעשפּרונגענ פונ אונטערנ בעטל. בלײַענע טראָפּנס האָבנ געקלאפּט אינ ווענטל. ניקיטשענ האָט יעדער רעגע געבויגנ דעמ קאָפּ צומ דיל. דער שטורעמ איז אינגיכנ אײַנגעשטילט געוואָרנ. עס איז געוואָרנ שטיל קאלט, ווי מע וואָלט זיך ארויפגעלאָזט אינ א טיפנ קעלער. הוטשינסאָנ איז מיטאמאָל דערפרוירנ געוואָרנ. ער האָט פּארוואנדערט ארויסגעקוקט פונ קאיוטע. די גאנצע קאמאנדע איז געווענ אויבנ.

— וואָס האָט געטראָפֿנ, בונדזשי? — האָט ער געפֿרעגט דעמ יאַ־פּאָנער, וואָס איז דורכגעלאָפֿנ פֿאַרביַי.

— איַיז־קרײַעס דרייענ זיכ ארומ, סער.

הוטשינסאָנ האָט זיכ אויפֿגעהויבנ אויפֿנ בריקל.

— וואָס האָט פּאַסירט, פּעטער?

דער קאַפּיטאַנ דזשילבערט האָט ביַיז עפּעס א ברומ געטאָנ און א געשריי געטאָנ אינ טעלעפֿאָנ פֿונ דער מאשינ־אָפּטייל: — „שטילער גאנג".

אויפֿנ האָריזאָנט האָט הוטשינסאָנ דערזענ א וויַיס פּאַסיקל, וואָס האָט זיכ פֿאַרשפּרייט איבערנ גאַנצנ וואַסער. עס האָט זיכ געצויגנ פֿונ צאָפֿנ צו מיזרעכ. די וויַיט האָט געהאַט דעמ קאָליר פֿונ א ווינטער־דיקנ ביַינאַשמאָשעס.

— ניט קיינ יאַמ, נאָר א גענעמ — האָט געזאָגט דזשילבערט, און זיַינע אויגנ האָבנ אומרויִק געקוקט פֿאָרויס.

פֿאַרלויפֿנדיק דעמ וועג דעמ איַיז, האָט זיכ אָנגערוקט א נעפּל. ער איז געוונענ, ניט געפֿאַלנ. „עלדאָראַדאָ" איז אריַינ אינ אימ, ווי אינ עפּעס געדיכטס. און בא דזשילבערטנ אויפֿנ קאַפּיושאָנ פֿונעמ מאַנטל האָבנ זיכ מיטאַמאָל באַוויזנ טראָפּנס, דאָס פּאָנעמ איז געוואָרנ נאַס ווי פֿונ טרערנ.

— אָט האָסטו דיר, טאָמער קאַרג. — האָט ער געזאָגט.

די גליַיכגילטיקיַיט האָט געמאַכט הוטשינסאָנענ דרייסט. ער האָט בלויז געפֿרעגט, צי דאָס וועט זיי פֿאַרהאַלטנ. האָבנ זיי שוינ אראָפּגענומענ זיכ פֿונ אַנקער, האָט מענ געדאַרפֿט וואָס גיכער קומענ קיינ איאַנ. מיט מעל און מאַנופֿאַקטור האָט ער ניט וואָס צו טאָנ אינ־מיטנ יאַמ, צווישנ נעפּל. ער האָט זיכ ווידעראַמאָל אראָפּגעלאָזט אינ זיַינ קאַיוטע און באַשלאָסנ מער ניט ארויסצוגיינ.

לאַנג האָט זיכ געצויגנ די ציַיט. עס האָט געהודעט די סירענע. אינ קאַיוטע האָט מענ אָנגעצונדנ פֿיַיער. פֿונ ציַיט צו ציַיט האָט אויפֿגעהערט דער געוויינלעכער ציטער פֿונ די ווענטלעכ. דאָס האָט דזשילבערט געשריִענ אינ רופֿאָר פֿונ מאַשינ־אָפּטיילונג: „סטאָפּ!" דעמלט האָט מענ געהערט ווי די איַיז־קרײַעס ריַיבנ זיכ איינע אינ די אנדערע. א מעשונעדיקער קלאַנג, וואָס איז ענלעכ אויפֿנ שורשנ פֿונ יאַשטשערקעס.

א מאטראָס האָט געבראַכט פון קאָמבוז מיטיק — א פלאַש ווײַנ און א ראָסטביפ. ער פלעגט יעדן פרימאָרגן צוקלײַבן הוטשינסאָנס קאיוטע און דערפאר האָט ער זיך דערלויבט זאָגן.

— מיר דרייען זיך, סער, ווי אחבעס אפ א סקאָוורדע. אָבער די סקאָוורדע איז, צו אלדי שווארצ יאָר, א קאלטע. — ער איז געווען ארומגעוויקלט מיט א שארפ.

בא הוטשינסאָנען זײַנען בלוי געוואָרן די ליפּן. ער האָט אויסגעטרונקען א גלאָז ווײַן, אָנגעטאָן א מאנטל און גלײַך דערפילט זיך בעסער. זײַן טאָגבוך איז ווידער געלעגן פאר אים אפן טיש. ער האָט אופגעעפנט די לאציע און דורכגעלייענט.

„דער אָכאָטסקער יאם איז ווי א מין פּאָליארער באסיין פארן שטילן אָקעאן. בא די שאנטארער אינדזלען איז געפערלעך צו שווימען. דאָרט טרעפן אָפט געדיכטע נעפלען. אפילע אין אווגוסט קאָן מען באגעגענען אײַז־קריעס, פאר וועלכע די שאנטארער אינדזלען זײַנען א נאטירלעכער צוים.”

„די וואלפיש־שלעגער, וואָס האָבן באזוכט דעם יאם, באצייכענען בא די אינדזלען א שטארקן קעסלגרוב־שטראָם אנטקעגן דעם זייגער־ווײַזער.”

הוטשינסאָן האָט פארמאכט די לאציע — דאָס אלץ איז ניט אזוי וויכטיק. ער האָט זיך מער ניט געקליבן שווימען בא די דאָזיקע טײַוולשע ברעגן, אָבער דער געדאנק, וואָס האָט דורכגעשוועבט בא אים אין קאָפּ, האָט אים אויסגעוויזן טשיקאווע. ער האָט פארשריבן:

„אויב מע זאָל איבערצווימען דעם טאָטערשן דורכגאנג מיט א דאמבע, וועלן די אײַז־קריעס ארומגיין סאכאלין פון צאָפן און וועלן אוועק לענגאויס די קורילער אינדזלען אין אָקעאן. דער גאנצער יאפּאָנישער יאם וועט ווערן א טראָפּישער. וולאדיוואָסטאָק וועט אויסערן סוטשאנער קוילן נאָך האָבן זײַנע אייגענע באנאנען. דער פּראָיעקט איז ניט קיין טײַערער, אויב דאָס וועלן ניט טאָן מיר, אמעריקאנער, וועלן דאָס טאָן די יאפּאָנער. עס לוינט אויסגעבן קאפּיטאל, כדי פארשליסן די באָלשעוויקעס אין זייער אייגענעם קעלער”.

דערנאָך האָט הוטשינסאָן פארגעזעצט זײַנע נאָטיצן וועגן די טונגוסן:

„וועלקער אונ מיינאָוו האלטנ זיי פאר מעסיקע בראכיצעפאלנ* — האָט ער געשריבנ מיט אנ ענערגישער שיינער האנטשריפט — דער ביי פונעמ קאָפּ אונ פונעמ פּאָנעמ, כאָטש אינ א פארווייכערטער פאָרמ, נאָר ער איז אבסאָליוט א מאָנגאָלישער".

ער האָט אוועקגעלייגט די פענ. די קעלט האָט אימ געמאטערט. די הענט זיינענ פארהילצערט געוואָרנ. אָבער קעדיי דורכקאָנטראָלירנ וועלקערנ אונ מיינאָוונ, האָט ער א קוק געטאָנ אפ ניקיטשענ.

די אויגנ זיינענ בא איר געווענ קארע, קלוגע אונ האָבנ געקוקט אפ אימ גלייכ. די נאָזלעכער האָבנ זיכ שארפ געשווארצט אפנ ראָז־לעכנ טונקעלנ פּאָנעמ אונ דער מאָנגאָלישער קנייטש אפ די וויִעס האָט אימ צוגעגעבנ אנ אויסדרוק פונ רויִקייט אונ פארטרויִלעכקייט. מיט א לאנגזאמער באוועגונג האָט זי אריבערגעוואָרפנ דעמ צאָפּ אריבערנ פּלייצע. די האָר אירע האָבנ זיכ עטוואָס געקרייזלט. דאָס שנירל מיט די גלעזערנע קנעפּלעכ איז איר געפאלנ אפ דער ברוסט. ניקיטשענ האָט עס נאָכ ניט אראָפּגענומענ פונ יאָנטעוו אָנ. זיצנדיק אפנ דיל אינ נאסע קלאָטשנ, אינ איינ העמד פונ כינעזישנ לייוונט, האָט זי ווי נאָר ניט געפילט קיינ קעלט. איר איז איצטער געווענ גוט. עס האָט זי מער ניט געיִבלט. דאָס קעסטל איז מער ניט ארומגע־שפּרונגענ איבערנ טיש. די שרעקלעכע שטעקשיכ זיינענ אוועקגעקראָכנ צוריק אונטערנ בעטל. ווענ זי האָט נאָר א שטיקל יוקאָלע אונ א ביסל וואסער, וואָלט זי זיכ געפילט ניט אזוי שלעכט.

הוטשינסאָנ האָט לאנגזאמ אריבערגעפירט זיינ בליק פונ ניקי־טשענ אפנ פּאפּיר.

— גאָר ניט ענלעכ אפ דעמ, וואָס וועלקער זאָגט — האָט ער אומצופרידנ געבורטשעט אונ גענומענ זיכ פארנ ראָסטביפ. ער האָט אימ געגעסנ שטענדיק א קאלטנ.

ניקיטשענ האָט דערהערט דעמ רייעכ פונ פלייש. זי האָט אראָפּ־געלאָזט די אויגנ אפ אירע אונטערגעבויגענע קני.

הוטשינסאָנ האָט אָנ איר ניט פארגעסנ. אימ האָט זיכ דערמאָנט

---

* בראכיצעפאלנ — מענטשנ, בא וועלכע דער קאָפּ האָט א קיילעכיקע קורצע פאָרמ.

דער טונגוסישער לאַגער, דער צוקער, וואָס קיין איין טונגוס האָט ניט אופגעהויבנ פונ דער ערד. אריבערביי־גנדיק זיכ איבערנ טעלער, קענדיק געשמאַק דעמ ראָסטביפ, האָט ער אָנגעשריבנ אינ טאָגבוכ:

„זיי האָבנ שטאָלצ!"

דערנאָכ האָט ער אוועקגעשטעלט פארנ מיידל אפנ דיל א פוסטנ טעלער און ארײַנגעוואָרפנ אהינ א שטיקל פלייש.

ניקיטשענ האָט שטארק צוגעמאכט די אויגנ. זי האָט געגעסנ נאָר דאָס, וואָס מע האָט איר געגעבנ אינ די הענט.

הוטשינסאָנ האָט פארוווּנדערט אופגעהויבנ אפ איר די ווײַסלעכע ברעמענ.

„וואָס פעלט איר נאָכ דער דאָזיקער מאלפע?.."

דאָס טונגוסישע מיידל האָט אָנגעהויבנ ארויסרופנ בא אימ נײַגיר. עס האָט אָנגעהויבנ צו ווערנ א פארווײַלונג. און ביזוואנענ קאפיטאנ דזשילבערט האָט ארויסגעפירט „עלדאָראדאָ" פונ נעפל און אײַז, האָט הוטשינסאָנ דערווײַל אויסגעמאָסטנ ניקיטשענס שארבנ, און אויסגעלערנט זי — זײַנ לײַבלעכע שוועסטער — אופהויבנ פונ דיל דאָס פלייש, וואָס ער האָט איר געוואָרפנ. זי איז געוועזנ הונגעריק. און ניט אומזיסט האָט כאטשימאס געזאָגט וועגנ זײַנ טאָכטער, אז זי איז זשעדנע. אפנ צווייטנ טאָג אינדערפרי זײַנענ די קריעס דורכגעגאנגענ, אָבער דער נעפל איז געוועזנ געדיכט און קאלט.

און ווענ דער נעפל איז אינגאנצנ פארשוווּנדנ, איז אינ דרײַ קאַבעלטאָוו* פונ רעכטנ באָרט ארויסגעשווומענ א יאפּאָנישער מינעטרעגער. ער איז געגאנגענ קיינ איאנ.

7. די פליגנ האָבנ ניט געהודזשעט איבער דער יוקאָלע

בא כאטשימאסנ אינ אוראסע איז א גאנצנ טאָג געווענ פוכט. פאטשימאס, פארנומענ מיט זײַנ נײַעמ אמט, איז אוועק מיט די פארטיזאנער קיינ טשומוקאנ. דער ראט האָט זיכ איצטער געפינענ

* קאבעלטאָוו — א יאמ־מאָס פאר שטרעקעס, באטרעפט 200 מעטער.

אין גריבאַקינס הויז. אַזוי איז אויך אַלעשקע מיט אַ סאַך טונגוסן. און ערשט אין אָוונט, ווען כאַטשימאַס און אַלעשקע האָבן זיך אומגעקערט און ניט געטראָפן אין אָוראַסע ניט קיין פֿײַער, ניט וואָס צו עסן, האָבן זיי געפֿרעגט בײַ די שכנים וווּ איז ניקיטשען.

קיינער האָט ניט געוווּסט, בלויז איין אַמאַסאָוו האָט זיי געזאָגט:

— איך וואָלט געוווּסט, וווּהין עס איז אַוועק ניקיטשען, ווען איך וואָלט וויסן וווּ איז מײַן אַמאַראַטשקע. זי האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין איר און אַוועקגעיאָגט אַנטקעגן דעם צופֿלוס. איך האָב דעמאָלט אַ טראַכט געטאָן: ניקיטשען האָט צוויי מאָל פֿאַרזינדיקט. קיינער פֿון די אָווענער נעמט ניט קיין שיפֿל ניט געפֿרעגטערהייט. און קיינער פֿון אונדזערע מיידלעך וועט ניט נעמען אין האַנט אַ וועסלע. זיי האָבן זייער אַרבעט. פֿאַר וועלכע אַ מאַנצבל וועט זיך ניט נעמען, און דו האָסט געהערט, כאַטשימאַס, ווי די טײַגע האָט גערוישט, ווי דער יאַם האָט געשריִען? די הירשן האָבן גאָר ניט מוירע פֿאַר מאָסקיטן און פּאַשען זיך ווײַט פֿון לאַגער. שלעכט וועט זײַן...

כאַטשימאַס און אַלעשקע האָבן ניט אויסגעהערט דעם אַלטן ביזן סאָף. זיי זײַנען ווידער אַוועק אין טשומוקאַן זוכן ניקיטשען.

די לעוואָנע איז געווען מוטנע און דער יאַם קאַלט. די כוואַליעס האָבן גערוישט אָן אויפֿהער און געשלאָגן זיך אין די שטיינער. כאַטשימאַס האָט געשריִען אין כווישעך אַרײַן און גערופֿן ניקיטשען, און אַלעשקע איז שווײַגנדיק געגאַנגען לענגאויס דעם ברעג און אײַנגעקוקט זיך אין די שטיינער. און נאָך אים איז נאָכגעגאַנגען דאָס טונגוסישע הינטל אָוואַרטשאַק. דאָס הינטל האָט מוירע געהאַט פֿאַר וואַסער און געבילט אויפֿן שוים, וואָס האָט געפֿינקלט אין האַלב-פֿינצטערניש. זיי זײַנען דורך דעם גאַנצן ברעג ביז יענעם אָרט, וווּ מיט צוויי טעג צוריק האָט ניקיטשען געזוכט סואַנען. דאָ האָט אָוואַרטשאַק אויפֿגעהערט בילן, און אַלעשקע האָט פֿאַרוווּנדערט זײַן שווײַגן.

אָוואַרטשאַק איז געזעסן אויפֿן ראַנד פֿון אַן איבערגעקערט שיפֿל, געציטערט פֿון קאַלטן ווינט און געקוקט אויפֿן יאַם, וואָס האָט געוויגט די שײַן פֿון דער לעוואָנע.

אַלעשקע האָט דערקענט אַמאַסאָווס אַמאַראַטשקע. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן הינטל און ציטערנדיק אויך גענומען קוקן אויפֿן יאַם.

כאטשימאס האט ניט געהאט קיינ שארפ אויג. ער האט לאנג ארומגעטאפט דאס שיפל, אנגעבויגנ זיכ, געזיפצט. דערנאָכ האט ער זיכ אוועקגעזעצט אפ א שטיינ, ארונטערגענומענ אונטער זיכ די דאַ-רע פיס אונ אופגעהויבנ די אויגנ צומ הימל. די לעוואָנע איז געשווו-מענ צווישנ די וואָלקנס.

— מיר האט זיכ היינט געכאָלעמט, אז מיינ ביקס האט דרייַ מאָל זיכ פארהאקט — האט געזאָגט כאטשימאס. — דאס איז א שלעכ-טער כאָלעמ. איכ האב געמיינט, אז א קרענק וועט זיכ זעצנ אפ די קאָפּיטעס פונ מיינע הירשנ. אָבער דער כאָלעמ, ווייַזט אויס, איז גע-ווענ ניט וועגנ זיי. צו וואָס האב איכ אוועקגעקוילעט סואָנענ? עפשער זיינענ די געסט ניט ווערט אונדזער פרייַנטשאפט. עפשער זייַנענ זיי שלעכטע.

— ניט ווערט — האט פארביטערט איבערגעכאזערט אָלעשעק — צו וואָס האב איכ געטאנצט אונ געפרייט זיכ אינ דייַנ אוראסע? די רויטע האבנ אונדז קיינ גוטס ניט געבראכט. זיי האבנ פארשלאָסנ דעמ פרייַנט * גריבאקינ אונ קיינ סכוירעס איז בא זיי ניטאָ. זיי האבנ פארטריבנ דעמ פרעמדנ סוחער, וואָס איז געקומענ צו אונדז פונ יאמ, אונ אליינ קיינ סכוירע האבנ זיי ניט. ווערזשע וועט אונדז געבנ מעל אונ פולווער? איכ ווער איז שולדיק אינ ניקיטשענס טויט?

— איכ ווייס ניט.

— ווער דענ ווייס, אויב ניט דו, וועלכנ מיר האבנ אויסגעקליבנ פאר א קאָפּ אינ ראט.

— איכ ווייס ניט. — האט טרויעריק אויסגעשריענ כאטשימאט-- כאָטש מע האט מיכ אויסגעקליבנ פאר א קאָפּ אינ ראט אונ ניקיטשענ איז מייַנ טאָכטער.

זיי זייַנענ אנשוויגנ געוואָרנ אונ אוועק פונעמ שרעקלעכנ אָרט, ניט אייַלנדיק מער אינ ערגעץ.

אויאָרטשאָק איז געלאָפנ פאָרויס אונ געבילט אפנ שוים.

די אומגעריכטע קעלט איז געווענ אזוי שטארק, אז די פארטיזא-

---

* די טונגוזנ רופנ אָנ די סאָכרימ פרייַנט.

נער האָבנ באנאכט געפרוירנ בא די שײַטערס און די טונגוסנ זײַ-נענ געשלאָפנ אינ הירשענע זעק.

אינ די פרימאָרגנס פלעגט די זונ זיכ באַדעקנ מיט דינער פאַרע. אונ אינ די אָוונטנ איז זי געשטאַנענ אפנ האָריזאָנט, א גרויסע, א ווײַסע.

די טונגוסנ זײַנענ געגאַנגענ מיט די נעצ צומ ברעג אונ אומ-געקערט זיכ טרויעריקע מיט ליידיקע הענט.

לויט דער אײַצע פונ די אַלטע לײַט האָבנ זיי אָפּגעפאַרבט די נעצ אינ רויטנ קאָליר — דאָס איז דער באַליבטער קאָליר פונ האָר-בושע *. אַזוי האָבנ פאַרזיכערט די אַלטע.

זיי האָבנ אַראָפּגעלאָזט אינ יאַמ קעגנ קאָפּ אנ אײַזערנע פּאָס, זי זאָל הודזשענ ווי א דעלפינ אונ פאַרטרײַבנ די פיש צומ ברעג.

אָבער אַלצ איז געווענ אומזיסט.

דאָס אײַז האָט אָפּגעשטויסנ די האָרבושע. זי איז דורכ פאַרבײַ, נאָר די לעצטע סטײַעס האָבנ פאַרקערעוועט אינ אײַנגומ אונ אופגע-הויבנ זיכ אַרופ דעמ טײַכ אויף.

אונ ווענ דער אײַז איז דורכגעשוואָמענ אונ דער געפּל איז פאַר-שווונדנ, זײַנענ כאַטשימאַס אונ אָלעשעק געקומענ צו די פּאַרטיזאַנער. זיי זײַנענ געווענ בייז פאַרטראַכט אונ אפילע נית צוגעזעצט זיכ פאַרויכערנ:

— ישלעכט. — האָט געזאָגט כאַטשימאַס נעביוואַיעוונ — פיש איז אַזוי ווייניק, אַז נאָר די גליקלעכע איז אָנגעקומענ.

— גליקלעכ זײַנענ די, — האָט צוגעגעבנ אָלעשעק — ווער עס האָט א סאַכ נעצנ.

— ריכטיק זאָגט דער יונגער. — האָט געזאָגט נעביוואַיעוו. — מיר וועלנ עפּעס טאָנ. קלײַב צונויפ פאַרנאַכט אַלעמענ.

דאָס מאָל איז די פאַרזאַמלונג געווענ א קורצע. ישווײַגנדיק, שטוי-סנדיק זיכ אײנער צומ אַנדערנ, האָבנ די טונגוסנ אַרומגערינגלט דאָס ווײַסע בײַדל.

נעביוואַיעוו איז אַרײַנ אינ קרײַז.

* האָרבושע — א קליינער יאַמ-פיש.

— מיר האָבנ געפונענ אינ לאגער באמ סויבער גריבאקינ א סאכ נעצנ. עס וועט סטייענ אפ איבערצוימענ דעמ גאנצנ טייכ. די ראטנמאכט שענקט עס אייכ. צוזאמענ כאפט די פיש און טיילט אפ גלייכ.

אָסיפ, וואָס האָט געהאט א סאכ נעצנ, איז ארויסגעטראָטנ פאָרויס און אויסגעקערעוועט צומ האמוינ זיינ נאקעטנ פּאָנעמ מיט די גראָווע הערעלעכ פונעמ בערדל. א קלייניקער, אינ א לאנגנ שווארצנ קאפטאנ, איז ער געווענ ענלעכ אפ א גאלעכל.

— דאָס אלצ איז גוט. אָבער וואָס וועט זאָגנ דער פריינט גריבאקינ?

— האָסט מיר דערעסנ, טשוול, מיט דיינ פריינט. — האָט אויסגעשריענ נעביוואיעוו. ער וועט גאָרנישט ניט זאָגנ, דער סויבער. ער האָט ניט קיינ קראפט קעגנ אונדזער מאכט. ווו איז ער, זאָגט?

— ער זיצט אינ שטוב אונטער א שלאָס, און זיינ ווייב וויינט. — האָט געזאָגט אָסיפ.

— און אונדזערע קינדער וויינענ ניט? — האָט אימ איבערגעשלאָגנ כאטשימאס — וועלנ זייערע מיילער זיינענ הונגעריק? וואָס וועלנ מיר עסנ, אז מיר וועלנ ניט כאפנ קיינ פיש? איכ דארפ שוינ וועגנ דעמ ניט טראכטנ, דאגאָרנ — ניטאָ מער מיינ ניקיטשקע. אָבער איכ דארפ וועגנ דעמ טראכטנ דערפאר, ווייל איר, דאגאָרג, האָט מיכ אויסגעקליבנ פאר א קאָפ אינ ראט.

— גערעכט, כאטשימאס. — האָבנ געזאָגט די טונגוסנ. — לאָמיר נעמענ גריבאקינס נעצנ.

אָבער אויכ גריבאקינס נעצנ האָבנ ניט געהאָלפנ. מע האָט זיי פארוואָרפנ אינ יאמ, פארצוימט מיט זיי דעמ טייכ, געשלעפט זיי אפ אָמאָראָטשקעס לענגויס דעמ ברעג. קיינ האָרבושע איז ניט געווענ. די פליגנ האָבנ ניט געהודזשעט איבער דער יוקאָלע. דער ווינט האָט ניט פאנאנדערגעטראָגנ איבערנ לאגער א פוילנ און זאטנ רייעכ. די קינדער האָבנ ניט געגאָשט קיינ זופ און ווילדע ציבעלע און פישענע קעפ.

דעמאלט זיינענ די טונגוסנ אליינ געקומענ צו די פארטיזאנער.

ווידעראמאָל ווי אינ ערשטנ אָוונט, מיט א וואָכ צוריק, האָבנ אפנ פלאצ געברענט שייטערס. ווידער איז געשטאנענ איבער דער טייגע

דער גרויסער בער. די טונגוסנ זײַנענ געזעסנ בא די פײַערנ, אָבער אפ זייערע פּענעמער איז ניט געווענ די פריִערדיקע פרייד, אונ דער אלטער אמאָסאָוו האָט זיכ געהוידעט אינ רויכ פונעם שײַטער אונ נאָכשפּירנדיק אינ שווארצנ הימל דעם מילכווענ, האָט ער געבורטשעט:

„נ׳גאלענגא האָט זיכ געיאָגט אפ ליזשעס נאָכ אנ איילנהירש איבער שנײיִקע שטעגנ, וואָס שנײַדנ דורכ דעם באנאכטיקנ הימל פונ מיזרעכ אפ מײַרעוו. ער האָט אימ דערשטיקט אפנ מיטנ וועג. אונ די פעל פונעם איילנהירש איז געבליבנ אפ רעכטס פונ שטעג אונ האָרט איז טאָקי־דוּקי*, אונ די פוס וואלגערט זיכ ליניקס פונעם שטעג, אונ דאָרטנ איז טאָקי־קאלגאנינ**, אונ נ׳גאלענגא איז אוועק צוריק אונ פונ איינ שטעג געמאכט צוויי. ער האָט זיכ אזוי אָנגעגעסנ, אז ער האָט קוים געשלעפּט די ליזשעס אונ די אָווענער — זײַנע קינדער — זײַנענ געבליבנ הונגעריק.

אמאָסאָוו האָט פּלוצלינג אופגעהערט שאָקלענ זיכ, אונ הויכ געזאָגט נעביוואיעוונ.

— שלעכט וועט אונז זײַנ, דאגאָר. דו ביסט ווי נ׳גאלענגא: א זאטער גייסטו אוועק צוריק אונ מיר בלײַבנ אָנ שפּײַז.

— איר וועט נעמענ נאָכ מעל אונ רײַז אונ אלץ, וואָס מיר האָבנ געפונענ אינ גריבאקינס לאגער, — האָט געענטפערט נעביוואיעוו. — אונ דאָס שענקט אײַכ די ראטנמאכט.

— אָ, דו ביסט א גוטער אפ פרעמדנ גוטס — האָט מיט א שטאָכ באמערקט אָסיפּ.

— אָט איז א סוינע. — האָט נעביוואיעוו געזאָגט צו די פּארטיזאנער, — אונ צעקוועטשנ אימ קאָנ מענ ניט.

— איכ וואָלט זיכ אויסגעשפּיגנ אפנ האָזיקנ „מע קאָנ ניט" — האָט דורכגעבורטשעט דער קאָמאנדיר דעסיוקאָוו אונ קרומ א קוק געטאָנ אפ אָסיפּנ. יענער האָט זיכ אָפּגערוקט אָנ א זײַט.

— א סאכ מעל האָט איר געפונענ אינ גריבאקינס לאגער? —

* טאָקי־דוּקי — אָריאָנ.

** טאָקי־קאלגאנינ — דער גרויסער בער

האָט פאַרזיכטיק געפרעגט כאטשימאס, וואָס האָט פריִער פאר אלצ ליב געהאט קלאָרקײט. — מיר ווייסנ: קיינ שיפ איז שוינ לאנג ניט געווענ. פונ פאראיאָרנ אָנ איז גריבאקינ ניט געפאָרנ נאָכ סכוירע.

נעביוואיעוו האָט א זויג געטאָנ דאָס ציגארל אונ האָט פארזשמורעט די אויגנ, מעל האָט מענ געפונענ ניט קיינ סאכ. ווייניק איז געווענ אויכ פולווער אונ שרויט. וועג מע זאָל צעטיילנ נאָר די אָרעמסטע, וועט אויכ קלעקנ ניט אפ לאנג. דעסיוקאָוו האָט זיכ צוגערוקט נעענטער. ער האָט גוט געקענט נעביוואיעווס פארשײטנ קאָפ.

— טראכט אפילע ניט. — האָט ער שטיל געזאָגט דעם קאָמיסאר.

— אונ איכ טראכט יאָ, כאָווער דעסיוקאָוו. — האָט געענטפערט נעביוואיעוו. ער האָט מיט די אויגנ ארומגעכאפט די רייכיקע שײטערס אונ די פענעמער פונ די יעגער. די קינדער האָבנ געוויינט, געבעטנ די ברוסט, אונ די מוטערס האָבנ זיי גערוקט אינ מויל זייערע ליולקעס, זיי זאָלנ א ביסל רויכערנ.

— איכ מיינ, כאָווערים פארטיזאנער, מע דארפ געבנ א העלפט פונ אונדזערע פראָדוקטנ.

— וואָס־זשע וועט עס זײנ פאר א פאָליטיק — האָט געזאָגט אוסטינקינ — אז מיר וועלנ אויסגיינ פריִער פאר זיי. מיר האָבנ גאלעטנ אינגאצנ אפ צוויי וואָכנ אונ דער וועג איז אפ א כוידעש.

— געבנ! — האָט געזאָגט דער קאָרייער קים, דער סאמע יינגסטער צווישנ די פארטיזאנער.

— געבנ! — האָבנ איבערגעכאזערט נאָכ אייניקע.

אָבער דער קאָמאנדיר דעסיוקאָוו איז געווענ ניט צופרידנ. ער האָט פארקנייטשט דעם שטערנ, א קוק געטאָנ אינ דער פינצטערניש, וואָס איז ווי א וואנט געשטאנענ הינטער די שײטערס

— געבנ קאָנ מענ, אויב אומקערנ זיכ.

— געבנ! אונ קיינע „אומקערנ זיכ" — האָט געזאָגט נעביוואיעוו. — נאָר — פאָרויס! אינ איאנ איז נאָכ ניטאָ קיינ ראטנ.

אונ אפ מאָרגנ באגינעג האָבנ די פארטיזאנער פארלאָזט טשימוקאנ. ניט פארוואונדערט די טונגוסנ ניט מיט זייער גוטסקײט, ניט מיט זייער אומזיניקײט. זיי האָבנ פאנאנדערגעקלעפט אפ די יורטעס אונ אפ די בערג־פעלדזנ אופרופנ, וואָס האָבנ געדראָעט מיט טויט

דעמ „קאַפּיטאַל”, און אַוועק מיט דער סטעזשקע אַפנ איאַנג באַטשי־מאַסנ האָבנ זיי איבערגעלאָזט דעמ סויבער גריבאַקינ אינ זײַנ אייגענעמ הויז אונטער אַ שלאָס. וואָס דענ האָט מענ געקאָנט מיט אימ טאָנ.

נאָכ די פּרעסטלעכ האָט דער פּרימאָרגנ אויסגעוויזנ אַ וואַרעמער. אָבער אַפנ גראָז איז נאָכ לאַנג געלעגנ דער טוי. מיט ביטערקײַט האָבנ געשמעקט די נאָדלענ. די סטעזשקע לעבנ ײמ דעמ ברעג האָט געפירט אַפ צאָפּנ. אַזוי ברייט איז זי געווענ אינ אָנהייב, אַז צו צוויי אינ אַ ריי זײַנענ געגאַנגענ די הירשנ. און די מענטשנ זײַנענ ניט מיד געוואָרנ ביז האַלבנ טאָג.

גרינג איז געווענ דאָס ערשטע צוזעצנ זיכ. אָבער ווי נאָר די פּאַרטיזאַנער האָבנ אויסגעשפּאַנט די הירשנ אַפ אַפּרו, אַזוי גלײַכ האָבנ זיי דערזענ אַ נײַעמ קאַראַוואַנ. ער איז געגאַנגענ נאָכ זיי מיט דער זעלבער סטעזשקע. די הירשנ האָבנ געטראָגנ אַפ זיכ זאָטלזעק — אַרומגעצייטע מיט קאַמאַסע, ליקענע וויגנ מיט קינדער. אַפ די פּעק זײַנענ געזעסנ ייִנגלעכ.

— אונדזער לאַגער באַגלייט די געסט — האָט געזאָגט באַטשימאַמ, צוגייענדיק צו נעביוואַיעוונ. די אָווענער וועלנ מיט אײַכ עסנ מיטיק.

— אָט און אַזמגליק! — האָט אויסגעשריגנ אוסטינקינ. ער איז געווענ דער קעכער אינ אָטריאַד און האָט איצטער געקאָכט פֿלייש־קאָנסערוונ אינ אַ בידאָנ, וואָס האָט אימ פאַרביטנ אַ קעסל. — וואָס־זשע איז דאָס פֿאַר אַנ אָנשיקעניש, כאַווער קאָמיסאַר?

— וואַרפֿ אַרײַנ נאָכ צענ באַנקעס קאָנסערוונ און עפֿנ אופ נאָכ אַ קאַסטנ גאַלעטנ — האָט פאַרטראַכט געזאָגט נעביוואַיעוו.

די טונגוסנ האָבנ זיכ צוגעזעצט צומ פֿײַער פֿונ די פּאַרטיזאַנער און אַרויסגענומענ די מעסערס פֿונ די בערעסטענע שיידלעכ, צוגעגרייט זיכ עסנ פלייש. די פֿרויענ, אײַלנדיק צומ טיי, האָבנ איבערגעלאָזט אַפ די פּעק די וויגנ מיט די קינדער. אָבער באַמ שײַטער זײַנענ אַלע געזעסנ שטיל, וואַרטנדיק אַפנ עסנ.

און אַזויפֿיל וועדרע איז געווענ אַפ די הונגעריקע פֿענעמער פֿונ די טונגוסנ, אַזוי באַשיידנ האָבנ זיי געוואַרט, אַז נעביוואַיעוו האָט געזאָגט צומ קעכער.

— פאַרקאָכ געדיכטער די טיי...

אונ אפ מאָרגנ איז געווענ דאָס זעלבע. נעביוואַיעוו האָט אָנגעהויבנ זעלטענער זיכ צוזעצנ אפ אָפרו. פּראָדוקטנ האָט מענ פאַנאַנדערגעגעבנ די פּאַרטיזאַנער שטילערהייט. אונ די טונגוסנ זײַנענ אַלצ נאָכגעגאַנגענ פיס־טראָט.

א פאַרצווייפלטער האָט דער קאָמיסאַר געזאָגט צו כאַטשימאַסנ.

— קערט זיכ אום צוריק, וואָס גייט איר אונדז נאָכ.

— וואַסער קומט צו אונ קומט אָפ. — האָט געענטפערט כאַטשימאַס, — אונ מענטשנ קומענ פונ טײַגע אונ קומענ ווידער אַהינ אַוועק אינ אויב זיי האָבנ ברויט אונ פלייש צעטיילנ זיי זיכ מיט הונגעריקע, אונ אויב זיי האָבנ ניט — שטאַרבנ זיי צוזאַמענ. אַזוי לעבנ די אָווענער. אונדז איז אַלצייִנס וווהינ צו גיינ.

נעביוואַיעוו האָט אַרויסגענומענ פונ בוזעמ זײַנ מאַנדאַט אונ באַוויזנ אימ כאַטשימאַסנ.

— אָט דאָ איז געזאָגט — מיר קענענ שטאַרבנ נאָר אינ קאַמפ מיט די סאָנימ פונעמ אַרבעטער־קלאַס. איר זײַט אונדז ניט קיינ סאָנימ. גייט צוריק. שיקט מענטשנ אפ די געווערבנ. עפשער וועלנ זיי אײַכ ברענגענ מעל אונ פּראָדוקטנ. אונ אונדז גיב א באַגלייטער, קעדיי מיר זאָלנ גיינ אינ אַנ אַנדער זײַט.

כאַטשימאַס האָט מיט אָפּשײַ א קוק געטאָנ אפנ פּאַפּיר אונ א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ.

— די טונגוסנ זאָגנ כאַטשימאַסנ: „מע דאַרפ ניט גיינ מער אפ די געווערבנ. דו ביסט אַהינ געגאַנגענ נאָכ סכוירע אונ געקומענ מיט סאָלדאַטנ". אונ די טונגוסנ זאָגנ: דו אונ אַלעשעק האָבנ זיי געבראַכט צו פירנ, זאָל זיי אַלעשעק אַוועקפירנ".

— מיר זײַנענ ניט קיינ סאָלדאַטנ — האָט אומצופרידנ געזאָגט נעביוואַיעוו — נאָר באָלשעוויקעס.

ער האָט מיט אומצוטרוי א קוק געטאָנ אפ אַלעשעקנ, וואָס איז אַרויסגעטראָטנ פאָרויס. אימ האָט אויסגעוויזנ, אַז דער באַגלייטער איז צו יונג.

— באַלעשקי, באַלעשקי! — האָט איבערגעכאַזערט אַלעשעק.

אונ די סטעזשקע איז געוואָרנ פוסט. די טונגוסנ האָבנ פאַרקערעוועט צוריק.

8. פונ די איילנהירשענע קוואלנ ביז דזשוג־דזשור

איבער די איילנהירשענע קוואלנ איז שטענדיק געשטאנענ א טונקלקייט. אינ טונקלקייט צווישנ די פיכטעס האט ארויסגעשיינט מיט נייער ליקע אסיפ גראמאוואס אוראסע. דעמ מאכ ארומ דער אוראסע האבנ אויסגעטראטנ אונ אופגעגעסנ די הירשנ. וואס ברייטער עס איז אזא קרייז, אלץ רייכער איז די אוראסע.

די פארטיזאנער האבנ זיכ אפגעשטעלט אפנ ברעג פונ א ברייט טייכל. דאס איז געווענ דער צווייטער אפרו אפ נאכטלעגער.

אסיפ מיטנ זונ פראקאפי האבנ נאכ געבעטנ זיכ אומגעקערט אהיימ צו די איילנהירשענע קוואלנ. זיי זיינענ ניט געקומענ צומ פייער פונ די פארטיזאנער, ניט גערופנ זיי אינ געסט צו זיכ, קעדיי אנטרינקענ זיי מיט הירשנמילכ אונ באריימענ זיכ מיטנ געפעס — מיטנ קופערנעמ טשייניק אונ מיט די קריגעלעכ פונ כינעזישנ פארצעליי, וואס זיינענ פאנאנדערגעשטעלט געווענ אפ געפארבטע טיישלעכ.

אסיפ האט געדענקט וואס האט געטראפנ מיט גריבאקינענ. פראקאפי — א יאטל פונ א יאר פופצנ, אינ א געוואנטענעמ קאשקעט, איז פונדעסטוועגנ צוגעגאנגענ צו אלעשעקנ אונ לאנג גערעדט מיט אימ אפ טונגוסיש, אפטמאל אנרופנדיק ניקיטשענ.

די פארטיזאנער האבנ זיכ נאכ ניט געלייגט.

די פינצטערניש האט זיכ נאכ ניט אראפגעלאזט איבער די קרוינענ פונ די ביימער, ווענ אינ שייננ פונעמ שייטער האט זיכ פלוצלינג באוויזנ אנ אלטע. פינטלענדיק מיט די בלוטיקע וויעס, האט זי שווייגנדיק געקוקט אפנ פייער. זי האט געפירט פארנ האנט א יינגל. זיי זיינענ צוגעגאנגענ אזוי שטיל, אז נעביוואיעוו האט זיכ א כאפ געטאנ פארנ ביקס.

דאס איז געווענ טשילבאריק מיט דער באבע אולקע.

פינפ טעג איז געגאנגענ וואסילטשא מיט דער פאמיליע פונ טוגור. איבער דער בארגיקער סטעזשקע, אויסמיידנדיק טשומוקאנ. דער וועג איז געווענ זייער א שווערער.

ער איז געקומענ צו די איילנהירשענע קוואלנ נעכטנ, ווענ די זונ

איז צום זעקסטנ מאָל אופגעגאנגענ איבערנ יאם. דאָ האָט ער דער־
הערט וועגנ די פּאַרטיזאנער. אָסיפּ האָט אים געזאָגט, אז זיי זײַנענ
קעגנ רײַכע. אויב אזוי, צי וועלנ זיי ניט העלפנ אנ אָרעמאנ. שוינ
לאנג האָט וואסילטשא זיכ געקליבנ טויפנ זײַנ זונ טשילבאָריק. עס איז
אלצ ניט אויסגעקומענ: דאָס האָט ער געוואנדערט ווײַט, דאָס איז
דער גאַלעכ געווענ אָפּגעפאָרנ, דערצו האָט דאָס געהארפּט קאָסט
ניט ביליק און דער טשומוקאנער אוריאדניק האָט געפאָדערט נאָר
טײַערער. עפשער וועלנ דאָס די רויטע מאכנ אומזיסט. און טויפונג ווי־
שטײַער וועט מענ האָבנ סײַווי־סײַ ניט אויסמײַדנ.

וואסילטשא איז געקומענ צו די פּאַרטיזאנער גלײַכ נאָכ דער אלטער
אולקע. ער האָט געבראכט א ליקענע קאָרעטע מיט וואסער, און
א טויפ־העמד פאַר טשילבאָריקנ אופגענייט פונ ראָוודוגע.

נעביוואיעוו האָט איבעראשט א קוק געטאָנ אפנ טונגוס, און וואַ־
סילטשא, וועלכער האָט אָנגענומענ זײַנ איבעראשטנ קוק פאַר אנ אָנ־
שטעל פונ זײַנ זײַט, האָט אים פאַרגעלייגט פארנ טויפנ פינפ ווער־
ריקענע פעלכעלעכ פונ ווינטערדיקנ יאגד.

א הילכיקער געלעכטער האָט אויסגעבראָכנ אינ דער שטילקייט
פונעמ וואלד. אכט מאנ האָבנ געלאכט, צוזעצנדיק זיכ צום פײַער אפ
די שפּיץ פינגער.

נעביוואיעוו האָט באמערקט פאַרדראָס אפ וואסילטשאס פּנים און
טרערנ אינ טשילבאָריקס אויגנ. ער האָט אוועקגעזעצט דאָס ייִנגל
צו זיכ אפ די קני און געפרעגט וואָס פאַר א נאָמענ זאָל ער אים געבנ.

וואסילטשא האָט געזאָגט:

— דער גאַלעכ אינ אור האָט געבעטנ פאַרנ נאָמענ וואנקע א
געלנ פוקס, און פאַר איוואנ צוויי פוקסנ. רופ אים אנ וואָס וועלוועט־
לער און גיב ארויס א פּאַפּיר.

נעביוואיעוו האָט א שמייכל געטאָנ, א גלעט געטאָנ דעמ ייִנגל אי־
בער די הארטע האָר און איבערגעכאזערט זײַנ פראגע.

דאָס ייִנגל האָט געענטפערט.

— טשילבאָריק.

און דער קאָמיסאר האָט ארויסגעריסנ פונ זײַנ נאָטיצ־ביכל א
בלעטל און אָנגעשריבנ:

„דאָס דאָזיקע ייִנגל טראָגט דעמ נאָמענ טשילבאָריק — דאָס הייסט, „ווייִנענדיקער", אַזוי האָט אימ אָנגערופנ זײַנ מוטער.

ער האָט דאָס פּאַפּירל אָפּגעגעבנ וואַסיליטשאַנ און יענער האָט דאָס באַהאַלטנ אינ היטל. טשילבאָריק האָט אויסגעווישט די טרערנ, אויסגעשטרעקט נעביוואַיעוונ א ליולקע און געבעטנ טאַבעק. די הירשנ, ראַטעווענדיק זיכ פונ באַנאַכטיקנ גנוס, זײַנענ צוגעגאַנגענ צומ שײַטער. זיי האָבנ אויסגעטרונקענ דאָס וואַסער פונ דער ליקענער קאַ־רעטע. און וואַסילטשאַ, צופרידנ, וואָס מע בעט בא אימ ניט ניט קיינ פוקסנ ניט קיינ וועווריקעס פאַרנ טויפנ, האָט זיכ צוגעזעצט צומ פײַער. קוקנדיק אפ די קוילנ, וואָס האָבנ דורכגעברענט די אײַזערנע פינצטערניש, האָט ער מיט ליבע אָנגעוויזנ אפ זיי נעביוואַיעוונ.

— קוק אפ די נאַגב *, זייער גוטע מענטשנ...

וואַסילטשאַ, ווי א סאַכ אַנדערע טונגוסנ, האָט געהאַלטנ דעמ פײַער פאַר זײַנעמ א גוטנ ברודער.

נאָכ די קוואַלנ האָט דער וועג שאַרפ פאַרקערעוועט פונ יאַמ אַפּ מײַרעוו. דאָ איז געווענ נאָכ שטילער און ווילדער. אָבער אָלעשעק איז אַלצ געגאַנגענ מיט דער זעלבער זיכערקײַט, באַשטימענדיק די ער־טער פאַר אָפּרו. נאָכ אימ זײַנענ געגאַנגענ אַכט מאַנ.

אינ די פרימאָרגנס האָט ער ליב געהאַט זיי צו וועקנ אינ זייער בײַדל. אַליינ פלעגט ער שלאָפנ שטענדיק באַמ שײַטער אונטער א צע־ריסענער האָזענער קאָלדרע, אפ א פעל פונ א קאַבאַרגע, דער טוי האָט זיכ געלייגט אימ אופנ פּאַנעמ.

ער פלעגט הערנ, ווי נעביוואַיעוו האָט יעדנ אָוונט באַשטימט דעזשורנע, וועלכע פלעגנ אַנשלאָפנ ווערנ פונקט אַזוי גיכ ווי אַלע אַנדערע. מוירע האָבנדיק, אַז מע וועט זיי באַשטראָפנ, פלעגט אָלעש־עק אַרײַנקריכנ אינ בײַדל ווי נאָר עס פלעגט אָנהייבנ שאַריענ. און שטיל זיי געוועקט:

— דעזשורנע!

ער האָט ניט פאַרשטאַנענ פאַרוואָס מע פאַרווערט זיי שלאָפנ, נאָר דאָס וואָרט: דעזשורנע איז אימ געווענ געפעלנ. נאָכ איז אימ גע־

* נ א ג ב — ברודער.

פעלנ געוואָרנ צו ענטפערנ אפ אלצ: „ווי דענ", אונ ווענ נעביוואיעוו פלעגט אימ פרעגנ: „מיר וועלנ גיכ קומענ קיינ איאנ?", פלעגט ער ענטפערנ מיט א שמייכל — „ווי דענ"?

אָלעשעק האָט געהאט א גוט הארצ אונ האָט געזאָרגט פארנ אָטריאד, ווי עס פאסט פאר א באגלייטער. אינ לאגער האָט מענ אימ געזאָגט: „פיר די רויטע וואכינ זיי ווילנ". ער האָט מאסקימ געווענ אונ האָט נאָר געבעטנ פאר זיי 16 פאָר אָלאָטשנ אונ אכט הירשענע פעל. די פרויענ האָבנ אופגענייט אָלאָטשנ אונ די מענער האָבנ געגעבנ די פעל פאר די געלעגערמ אונ אָלעשעק האָט געמאכט דערפונ א האלבנ פאק. אפ דער צווייטער העלפט האָט ער אוועקגעלייגט א קאסטנ מיט שוועבעלעכ, ווייל די רוסנ האָבנ ניט געהאט קיינ אנדער זאכ, וואָס זאָל זיינ אזוי גרינג ווי די טונגוסישע שיכ. אָבער אפנ דריטנ טאָג, נאָכ די איילנהירשענע קוואלנ, האָט אָלעשעק דערזענ א ווונד אפנ רוקנ באמ הירש, וואָס האָט געטראָגנ דעמ דאָזיקנ פאק. ס'האָט זיכ פארווונדערט. דער קאסטנ מיט שוועבעלעכ האָט אימ אויכ געוויזנ איצטער שווערער. ער האָט געבעטנ נעביוואיעוונ אימ עפענענ. אָנשטאָט שוועבעלעכ האָט מענ האָרטנ געפונענ פרישע צווייגנ אונ ערד.

דער קאָמאנדיר דעסיוקאָוו האָט אופגעהויבנ אפ אָלעשעקנ דעמ פויסט.

— ווער האָט עס געטאָנ, זאָג!

נעביוואיעוו האָט אימ אָפגעשטעלט. אָבער אויכ ער האָט זיכ דערמאָנט אָנ אָסיפס ווייסער אוראסע. דערמאָנט דעמ שמועס צווישנ אָלעשעקנ מיט פראָקאָפיענ אונ א קוק געטאָנ אפ אָלעשעקנ. בעסער וואָלט ער אימ געטאפט פארנ גאָרגל.

— ווי דענ! — האָט אופגערעגט אויסגעשריענ אָלעשעק. ער האָט ניט געקאָנט טאָנ אזעלכעס. אינ טייגע אָנ פייער איז דאָכ דער טויט.

— אונ אָסיפ? — האָט געפרעגט שטארק אופגערעגט נעביוואיעוו.

— אויכ אָסיפ — האָט עס ניט געקאָנט טאָנ, ווייל ער איז א טונגוס.

די פאַרטיזאַנער זײַנענ געשטאַנענ פאַרצאָרנטע אַרומ קעסל, ניט נעמענדיק זיכ פאַרנ עסנ. יעדערער האָט געשאַרט בא זיכ אינ די קעשענעס, געזוכט שוועבעלעכ. מע האָט צונויפגעקליבנ פינפ קעסטעלעכ און מע האָט באַשלאָסנ יעדעס שוועבעלע שפּאַלטנ אפ צוויי און אַלע וועלנ פאַרויכערנ מיטאַמאָל.

אָלעשעק האָט באַוויזנ נעביוואַיעוונ אפ זײַנ קיזלשטיינ, וואָס איז געהאָנגענ בא אימ אפנ רימענ צוזאַמענ מיטנ מעסער. ביזוואַנענ די פאַרטיזאַנער האָבנ געגעסנ וואַרעמעס, האָט ער געמאַכט א קנויט פונ בעריאָזענעמ שוואַמ, אויסגעוויקט אימ אינ פולווער און אויסגעטריקנט באַמ שײַטער. דערנאָכ האָט ער יעדערנ געגעבנ צו פאַרבערנ צוויי מאָל און ווידער געוואָרנ זאַרגלאָז.

מע איז אַריבער דעמ טײַכ קיזאַנ, אַריבער דעמ טײַכ זשעגאָל.

עס האָט אָנגעהויבנ גיינ א רעגנ. באַטאָג האָט ער גערוישט אינ גראָז און אינ כוואָיע, באַנאַכט האָט ער געגאָסנ פונ דער גרענעצלאָזער פינצטערניש. פונ צײַט צו צײַט האָט ער ניט אפ לאַנג אופגעהערט, קעדיי ווידער אַראָפּצופאַלנ ווי א וואַנט אפ דער ערד.

צוויי טעג איז מענ געזעסנ אינ בײַדל, געהערט ווי עס אַרבעט דאָס וואַסער, אָנ אופהער געהייצט דאָס אײַזערנע וועג-אײַוועלע. אינ בײַדל איז געשטאַנענ א פאַרע. ווי נאָר דאָס אײַוועלע האָט זיכ אָפּגעקילט, האָבנ פונ דער פאַרוסינע אפנ קאָפּ געקאַפּעט טראָפּנס. דעסיוקאָוו האָט ווענ-ניט-ווענ זיכ אָנגערירט אינ זיי מיטנ פינגער, אינ א שטראָמעלע וואַסער איז אַראָפּגערונענ אינ אַרבל אַרײַנ. דערמלט האָט ער געזאָגט מיט א באַהאַלטענער בענקעניש.

— ער האָט זיכ פאַרדונגענ צו אונדז, דער רעגנ, הריזשענ גאַלעטנ.

נעביוואַיעוו האָט אויכ געטראַכט וועגנ די פּראָדוקטנ. דאָס פאַרהאַלטנ זיכ איז געווענ ניט צו דער צײַט. די פלייש-קאָנסערוונ האָבנ שוינ געהאַלטנ באַמ סאָפ. מעל און גאַלעטנ זײַנענ געבליבנ אפ א טאָג דרײַ.

— אָלעשעק, גיכ וועלנ מיר זײַנ אינ איאַנ? — האָט ווידער געפרעגט נעביוואַיעוו.

— ווי דענ, ווי דענ! — האָט געענטפערט מיט א שמייכל אָלעשעק.

לאַנגזאַם האָט געטריקנט די טײַגע. עס האָט געשמעקט דער רײַעך פֿון קאָרע. אין גראָז זײַנען געשטאַנען קאַלוזשעס. א גאַנצן טאָג האָבן געטאָפּעט איבער זיי די הירשן. גיין איז געווען שווער. די פּאַרטיזאַנער האָבן מער ניט געזען פֿאַר זיך קיין וועג.

אַלעשעק איז געוואָרן פֿאָרזיכטיקער און האָט זעלטענער געשמייכלט. ער פֿלעגט איצט דער לעצטער אַוועקגיין פֿונעם אָפּרו־לאַגער, באַקוקט די פּעק און ביז טרוקן אויסגעווישט בא די הירשן די נאַסע רוקנס. ער האָט אויפֿגעקליבן פֿון דער ערד די אַוועקגעוואָרפֿענע בלעכלעך פֿון קאָנסערוון און האָט זיי פֿאַנאַנדערגעהאַנגען אָף די צווײַגן.

— דאָס גראָז פּונקט ווי וואַסער באַהאַלט אַלץ — האָט ער געזאָגט מיט פֿאַרוואָרף צו די רוסן — און א בוים דעקט אַלץ אויף. טראַכטן דאַרף מען וועגן די, וואָס גייען הינטער אונדז. עס קאָן זײַן, א יעגער וועט זיך אָנטרינקען פֿונעם דאָזיקן בלעכל און אָפּקאָכן זיך פֿלייש.

אָפּ מאָרגן איז מען אַריבער דעם טײַך נעמוי. פֿאַרלאָרן בעשאַס אַריבערגיין א הירש. דער טײַך האָט געהילכט, אנ איבערגעפֿולטער פֿון נעכטיקן רעגן. דאָס וואַסער איז געווען ווײַסלעך, ווי די אויגן בא א קראַנקן מיט טראַכאָמע.

— איך האָב קיינמאָל אים אַזעלכן ניט געזען — האָט מיט אומרו געזאָגט אַלעשעק. — לאָמיר זיך אַראָפּלאָזן צום יאַם: דאָרט איז זאַמד און ניט טיף און סאַבאַקל א טאָג גאַנג.

— ניין — האָבן געענטפֿערט די פּאַרטיזאַנער — א טאָג איז טײַער.

יעדער האָט גענומען זײַן הירש פֿאַרן צוים און אַרײַן אין וואַסער. אנ אײַז־קאַלטער שטראָם האָט ווי מיט בלײַ א קלאַפּ געטאָן אין די קני, דער קליינינקער קים האָט אויסגעשריִען און אַרויסגעשפּרונגען צוריק אָפּן ברעג. אוסטינקין האָט זיך געשאָקלט, ניט רירנדיק זיך פֿונעם אָרט. מע האָט אים דערלאַנגט א שטעקן, קעדיי אַרויסצוהעלפֿן.

דעמאָלט האָט אַלעשעק אָפּגעהאַקט א לאַנגן דראָנג, אַוועקגעזעצט זיך רײַטנדיק אָפּן הירש און אַוועקגעטריבן אים אין וואַסער אַרײַן.

ער האָט פאַריסנ דעמ הירש דעמ קאָפּ, קעדײ יענער זאָל ניט קוקנ אינ שטראָמ אַרײַנ. דער דראָנג, וואָס האָט זיכ אָנגעשפּאַרט אינ דעק פונ טײַכ, האָט צוגעגעבנ שטאַנדהאַפטיקײַט.

די פּאַרטיזאַנער האָבנ נאָכגעטאָנ אָלעשעקנ. נעביוואַיעוו איז געריטנ דער לעצטער אפנ הירש, וואָס איז געווענ באַזאָטלט מיט מעל אונ גאַלעטנ. ער האָט מוירע געהאַט פאַר די פעק אונ צו אָפּט אָנגעצויגנ דעמ צוימ. דעמ הירשס פיס זײַנענ זיכ שטאַרק פאַנאַנדערגעגאַנגענ אונ געציטערט. שווער איז דער רײַטער, גליטשיק זײַנענ די שטײגער, מעכטיק איז דאָס וואַסער.

געווענ שוינ נאָענט פונ ברעג. אונ פּלוצלינג האָט דער הירש אָנגעהויבנ פאַלנ אפ א זײַט. די ווײַסלעכ פונ זײַנע ברײט געוואָרענע אויגנ האָבנ אָנגעהויבנ צו ווערנ בלוי. דאָס וואַסער האָט זיכ אָנגערירט אָנ זײַנ צונג, וואָס ער האָט צוגעביסנ פונ ווײטעק. דער הירש האָט געזונקענ. בא אימ איז געווענ איבערגעבראָכנ דער רוקנ־בײנ.

מיט א פאַרשטאַרבנ האַרצ איז נעביוואַיעוו געשטאַנענ פעסט, זיכ אָנגעכאַפּט פאַרנ פּאַק. ער האָט גענומענ די צוימ אינ די צײנ. ער האָט זיכ אָנגעשפּאַרט מיטנ דראָנג אָנ א שטײנ. דעמ טײַכ האָט עמ ווי געשלעפּט פאָרויס צוזאַמענ מיטנ גרונט. נעביוואַיעוו האָט פאַרמאַכט די אויגנ, קעדײ ניט קוקנ אַראָפּ. זאָל נאָר ניט אַראָפּטראָגנ די פעק. האַלטנ זיכ נאָר אפ די פיס, אַז דער קערפּער פונעמ הירש זאָל אימ ניט אומוואַרפנ.

נאָענט האָבנ געקלונגענ די שטײנער. דאָס וואַסער האָט געקלאַפּט אינ די זײַטנ. נעביוואַיעוו האָט געעפנט די אויגנ אונ דערזענ הראָנג, וואָס דעסיוקאָוו האָט אימ אויסגעשטרעקט. די פאַרטיזאַנער זײַנענ אינ א קײט געשטאַנענ אינ וואַסער, האַלטנדיק זיכ פאַר די הענט. אָלעשעק האָט אַרופגעוואָרפנ אַנ אַרקאַנ דעמ הירש אפ די הערנער אונ האָט אימ אַוועקגעשלעפּט צומ ברעג.

דער הירש איז געווענ טויט. גלײַכ אפנ אָרט האָט אָלעשעק אימ אָפּגעשניטנ דעמ קאָפּ אונ אָנגעהויבנ שינדנ.

פונ דער אונטערגעגעצטער מעל האָט אוסטינקיג גענומענ מאַכנ פלעצעלעכ מיט הירשנ־פלײש, ער האָט ליב געהאַט אָפּצועסנ אונ באַמ קאָכנ וואָלט ער געקאָנט נעכט פאַרברענגענ. עטלעכע מאָל האָט נע-

ביזוויעו זיכ אויפגעכאפט פונעמ גנומ אונ אלצ געזענ אוסטינקינענ פאָרקענ זיכ באמ שײַטער. יענער האָט געבאקט פירעזשקעס אפ דער אָנגעגליטער ערד, פארשיטנדיק זיי מיט הייסנ אש. דערנאָכ האָט ער געבראָטנ פלייש, גערויכערט דעמ צונג, אויסגעקאָכט פונ די ביינער דעמ מארכ.

ער האָט ווי פאַרגעפילט דעמ הונגער.

אינדערפרי זײַנענ די פארטיזאנער געווענ זאט צומ לעצטנ מאָל. פונ דער מעל אונ פונעמ הירש איז גאָר ניט געבליבנ. דערנאָכ האָט א גאנצנ טאָג אפ די ציינ געקריצט דער אש.

אונ פאָרויס איז געלעגנ דער דזשונג-דזשור, פליכעוואטע פליינענ אונטערנ הימל — פוסטקייט, אָנגעפילטע מיט דונערנדיקנ וואסער.

א וואלדלאָזער פליינ איז געלעגנ פונ אונטנ צופוסנס. דאָ איז געווענ גוט. נאָכנ שלאקסרעגנ האָט דאָס גראָז זיכ אופגעהויבנ. אינ גראָז האָבנ זיכ געהוידעט פיאָלעטעווע איריסנ, אונ גרויסע מײַגלעקעלעכ. עס איז געווענ זוניק, א ווינט האָט געהוידעט איבער די קוסטעס באגולניק. אונ די פארטיזאנער האָבנ א ביסל געטרוימט וועגנ בינשטאָקנ, וועגנ הויפנ אונ פי.

דרײַ בארג-שפאלטנ זײַנענ ארויסגעגאנגענ אפנ דאָזיקנ פליינ. דאָ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ די טײַכלעכ, וואָס זײַנענ אראָפגערונענ אינ נעמונ. קיינ שטעג אונ קיינ שפור ניט. גאָר גראָז אונ איריסנ. אינ וועלכע בארג-שפאלטנ זיכ אָנוועקלאָזנ? אלע דרײַ האָבנ אלצייטנס גערוישט מיט דריבנעמ וואלד.

אָלעשעק האָט געקוקט פאָרויס אפ די בערגלעכ אונ סאָפקעס. ער פלעגט פאָרנ קיינ איאנ נאָר מיט א ווינטערדיקער סטעזשקע. זומער איז ער דאָ געווענ צומ ערשטנ מאָל. אפ א מינוט האָט אימ באהערשט א צווייפל. א צווייפל אונ א ביזוויענ: א וועלכער טונגוס זוכט עס א שטעג, ווענ ער יאָגט זיכ נאָכ א כײַע? ער געפינט דעמ וועג אהיימ ווי א פויגל.

אונ אָלעשעק איז ארײַנ אינ מיטלסטנ בארג-שפאלט. דאָ האָט ער דערזענ א שפור אונ האָט זיכ דערפרייט. אפנ ברעג טײַכ האָבנ זיכ געוואלגערט האָלאָוועשקעס, אונ נאָענט אפ א שטיינ איז געלעגנ א פארזשאווערטע האק. אָלעשעק האָט זיכ צוגעזעצט אפ די שפיצ

פינגער אונ זיכ פארטראכט. דאָס קלעצל פונ דער האק האָט געקוקט אפ מײַרעוו. הייסט עס, דער יעגער איז אוועק אפ מיזרעכ, ווײַל א טונגוס זעצט זיכ שטענדיק מיטנ פּאָנעמ אהינ, ווו עס גייענ זײַנע פיס, אונ לייגט קיינמאָל ניט אוועק די האק מיטנ קלעצל פאָרויס. אַלעשעק האָט ניט געצווייפלט אינ דעמ, אז דאָס איז געווענ א טונגוס. ניט קיינ יאקוט, ניט קיינ רוס פּאסנ ניט צו אזא לאנג קלעצל צו זייער האק. איינ זאכ נאָר באומרויקט אַלעשעקנ — פארוואָס האָט ער זיכ אזוי געײַלט, דער יעגער?

עס זײַנענ צוגעגאנגענ די פּארטיזאנער. נעביוואיעוו האָט געפרעגט:

— וואָס האָסטו דערזענ?

אַלעשעק האָט אימ אָנגעוויזנ אפ דער האק.

— א ווילע האק — האָט געזאָגט אוסטינקינ. ער האָט גענומענ אינ די הענט, א פּאָכע געטאָנ מיט איר, פארשטעקט אונטערנ גארטל.

אַלעשעק האָט מיט איבערראשונג אפ אימ א קוק געטאָנ.

— מע טאָר ניט. — האָט ער געזאָגט, אויסשטרעקנדיק די האנט צו דער האק.

— אָט, א טשודאק. — האָט פונ זײַנ זײַט זיכ פארוווּנדערט אוסטינקינ. — האָסט דאָכ זי ניט צוגעגאנוועט — געפונענ.

— מע טאָר ניט. האָט פעסט איבערגעכאזערט אַלעשעק. — מיר, אָווענער, טראכטנ וועגנ די, וועלכע גייענ פאָרויס אונדז, עפּשער וועט דער יעגער זיכ אומקערנ. ער וועט זײַנ צופרידנ. קיינער וועט זײַנ האק ניט נעמענ.

אונ אַלעשעק האָט ארײַנגעהאקט די האק אינ א דיקער אָסינע אונ איז אוועק ניט קוקנדיק מער אונטער די פיס.

ער האָט ניט געהאט וואָס צו זוכנ, אז דער וועג איז שוינ געפונענ. זוענ ער וואָלט אָבער יאָ א קוק געטאָנ, ווענ ער וואָלט ניט געווענ אזוי יונג אונ זאָרגלאָז, וואָלט ער דערזענ א נײַעמ שפור פונ א מענטשנ אונ א צווײַגעלע, וואָס איז אוועקגעלייגט געוואָרנ איבערנ שפור.*

* טונגוסנ—יעגער האָבנ פארשיירענע סימאָנימ, וואָס פארבײַטנ זיי דעמ אלעפבייז. א צווײַגעלע, אוועקגעלייגט אפ א שפור פארווערט צו גייִנ אינ דער ריכטונג. א צווייגל פארהאקט אינ א בוימ זאָגט וועגנ דעמ, אז נאָענט איז א מענטש.

9. אָנ א וועג, אָנ א שטעג

דרײַ טעג זײַנענ די פּאַרטיזאַנער געגאַנגענ איבער בערג.

דער הימל מיט בלויענ גלאַנצ, שטײַנער, וואָס האָבנ געהאַט דעמ קאָליר פונ טויבנ־מיסט, צעדער־שיפער אפ די אראָפּהאַנגענ פונ די סאָפּקעס. דער לעצטער שפּור פונ א מענטש איז פאַרשוווּנדנ.

און וואָס העכער זיי האָבנ זיכ אופגעהויבנ, אלצ שווערער איז געוואָרנ נעביוואַיעוונ אפנ הארצנ.

אינ מעשעכ פונ איינ איבערהאַנג האָבנ זיי צעטראָטנ די טונגוסישע אָלאָטשנ. א סאַכ האָבנ ווידער אָנגעטאָנ די שטיוול. די גאַלעטנ האָט מענ שוינ אופגעגעסנ.

אפ נאַכטלעגער האָט מענ זיכ אָפּגעשטעלט פאַר פרי, קעדיי געפינענ פאַר די הירשנ כאָטש א ביסל ווײַסנ מאָכ.

אפ דער דריטער נאַכט האָט מענ זיכ געלייגט שלאָפנ הונגעריקע, אָבער געשלאָפנ איז מענ שטאַרק. נאָר נעביוואַיעוו האָט זיכ פּלוצלינג אופגעכאַפּט, אוועקגעזעצט זיכ אפ דער פעל, געכאַפּט זיכ פאַר דער ביקס און א טראַכט געטאָנ: שלעכט. עס איז געווענ שטיל. ער האָט ארויסגעקוקט פונ בײַדל. איבערנ באַרג־שפּאַלט איז געהאַנגענ די לעוואָנע. עס האָט געפינקלט א בלעכנ לעפל, וואָס אוסטיגקינ האָט פאַרגעסנ באַמ שײַטער. דאָס פײַער איז פאַרלאָשנ געוואָרנ. אָלעשעק איז ניט געווענ.

נעביוואַיעוו האָט א טאַפּ געטאָנ דעמ אש. ער איז געווענ קאַלט.

— „הייסט עס, שוינ לאַנג, אז ער איז אנטלאָפנ“. נעביוואַיעוו האָט זיכ אוועקגעלייגט אפ די שטיינער באַמ פאַרלאָשענעמ שײַטער. שרעקלעכ געווענ א טראַכט צו טאָנ, אז דער אָטריאַד איז געבליבנ אָנ א באַגלייטער.

— אָט האָסטו דיר א סוינע! — האָט ער געזאָגט שטיל פאַר זיכ. און א צווייטע שטימ האָט אימ געענטפערט אויכ אזוי שטיל:

— עפּעס ניט אלצ אינ אָרדענונג, כאַווער קאָמיסאַר.

נעביוואַיעוו האָט אופגעהויבנ דעמ קאָפּ. דעסיוקאָוו איז געשטאַנענ לעבנ אימ אפ די קני. זײַנ פּאָנעמ האָט אויסגעזענ ווי די ערד. די אויגנ האָבנ געבלישטשעט באַ דער שײַנ פונ דער לעוואָנע.

— איכ שפּיר נאָכ דעמ דאָזיקנ טײַוול. נעכטנ איז ער אויכ ע־געצ אַוועקגעגאַנגענ. מיר איז אינ קאָפּ ניט אַרײַנ. געמײנט, מאַלע וואָס אַ מענטש דאַרפ האָבנ. דערשיסנ דאַרפ מענ אַזאַ מענטשנ.

— דערשיסנ!

מער האָבנ זײ גאָרניט געזאָגט. לאַנג געזעסנ שווײַגנדיק, ניט אָנ־צינדנדיק דעמ שײַטער. אונ אַפ די שטײנער בא די קאַלטע קוילנ האָט אַלצ געבלישטשעט דאָס לעפל. דער באַרג־שפּאַלט האָט זיכ אָנגעפּילט מיט בלויענ באַגינענדיקנ רויכ. אונ פּונקט אַזאַ בלויער שאָטנ האָט פּלוצעמ זיכ געלײגט צו נעביוואַיעווס פּיס. ער האָט אויפגעהויבנ די ביקס.

צומ שײַטער איז צוגעגאַנגענ אָלעשעק. ער איז געווענ נאַס ביזנ גאַרטל. נעביוואַיעוו אונ העסיוקאָוו האָבנ זיכ איבערגעקוקט, אָבער גאָרניט געפרעגט. אָלעשעק האָט זיכ צוגעזעצט לעבנ זײ, אויסגע־שלאָגנ פײַער פונ קרעסעלע. לאַנגזאַמ פאַרויכערט. זײַנ ליולקע האָט ניט געברענט. זײַנ האַרצ האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגנ די שווערקײַט פונ ליגנ.

— דערהאַרגע אָלעשעקנ! — האָט ער געזאָגט נעביוואַיעוונ.

— מיר האָבנ געמײנט, אַז דו ביסט אינגאַנצנ אַוועק אונ אונדז איבערגעלאָזט.

מעשונעדיק האָבנ אויסגעזעענ אָלעשעקס דעמ קאָמיסאַרס ווער־טער. ער האָט אַ זיפצ געטאָנ, אויפגעהויבנ דאָס לעפל, אַוועקגעלײגט עס אָפנ פּאַק.

— די לעוואָנע איז ליכטיק אונ קײנ שפּור איז ניטאָ. איכ האָב געזוכט צוויי נעכט אונ איכ וועל נאָכ זוכנ ביז איכ וועל געפינענ. צענ מאָל האָב איכ דורכגעשפּאַנט דעמ באַרג־שפּאַלט. אַ שפּור מוז זײַנ אונטנ באַמ וואַסער. אונ אומקערנ זיכ קאָנ מענ אויכ ניט. ניטאָ קײנ מאָכ פאַר די הירשנ. מע דאַרפ גײנ פאָרויס.

נעביוואַיעוו האָט זיכ צוגעהערט צומ באַגינענדיקנ שווײַגנ. מע האָט ניט געהערט ניט קײנ ווינט, ניט קײנ פויגל. פאָרויס, ווי די בערג, איז געשטאַנענ די שטילקײַט.

— קומ פאָרויס — האָט ער געזאָגט.

— אָבער פאַרוואָס זוכסטו דעמ שפּור באַנאַכט?

— זאָלנ מענטשנ שלאָפנ אונ ניט טראַכטנ וועגנ פאַרלאָרענעמ שפור. דעמלט וועלנ זייערע פיס באַטאָג זייַנ שטאַרקער.

נעביוואַיעוו האָט שטיל זיכ פאַנאַנדערגעלאַכט, אויסגעצויגנ צו אַלעשעקנ די האַנט אונ צוגעדריקט אימ צו זיכ ווי א פרייַנט.

פונ אַלעשעקנ האָט געשמעקט מיט קאַבאַרגער פעל, מיט געפל אונ טאַבעק.

— זוכ, ברודערל, מיר פאַרטרויענ דיר. מיר גייענ ניט נאָכ גאָלד, ניט נאָכ רויכוואַרג. מיר גייענ נאָכ ראַטנמאַכט. פאַרשטייסט?

— ווי דענ! — האָט ערנסט געענטפערט אַלעשעק.

נאָכ זעלטענער האָט זיכ אָנגעהויבנ טרעפנ הירשנמאָכ, די הירשנ זייַנענ געגאַנגענ לאַנגזאַמ. זייערע אויגנ האָבנ געייטערט. די קאָפי־טעס האָבנ זיכ געשפאָלטנ. אַלעשעק פלעגט ניט געפינענ פאַר זיי קיינ ווייַסנ מאָכ. ער האָט געזאַלצנ פאַר זיי די שטיינער אונ זיי האָבנ צוזאַמענ מיט דעמ זאַלצ אַראָפגעלעקט די ראָזעווע לישייַעס אונ האָבנ אויסגעוויזנ ווי זאַט. פונדעסטוועגנ האָט אַלעשעק יעדנ אָוונט אויסגעקליבנ צווישנ זיי דעמ סאַמע אומעטיקסטנ אונ אָנגעוויזנ אפ אימ די פאַרטיזאַנער.

יענע האָבנ געשריענ: „פאַרמאַכ אימ די אויגנ", אונ אַלעשעק פלעגט אַרייַנזעצנ זייַנ יאַקוטישנ מעסער דעמ הירש אינ קאַרק אַרייַנ. אָבער אויכ נאָכ דעמ פלעגנ די אויגנ בלייַבנ אָפנ. דער פלאַמ פונעמ שייַטער האָט זיכ אָפגעשפיגלט אינ זיי אונ דער אויסדרוק פונ לייַדנ האָט נאָכ לאַנג זיכ געהאַלטנ אפ זייער גלעזערנער אויבערפלאַכ.

אַלעשעק פלעגט אויסזויגנ דעמ מאַרכ פונ די פוס־ביינער. די ביי־נער מיט דער פעל פלעגט ער אויפהענגענ אפ א בוימ אונ אוסטינקינ האָט געקאָכט אינ בידאָנ פלייש. ער האָט איצטער מער גיט געמאַכט קיינ פירעזשקעס, אונ די בענקשאַפט איז פעסט געזעסנ אינ זייַנ מאַ־גערנ קערפער. דאָס הירשנ־פלייש איז געווענ האַרט אונ האָט אָנ ברויט ניט געגעבנ ניט קיינ זאַטקייַט, ניט קיינ געשמאַק.

דאָס לאַנד האָט געזונקענ אינ אייגענער וויסטעניש. אנ אומגעהייַ־ערע פוסטקייַט, טויזנטער אונ טויזנטער קילאָמעטער אפ מייַרעוו, אפ צאָפנ, אפ דאָרעמ.

נעביוואַיעוו האָט ׳אָפט געפרעגט אַלעשעקנ וווהינ זיי גייענ. אייני־

מאָל, בעשאַס זיי האָבנ זיכ צוגעזעצט אפ אָפּרו, האָט ער אים באַ־ וויזנ די מאַפּע אונ דעם קאָמפּאַס אונ האָט מיט צווייפל אַרײַנגע־ קוקט אינ אָלעשעקס שמאָלע אויגנ. אפנ קאָמפּאַס האָט אָלעשעק א קוק געטאָנ גלײַכגילטיק. אָבער די מאַפּע האָט ער פאַנאַנדערגעקוקט מיט נײַגיר. ער האָט דערקענט אינ די דאָזיקע ליניעס טײַכנ, בערג אונ דעם ברעג פונ זײַנע וואַלדערנישנ. אים האָט איבעראַשט די קונסט פונעם רויטנ קאָמאַנדיר, וואָס האָט אָנגעמאָלט די ערד פונ די יאַקוטנ אונ אָווענער. אים האָט זיכ אויסגעוויזנ, אז נעביוואַיעוו האָט לאַנג אויסגעגייט די מאַפּע אזוי ווי ניקיטשעג די קאַפּטאַרגע. נאָר ער וואָלט געקענט אָנווײַזנ אפ פעלערנ: נעמוי שטראָמט ניט אזוי אונ קיראַנ הייבט זיכ אָנ ניט פונדאַנענ. אָלעשעק האָט זיכ צוגע־ זעצט אפ דער ערד אונ מיט א קויל פאַריכט די מאַפּע פונ דער אימפּעראַטאָרישער געאָגראַפישער געזעלשאַפט. ער האָט צאַרט א ווונק געטאָנ צו נעביוואַיעוונ — יענער זאָל זיכ ניט באַליידיקנ. איכ ער, אָלעשעק, מאַכט פעלערנ. דער שפּור האָט אים אָפּגענאַרט אינ־ דעם דאָזיקנ פליינ. אָבער וווּהינ א טונגוס זאָל ניט אַרײַנגיינ, וועט ער אַרויס. אונ קעדיי באַשטעטיקנ דאָס, האָט אָלעשעק אָנגעוויזנ אפ דער מאַפּע, דאָרט, ווו עס גייט דורכ די ווינטערדיקע סטעזשקע, ווו עס ליגט דאָרעמ, מײַרעוו אונ צאָפנ. אפ מיזרעכ — ליגט דער יאַם. זײַ־ נע אויגנ, עטוואָס שמייכלענדיקע, האָבנ געקוקט אַרויפ אפנ קאָמיסאַר.

— פונוואַנענ ווייסטו עס? — האָט געפרעגט מיט פאַרווונדערונג נעביוואַיעוו. אָלעשעק האָט א קנייטש געטאָנ מיט די פלייצעס.

— איכ האָב געזענ יונגע פייגל פליִענ אַוועק אינ האַרבסט פריִער פאַר אַלטע. פונוואַנענ ווייסנ זיי דעם וועג?

נעביוואַיעוו האָט זיכ פאַנאַנדערגעלאַכט. כיטרע איז געווענ דער דאָזיקער אָלעשעק אינ זײַנע ענטפערנ. אונ ווי פאַרשטאַנדיק! ער האָט אים ליב געקראָגנ פאַר די דאָזיקע טעג.

אויכ די פאַרטיזאַנער האָבנ זיכ צו אים צוגעוווינט. אונ אפילע דער בייזער דעסיוקאָוו, וועלכער פלעגט אים רופנ „טײַוול". עס האָט זיכ געדאַכט, אז ס'איז גאָר ניט אזוי שרעקלעכ, ווענ פּאָדים שפּאַנט אָלעשעק אינ זײַנע האָרווענע הויזנ אונ אָלאָטשנ, אונטערגעבונדענע מיט אײַלנהירשענע שנורלעכ.

מיט אַנ אָפענעם פּאָנעם, א דארער, א פלינקער, א מוטיקער, האָט ער קיינמאָל זיכ ניט באקלאָגט, אז ער איז מיד. דער וויגט־שעסטער אַפ זײַנ פּלייצע איז געלעגנ ווי א צוגעניייטער. אַלעשעק האָט אים ניט געליגט ווי די פּארטיזאנער אַפּנ פּאַק, און זײַנ געלעגער — די קאָבאַרזשענע פעל — האָט ער געטראָגנ אונטערנ אָרעם. ער האָט געזשאלעוועט די הירשנ.

אונ דער וועג איז געוואָרנ אַלץ שווערער. א גאנצנ טאָג האָט מענ זיכ געהויבנ אַפּ א סאָפּקע, וואָס איז געווענ פארוואקסנ מיט נידעריקנ צעדער־שיפער. פּויזענדיקע קוסטעס האָבנ ווי האָפּנ פארדעקט דעם גאנצנ אָפּהאַנג מיט א דורכוויסיקער קאָרע. אַלעשעק איז געגאַנגענ איבער די פּרוזשינ־קוסטעס, ווי אַנ אקראָבאט.

די הירשנ האָבנ לאַנג אויסגעקליבנ וווהינ אוועקשטעלנ די קאָפּי־טע. טראָפּנס בלוט זײַנענ פונ אָנשטרענגונג ארויסגעטראָטנ בא זיי פונ די נאָזלעכער. די פעל האָט זיכ געקלעפּט צו די צעדער־שישקעס, נאָכ ניט רײַפע אונ קלעפּיקע פונ סמאָלע. די פּארטיזאנער האָבנ זיכ דורכ־געריסנ דורכ די דאָזיקע צעדער־קוסטעס, שפּאַנענדיק ווי איבער א טיפנ שניי. אונ ווענ זיי האָבנ ענדלעכ זיכ אופגעהויבנ, האָבנ זיי אינ דער הייכ געטראָפנ א זומפּ. אפילע אַלעשעק האָט אויסגעשריענ פאר קאַם אונ א קלאַפּ געטאָנ דעם הירש מיטנ פוס. די זעלבע פּיאָלעטעווע אירישנ האָבנ אויכ דאָ זיכ געהוידעט איבער די פארזשאווערטע אַ־לוזשעס. דאָ האָבנ געשורשעט קוסטעס בלויע יאַגעדעס. דאָ האָט גע־שטיקט פונ מאָסקיטנ.

קים איז צוגעפאלנ צו דער ערד אונ האָט צוגעלייגט צו דער קאַלו־זשע די ליפּנ, וואָס זײַנענ גלײַכ געשוואָלנ געוואָרנ פונ מאָסקיטישע ביסנ. די פּארטיזאנער האָבנ פארוויקלט די פּנימער אונ די הענט מיט בינטנ אונ די בינטנ זײַנענ גלײַכ שוואַרצ געוואָרנ פונ גנוס. קיינער האָט זיכ ניט אָנגעבויגנ אָנצורײַסנ בלויע יאַגעדעס. די הירשנ האָבנ פארמאכט די אויגנ, צונויפגעדריקט די נאָזלעכער אונ דונערנדיק מיט די פּעק זיכ א וואָרפּ געטאָנ אריבערנ זומפּ פאָרויס. די מענטשנ זײַנענ געלאָפנ נאָכ זיי. דער גנוס האָט קלאַנגלאָז זיכ געשטויסנ איבער די קעפּ. אָלע־שעק האָט יעדע רעגע ארומגעקוקט זיכ, צי עמעצער איז ניט אומ־געפאלנ. שטארק זײַנענ די רויטע, ער האָט שטאָלצירט מיט זיי.

גענעכטיקט האָט מען אויפֿן אַנטקעגנדיקן אָפּהאַנג, וואָס איז גע־וועזן פֿאַרוואַקסן מיט אַ יאָדלע־וועלדל. דער זומפּ איז געבליבן פֿון הינטן, אָבער דער גנוס און די מאָסקיטן זײַנען ניט פֿאַרשוווּנדן.

אַלעשקע האָט פֿאַנאַנדערגעפֿירט אַ רויך־שײַטער, אַרומגערינגלט אים מיט דרעגגלעך, קעדיי פֿאַרטיידיקן אים פֿון די הירשן. זיי זײַנען ניט אָפּגעטראָטן פֿון פֿײַער, געדריקט זיך צום רויך, געטאָפּטשעט די ברע־נענדיקע צווײַגן. עס האָט געשמעקט מיט געסמאָליעטע הערנער און פֿעל.

די מידע פֿאַרטיזאַנער מיט געשוואָלענע פּנימער זײַנען אַנשלאָפֿן געוואָרן ניט אויף לאַנג און אויפֿגעכאַפּט זיך פֿאַר נײַע לײַדן. אַ געקלאַנג איז געשטאַנען פֿון די קאָמאַרן. זייער דאָרשט איז געווען אַזוי גרויס, ווי די לײַדן פֿון די מענטשן. כאָטש איין מאָל אָנטרינקען זיך מיט בלוט פֿאַרן גאַנצן קורצן לעבן. אין גאַנצן אַרום איז ניט געווען קיין איין לעבעדיקע באַשעפֿעניש. און ווען נעביוואַיעוו האָט אינדערפֿרי אַראָפּ־גענומען זײַן פֿאַרוסיקטע העמד און די הויזן, קעדיי אויסטרייסלען דעם אַש, האָבן די פֿאַרטיזאַנער מיט פֿאַרוווּנדערונג אים אַרומגערינגלט. ער איז געווען טאַטויִרט, ווי אַ שנײַדער וואָלט צוגעשניטן אויף זײַן לײַב אַ מאַלבעש און וואָלט אָפּגעצייכנט מיט אַ בלוטיקן קרײַדל. די קאָמאַרן האָבן געביסן דאָרט, וווּ עס איז געווען די נעט. זיי זײַנען געווען שרעקלעכער ווי דער הונגער. און אונטערפֿאַשענדיק אַ ביסל די הירשן, האָבן די פֿאַרטיזאַנער ווידער זיך געלאָזט גיין.

דאָ זײַנען אַוועק פֿרײַלעכע ערטער. די טײַגע איז געלעגן אונטער די פֿיס, ווי אַ דוהע, פֿאַרזידנדיק פֿון ווינט. ווי שוואַרצע קגוילן האָט זי זיך געוויקלט אַראָפּ איבער די באַרג־שפּאַלטן. טײַגע!

אַלעשקע האָט צוגעאײַלט. די טײַגע האָט איצטער אויסגעוויזן ווי אַ געבענטשטע, אָבער דאָס איז געווען אָפּנאַרעניש. זי האָט זיי אויפֿגענומען פּונקט אַזוי ניט גאַסטפֿרײַנטלעך ווי די בערן.

דעם גאַנצן פֿרימאָרגן האָבן זיי זיך דורכגעשלאָגן דורך וואַלד, אומגעוואַלגערט פֿון שטורעם. פּיכטעס און בלעטער־ביימער זײַנען געלעגן איבערגעקרייצט. צוויי אוראַגאַנען האָבן זיך דורכגעטראָגן איבער זיי. איינער האָט געוואַלגערט אויף צאָפֿן, דער צווייטער אויף מיזרעך. הריבנע קוסטעס האָבן געקלונגען ווי אײַזן, באַהאַלטנדיק אונטער זיך גריבער אָנגעפֿילטע מיט שוואַרץ וואַסער. די הירשן האָבן געבראָכן

די פּיס. מע האָט זיי געשונדן און דאָס פלייש געשלעפּט מיט זיכ. מענטשן האָבנ געזונקענ אינ צעפוילטנ אָפּפאל פונ ביימער. צו האלב טאָג האָבנ זיי זיכ אָנגעשטויסנ אפ א טייל אָפּגעבּרענטנ וואלד. און האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט פאר א וואונדערבארער פּאנאָראמע. די טענענ-ביימער זיינענ געשטאנענ נאקעטע און ווייסע ווי ביינער. די סרייפע האָט זיכ געטראָפנ אינ פרילינג, בעשאס דער באוועגונג פונ די זאפטנ. דער פייער איז דורכגעגאנגענ איבער די שפּיצנ. ער האָט אופגעגעסנ דעם בערדיקנ מאָכ, וואָס איז אראָפּגעהאנגענ פונ די צווייגנ און איז איינגעשטילט געוואָרנ. די צונעפרעגלטע קאָרע איז אראָפּגעפאלנ און אנטדעקט די גלאנצנדיקע זאפטנ. זיי האָבנ געפּיקלט אפ דער זונ ווי פּאָרצעליי. דער אָטריאד איז אריינ אינ דעם דאָזיקנ זילבערנעמ וואלד. אינ אימ האָט זיכ גאָר געהאלטנ דער רייעכ פונ סמאלענע. די מענטשנ האָבנ זיכ געשלעפּט אונטערנ קלאנג פונ נאקעטע ביימער-שפּיצנ, וואָס האָבנ געזונגענ ווי סטרונעס.

מע איז פארביינגעגאנגענ אויכ דאָס. און פאָרויס האָבנ ווידער זיכ צעעפנט בארג-שפּאלטנ ביזנ ראנד פולע מיט טייגע. אָלעשעק האָט געפונענ בערג-מיסט און פריידיק אויסגעשריענ:

— „אמאקא! * האָב פאר אונדז קיינ מוירע ניט. מיר זיינענ נישטיקע מענטשנ!

פארנ זונ-אונטערגאנג האָבנ זיי ווייט אפנ פעלדז דערזענ בארגיקע בעראנעס. זיי זיינענ געלאָפנ און געפאלנ פונ דער הייכ מיטנ קאָפּ אראָפּ. געדאכט האָט זיכ, אז מע דארפ נאָר אראָפּלאָזנ זיכ — און וועסט דאָרט געפינענ א גאנצנ בארג שעפּסנ-פלייש. אָבער אָלעשעק האָט געזאָגט:

— דאָס טרייבט זיי דער זיידע אמאקא און זיי גארנ אימ אָפּ, ווי אויכ אונדז. בא א שעפּס זיינענ די הערנער שווערע ווי דער הינטנ. ער פאלט אפ זיי, ווי א שטיינ אפ שטיינ, און שטעלט זיכ ווידער אפ די פיס.

אינאָוונט האָט מענ אונטערגערעכנט די פארלוסטנ. עס איז גע-

* אמאקא — אפ טונגוסיש — זיידע. אזוי רופנ זיי א בער, ווענ זיי ווענדנ זיכ צו אימ דאָרט.

בליבנ אינגאנצנ צוויי הירשנ, א קעסטעלע שוועבעלעכ, א ביסל זאלצ אונ דרײַ פעקלעכ מאנדזשורער טאבעק.

א גאנצע נאכט האט מענ נאכגעשפירט נאכ א בער. די כיַיע איז ניט געקומענ. אלעשעק האט געהודעט אינ בערעסטער דודקע, נאכ־מאכנדיק א ווילדנ הירש. קיינער האט זיכ ניט אפגערופנ. דער שטאמ פונעמ ווינטשעסטער איז געבליבנ קאלט. באגינענ האט אלעשעק דרייסט זיכ אראפגעלאזט פונ דער הייכ אינ דער טיפ, ווו מע האט געזענ די באראגעס אונ אומגעקערט זיכ צומ האלבנ טאג מיט א שטיק פוילנ בערנ־פלייש.

— דאס איז ביגאלענגא דערהארגעט געווארנ, יאגנדיק זיכ נאכ די שעפסנ — האט ער געזאגט אונ צוגעגעבנ — אונדז גייט ניט־

אבער קיינ פארצווייפלונג איז ניט געווענ אינ זײַנע ווערטער. ער האט אנגעוויזנ געביוואיעוונ אפנ הירש, וואס איז געלעגנ באמ שײַטער ניט באוועגלעכ, מיט ראזלעכנ שוימ אפ דער מארדע.

— הײַנט וועט זײַנ א סאפ צו אימ. עפשער בעסער פארמאכנ אימ די אויגנ. — אונ אלעשעק האט אומעטיק א שמייכל געטאנ.

מע האט דערשטאכנ אויכ דעמ הירש.

אונ דער לעצטער איז אומגעקומענ מיט א טויט, וואס האט אלעמענ פארווונדערט. ער אז געווענ פונ דער לאמישער ראסע, א רײַט־הירש, א שטארקער אונ פלינקער. אינ אימ האט נאכ געסטײַעט קראפט ארי־בערצושפרינגענ מיט די פעק איבער א טײַכל. יאימ האט מענ געהיט אפ יענעמ פאל, אויב עמעצער וועט ניט קענענ גיינ.

דער ערשטער האט זיכ אפ אימ אוועקגעזעצט קימ. ער האט שווײַ־גנדיק באוויזנ דעמ קאמיסאר זײַנע געשוואלענע פיס. זײַנ פאנעמ איז געווענ בלא אונ האט אויסגעדריקט אומגעהייערע מידקײַט. פונעמ הירש האט מענ אראפגענומענ די פעק. זיבנ מאנ האבנ עס צעטיילט צווישנ זיכ. אלעשעק האט אויסגעהאקט א דראנג, געגעבנ אימ קימענ אי־ די הענט אונ באוויזנ ווי מע דארפ פארנ רײַטנדיק אפ א הירש. אונ די דאזיקע רײַטעניש איז געווענ א נײַע מאטערניש פאר קימענ. דער זאטל איז געלעגנ אפנ סאמע שפיצ הארב. די פעל איז אראפגעפארנ, די דארע לאפעטקעס זײַנענ געשפרונגענ אונטער איר ווי אינ א זאר. קעדיי ניט אראפצופאלנ, האט קימ יעדער מאל אריבערגעווארפנ יעמ

דראָנג אונ אָנגעשפּאַרט אימ אינ דער עחר. די פּימ זײַנענ אראָפּגעהאנגענ פונ בײדע זײַטנ האלדז. פונ צײַט צו צײַט, פארגעסנדיק זיכ, האָט ער זיכ אָנגעבויגנ פאָרויס אונ דער הירש האָט אומגעריכט געוואָרפנ מיטנ קאָפּ אונ געשלאָגנ אימ מיט די הערנער. טרערנ זײַנענ גערונענ פונ אונטער קימס געלע וויִעס. ער איז געפאָרנ אינ עק פונ אָטריאַד, געקרעכצט אונ געזידלט זיכ אפ כינעזיש. פיר מאָל איז ער אראָפּגעפאלנ פונ זאָטל אונ ווידער געזעצט זיכ אפנ הירש. אפנ פינפטנ מאָל איז קימ געפאלנ מיטנ קאָפּ אפנ שלאָס פונ זײַנ ביקס. ער האָט זיכ אופגעהויבנ מיט ווײַסע אויגנ, געטרייסלט זיכ פונ קאָס. ער האָט אופגעהויבנ די ביקס אונ אויסגעשאָסנ.

אלע האָבנ זיכ אויסגעקערעוועט אפנ שאָס. בײדע — דער הירש אונ קימ — זײַנענ געלעגנ אומבאוועגלעכ אײנער לעבנ אנדערנ. עס איז געווענ ניט פארשטענדלעכ ווער איז פונ זײ טויט. ענדלעכ האָט קימ אופגעהויבנ דעמ קאָפּ, א קוק געטאָנ אפ די באווײרימ. זײַנע אויגנ זײַנענ נאָכ אלץ געווענ ווײַס.

— איכ האָב דערהארגעט דעמ לעצטנ הירש.

קײנער האָט קײנ וואָרט ניט געזאָגט. די פּעק האָט מענ צונויפגעלײגט דאָ אפנ אָרט. אונ אָפּגעשטעלט זיכ לאנג אָפּצורוענ.

נעביוואיעוו האָט געבראכט קימענ פלײש. ער האָט געגעסנ ליגנדיק מיט דער באַק צוגעדריקט צו דער קאָלבע פונ דער ביקס. געביוואעוו האָט אימ געגעבנ נאָכ: א העלפט פונ זײַנ פּאָרציע. ער האָט אופגעגעסנ אויכ דאָס אונ אָנגעטרונקענ זיכ מיט קאלט וואסער. זײַנע אויגנ זײַנענ געוואָרנ טונקעלער, רויִקער. ער האָט זיכ אוועקגעזעצט, אראָפּגענומענ די שטיוול אונ אָנגעהויבנ עפּענענ מיטנ מעסער די פּוכירנ אפ די פיס.

נעביוואיעוו איז אָפּגעגאנגענ אינ א זײַט. די רעשטנ פלײש אוועקגעלײגט אפנ גראָז אונ לאנג געקוקט אפ דעמ מיט א מוטנעמ קוק. אלײנ עסנ האָט ער עס ניט געקאָנט. די צײנ האָבנ זיכ געשאָקלט. יעדער בימ האָט פארשאפט ווײטעק. ער האָט מיטנ צונג געזויגנ דאָס בלוט פונ די יאסלעס.

„צינגא“"! א וואָרט א קלינגעוודיקס, ווי א פּײַקל.

נעביוואיעוו האָט א קוק געטאָנ אפ די פארטיזאנער, וואָס זײַנענ

געזעסנ באַמ שײַטער, צי באַהאַלטנ זײ אויכ אזוי ווי ער זײער קרענק? אַט האָבנ זײ שוינ געענדיקט עסנ. אַלעשעק האָט פאַרטראַכטערהייט געשניצט טרוקענע שטעקלעכ אַפ פאַנאַנדערהייצנ א שײַטער. דעסיוקאָוו האָט באַטראַכט זײַנע צעקלאַפּטע שטיוול. אוסטינקינ האָט גערעדט וועגנ ברויט. די איבעריקע האָבנ אימ געהערט. זײערע מײַלער זײַנענ געווענ ברייט צעעפנט.

נעביוואַיעוו האָט מיט דער האַק דריבנע צעהאַקט די רעשטנ פלייש אונ אָנגעפילט מיט דעמ די קעשענעס. ער וועט עס זוכנ אינ וועג. דערנאָכ איז ער געלעגנ, גערויכערט, געקוקט אַפנ געלנ קימענ, וועלכער האָט זשעדנע געהערט אוסטינקינס דערציילונג. יענער האָט אַלצ גערעדט וועגנ ברויט.

גערוט האָט מענ ביז פאַרנאַכט אונ גענעכטיקט אַפנ זעלבנ אָרט. אינדערפרי האָט מענ ווידער געגעסנ פלייש, פאַנאַנדערגעגעבנ פאַטראָנעס, ארופגעצויגנ אַפ זיכ די לעצטע אָלאָטשנ אונ אוועקגעלאָזט זיכ ווײַטער אינ וועג.

די שטיוול, די בײַדלעכ, דאָס איבעריקע אָנטאָנ זײַנענ געבליבנ הענגענ אַפ די ביימער.

יעדער האָט איצטער אזוי ווי אַלעשעק געטראָגנ אונטערנ אָרעמ זײַנ הירשענע פעל אונ אַפ די פלייצעס די ביקס. די פאַטראָנטאַשנ האָבנ געקוועטשט די ברוסט. די רימענס מיט די שווערע פאַטראָנזעקלעכ האָבנ זיכ אײַנגעשניטנ אינ די זײַטנ. קוימ האָט אונטערגעהונקענ. נעביוואַיעוו האָט געזויגנ דאָס געהאַקטע פלייש צוזאַמענ מיטנ בלוט פונ די יאַסלעס. אָבער קיינעמ האָט נאָכ ניט פאַרלאָזט די מוט. אונ באַנאַכט, ליגנדיק באַמ שײַטער, האָבנ זײ געזונגענ. אָנהייבנ פלעגט סטעפּונאָוו. פאַרוואַרפנדיק דעמ קאָפּ ארויפ אונ נאָכשפּירנדיק אינ הימל נאָכ די שטערנ, וואָס זײַנענ געווענ איבער דער טײַגע, האָט ער פאַרצויגנ א נאַרישע ליד.

— Три старушки охнули — האָט ער געזונגענ מיט א ווײַנענדיקער אונ הויכער שטימ.

— ну-ли, ну-ли האָבנ אונטערגעכאַפּט מיט פײַערלעכע באַסאָווע שטימענ ביידע ברידער קאָניאַיעוו.

געזונגענ האָט ריזשיכ — א יונג מיט שיינע אויגנ. געזונגענ האָט

אוסטינקינ. געזונגענ האָט דער אָנגעכמורעטער דעסיוקאָוו — גיט ענ־דערנדיק דעמ ערנסטנ אויסזענ פונ זײַנ פּאָנעמ.

נעביוואיעוו האָט געלאַכט, קוימ אויפדערקענדיק די קראנקע יאסלעמ.

אַלעשעק האָט געהערט. אונ די ליד האָט אימ אויסגעוויזנ ווונדער־באַר שיינ.

— „פונוואַנענ קומסטו, נאַכט" — האָט ער געטראַכט — וואָס אינ דיר איז אַזויפיל שיינקײַט אונ פרייד?"

אײַנגעשלאָפנ איז מענ שפּעט אונטער די פינצטער־פינקלענדיקע שטערנ, אונ אינ כאָלעמ האָט מענ געזענ ברויט.

גאַנצ פרי איז מענ ווידער אופגעשטאַנענ אונ געגאַנגענ.

א גאַנצנ טאָג האָט מענ געבלאָנדזשעט איבער א זומפּ. די פּענעמער פאַרבונדנ מיט מאַרלע. אוסטינקינענ האָט געשטיקט. ער האָט אָנ אופ־הער געטריבנ פונ זיכ דעמ גנוס. זײַנ שווערער קערפּער האָט ניט פאַרטראָגנ אַזויפיל אומגליקנ. ער איז אָפּגעשטאַנענ, געהוידעט זיכ. זײַנ מויל האָט בייז זיכ געשוואַרצט אפנ צעביסענעמ פּאָנעמ. קימ, אליינ אונטערהינקענדיק, האָט אימ געפירט אונטער דער האַנט.

אַז מע האָט זיכ געזעצט אָפּרוען, האָט אוסטינקינ זיכ צוגעשפּאַרט צו א בערגל. דער רוקנ האָט געבראָכנ, די פיס האָבנ וויי געטאָנ. די אויגנ האָבנ געטרערט, אונ די טרערנ האָבנ צעגעסנ די טיפע קראַצנ אפ די קינבאַקנ. עס האָט וויי געטאָנ אָנרירנ זיכ מיטנ צונג צומ גומענ. ער האָט אַרײַנגערוקט די פינגער אינ מויל, אַרויסגענומענ א צאָנ פונ די אָפּגעשוואַכטע יאסלעמ אונ אַוועקגעלייגט אימ אפ דער דלאָניע. דערנאָכ האָט ער אימ אונטערגעטראָגנ נעביוואיעוונ אונ אָנגענומענ דעמ קאָמיסאַר פאַרנ בוזעמ.

— צו וואָס האָסטו אַוועקגעגעבנ די מעל די טונגוסנ? מיר וואָלטנ אַלע זאַט געווענ.

אַלעשעק האָט א געשריי געטאָנ. די פאַרטיזאַנער האָבנ זיכ א וואָרפ געטאָנ צו אוסטינקינענ. נעביוואיעוו האָט זיי אָפּגעשטעלט מיטנ קוק.

עס איז געוואָרנ פולשטענדיק שטיל. ווי אינ אַנ אָפּגרונט, אַזוי האָט אַלצ א פלי געטאָנ אינ דער שטילקײַט — דרײַ מענטשנ באַמ שנײַ־טער, דער זומפּ אונ די טונקלקײַט איבער זײַנ ראַנד.

אונ אינ דער דאָזיקער אומגעוויינלעכער שטילקײַט פונ דער טײַגע

האָט דער קאָמיסאַרס שטים אַרױסגעװיזנ אַלעשעקנ װי אַ גישטיקער קלאַנג, װאָס איז ניט העכער װי דאָס שורשענ פונ אַנ אַראָפּגעפאַלנ בלעטל.

— הינטישער זונ! װאָס־זשע פאַר אַ באָלשעװיק ביסטו, אױב דו קאָנסט ניט לײַדנ פאַר דער ראַטנמאַכט?

אוסטינקינ האָט אָפּגעלעקט די געשװאָלענע יאַסלעס, אַרױסגעשפּיגנ דאָס בלוט אונ אָפּגעגאַנגענ אָנ אַ זײַט. אַלעשק האָט נײַגעריק אונ מיט אָפּשײַ געקוקט אױפ די רױטע.

באָלשעװיק! װאָס איז דאָס פאַר אַ װאָרט, װאָס צװינגט אַ מענטשנ צו פאַרגעסנ זײַנע לײדנ?

ער האָט אַ פּיר געטאָנ מיט די אױגנ איבער יעדערנ פונ די רוסנ. ניקיטשענ װאָלט זײ איצט ניט דערקאָנט. דאָס אָנטאָנ איז געװענ צעריסנ אױפ שטיקער, די פּענעמער זײַנענ באַװאַקסנ מיט בערד. די װיִעס פאַרלאָפנ מיט בלוט, אונ די ליפּנ האָבנ גרױזאַם געשװיגנ. אונ קײנער האָט מער קײנ װאָרט ניט דערמאָנט װעגנ דער מעל, װאָס מע האָט אָפּגעגעבנ די הונגעריקע טונגוסנ.

„װאָס װילנ זײ? אױב אינ איאַנ װאַרט אױפ זײ דער טױט, איז צו װאָס גײענ זײ אים אַנטקעגנ? אױב דאָרט איז קײנ סױנע ניטאָ, איז צו װאָס זוכנ זײ אים?“

אַלעשעק האָט געװענדט די אױגנ אונ די חלאָניעס צו דער ערד פרעגנדיק באַ איר אַנ ענטפער. געשװיגנ האָט דאָס גראָז, געשװיגנ האָבנ די קוסטעס מאָך־יאַגעדעס אונ דער מאָך.

אָבער װי דאָרט זאָל ניט זײַנ, אַלעשעק פירט די דאָזיקע מענטשנ אונ דאַרפ װעגנ זײ זאָרגנ. ער איז צוגעגאַנגענ צו נעביװאַיעװנ, אַ שטױס געטאָנ מיטנ פינגער זיך אינ די יאַסלעס אונ געזאָגט.

— מע דאַרפ זוכנ טשערעמשאַ *.

ער איז אַװעק מיטנעמענדיק מיט זיך בלױז דעם מעסער. דעם װינטשעסטער האָט ער איבערגעלאָזט באַם שײַטער. אײַנגיכנ האָט ער זיך אומגעקערט, טראָגנדיק אונטערנ אָרעם אַ בינטל גראָז. דאָס גראָז

* ט ש ע ר ע מ ש אַ — אַ געװיקס, װאָס איז פונ לאַנג אָנ באַקאַנט אינ סיביר װי אַ מיטל קעגנ צינגאַ.

האָט געשמעקט שאַרפער ווי קנאָבל און די בלעטער זײַנענ געווענ ברייטער ווי בא מײַגלעקעלעכ.

— עס! — האָט ער שטרענג געזאָגט צו יעדערנ. און אוסטינקינענ האָט ער געגעבנ טשערעמשא צוויי מאָל מערער. — דו וועסט זײַנ געזונט.

אָלעשעק האָט געבראַכט צו פירנ די פּאַרטיזאַנער צו א גאַנצנ פעלד טשערעמשא. אינ שאָטנ פונ די ברייטע בלעטער האָט זיכ לאַנג גע-האַלטנ דער טוי. עס האָט זיכ געדאַכט, אז דער טוי שמעקט מיט קנאָבל.

דאָ האָבנ זיי פאַרבראַכט א גאַנצנ טאָג אונ אוועקגעלאָזט זיכ ווײַ-טער. יעדערער האָט געטראָגנ אפ דער פּלייצע צוזאַמענ מיט דער ביקס א גרויס בינטל טשערעמשא. זיי האָבנ זי געגעסנ, די טשערעמשא, שפּאַנענדיק לאַנגזאַם פאָרויס.

אוסטינקינ האָט זיכ שוינ ניט באַקלאָגט אפנ ווייטעק אינ רוקנ. נעביוואַיעוו האָט ניט געזויגנ דאָס בלוט פונ די יאַסלעס. אָבער אומזיסט זײַנענ די ציינ געזונט געוואָרנ. ציטערנדיק פונ קעלט, האָט ער גע-טרונקענ וואַסער פונ די קאַלוזשעס.

ווידעראַמאָל איז מענ אַרײַנ אינ א באַרג-שפּאַלט. זיי האָבנ זיכ אופגעהויבנ, טרעטנדיק איבער די סמאָליעוועס, וואָס זײַנענ געוואַקסנ אפ די שטיינער. אונ דערזענ א יעגער. ער האָט זיכ ווי געגליטשט באַרג-אַראָפּ אונ אויסגעוויזנ האָט, אז ער באַוועגט זיכ גיט אונ באַהאַלט זיכ הינטער א פיכטע, וואָס איז געוואַקסנ אונטערנ פעלדז.

דער יעגער איז געווענ איינ א פּעלצ אונ אינ א הירשענעם היטל. די כאָליעוועס פונ זײַנע אויסגענייטע טאָרבאַסנ זײַנענ געווענ צוגעבונדנ צום גאַרטל. דער שטאַם פונ זײַנ ביקס האָט אַרויסגעשטעקט איבערנ לינקנ אָקסל.

אַלע האָבנ מיטאַמאָל זיכ אָפּגעשטעלט. נעביוואַיעוו האָט אויסגעשריענ:

— איי, מענטש!

די פיכטע האָט זיכ געשאָקלט אונ געטרייסלט ווי א טאָפּאָל. אָלעשעק האָט אָנגערירט דעם קאָמיסאַר פאַרנ אַרבל.

— ער איז טויט אונ קאָנ ניט ענטפערנ.

מע איז צוגעגאנגענ נעענטער. ערשט דעמלט האָבנ זיי באמערקט, אַז צום יעגערס פיס זײַנענ צוגעבונדנ ליזשעס.

— ער האָט זיכ געיאָגט איבערנ שניי נאָכ א כיַיע אונ אָנגעשטאָכנ זיכ אפ א סוק. — האָט געזאָגט אַלעשעק מיט שרעק.

די פּארטיזאנער האָבנ ארופגעקלעטערט אפנ אָפּהאנג פונעם פעלדז דאָ האָבנ זיי געפונענ א שליטעלע, וואָס א טונגוס נעמט מיט זיכ מיט, ווענ ער לאָזט זיכ אַלײנ אוועק וויַיט אונ האָפט אומקערנ זיכ מיט שווערנ רויב. דער יעגער איז געשטאנענ צו זיי מיט דער פּלייצע. דער טויט האָט אים געטראָפנ אינ געלויפ. דער סוק האָט אים דורכגעשטאָכנ די ברוסט אונ האָט ארויסגעשטעקט פונ דער פּלייצע דורכנ פּעלצ. דער דורכגעשטאָכענער יעגער איז געהאנגענ אפ דער פּיכטע, וואָס איז געווענ באהאלטנ הינטערנ פעלדז, אונ זיַינע ליזשעס האָבנ נאָכ אויסגעדריקט פלינקע באוועגונג.

אפנ שליטעלע איז געלעגנ א הירשענער שלאָפ-זאק. אונטערנ זאק א טשײַניק, א קעסעלע, א ליוקנ קוישל פול מיט געטריקנט פלייש, צעמאַלענעמ אונ איבערגעמישטנ מיט צעדער-ניס, אונ הריַי קאָרענע פּלעצל.

אינ א שמאטקעלע האָט אַלעשעק נאָכ געפונענ ציינ פונ ווילדע הירשנ, דאָס האָט באטיַיט די צאָל דערהארגעטע כיַיעס.

— אָט ווער עס האָט אונדז געבראכט אהער צו פירנ. — האָט געזאָגט אַלעשעק. — ער האָט גענומענ מיט זיכ אלצ אפ גײנ איבער דער שווארצער טיַיגע, וועלכע רוישט ארום ערד אונ הימל. אָבער מיט וואָס וועט ער איצט אָנהאקנ צוויַיגנ פארנ שיַיטער. זײַנ האק איז דאָכ געבליבנ אינ פליינ.

— יאָ, ברודערל. — האָט געזאָגט דער אופגעמונטערטער אוס-טינקינ. ער האָט געביסנ א פארשימלטנ שטיינערנעמ פּלעצל אונ ארא-פּגעלעקט פונ דער דלאָניע די ברעקלעכ. — לאנג וועט דאָרט דיַינ האק אפ דער אָסינע ווארטנ אפנ באלעבאָס, אונ דער באלעבאָס דאָ אפ דער פּיכטע — אפ דער האק. אומזיסט, הייסט עס, האָב איכ דיכ געפּאָלט.

אַלעשעק וואָלט ניט גענומענ בא א טויטנ מענטשנ ניט קיינ מעל, ניט קיינ פלייש, אפילע ווענ ער שטארבט פונ הונגער, אָבער קו-קנדיק ווי די פּארטיזאנער האָבנ געזופּט דעמ פלייש-זופּ אונ די קראפט

אונ די פרייד האָבנ זיכ אומגעקערט אפ זייערע אויסגעמאָגערטע פנע־
מער, האָט ער א טראַכט געטאָנ:

— „צי זײַנענ זיי ניט גערעכט, אויב זיי נעמענ בא טויטע, קעדיי אָנצוקאָרמענענ לעבעדיקע?"

די געפונענע שפּײַז האָט אונטערגעגעבנ מוט. נאָכ אפ וועטשערע איז געבליבנ עטלעכע הויפנס געטריקנטע פלייש. גרינגער געוואָרנ צו גיינ.

זיי זײַנענ דורכגעגאַנגענ א קורצנ באַרג־שפּאַלט אונ אַראָפּגעלאָזט זיכ אינ א וואַלדיקנ פליינ. אַלעשעק האָט פאַרקערעוועט אפ מיזרעכ. די געדיכטע בלעטער־ביימער האָבנ אָנגעזאָגט, אז נאָענט איז דער יאַמ.

אינ הימל זײַנענ געשטאַנענ אָדלערס. איבער די קעפּ האָבנ געטשמאָ־
קעט וועווערקעס. די פּאַרטיזאַנער האָבנ געשאָסנ זיי בינטלעכווײַז אונ געבאַקט אפ קוילנ. אַלעשעק האָט גערויבט די נאָרעס פונ די וואַלד־מײַז, פאַרנעמעדיק פונ האַרט פולע קעשענעס ניס. איבער די סאָפּקעס, וואָס זײַנענ געווענ ראָז פונ ברוסניצע־בלעטער, האָבנ זיכ ארומגעדרייט בערנ. די טײַכלעכ האָבנ געווימלט מיט פיש. אַלעשעק האָט מיט א שטעקנ פאַנאַנדערגעגראַבנ אפנ ברעג גאַנצע הויפנ פאַרלעגענע פיש. די בערנ האָבנ זיי אַהינ באַהאַלטנ, אָפּהירזשענדיק דעמ קאָפּ. זיי האָבנ ליב האָר־בושע מיט א רייעכ.

— נאָענט איז א סטעזשקע — האָט געזאָגט אַלעשעק.

אונ די רויטע זײַנענ געגאַנגענ ווײַטער.

אינדערפרי האָבנ זיי דערזענ דעמ ערשטנ שפּור — גראָז, אײַנגע־
טאָפּטשעט מיט אָלאָטשנ אינ דער ערד. אונ אינ א שאָ ארומ האָבנ זיי דערהערט א קלאַנג פונ א בלעכנ גלעקעלע. זיי האָבנ זיכ פאַנאַנדערגע־
שאָטנ, ארומרינגלענדיק אינ א קייט דעמ דאָזיקנ קלאַנג.

10. וואָס האָט געזאָגט בונדזשי

איבער דער סטעזשקע איז געגאַנגענ א טונגוס מיט זיבנ הירשנ. די זאָטל־זעק זײַנענ געווענ פול מיט מעל. אָבער אַלעשעק האָט געקוקט ניט אפ זיי. ער האָט ניט געקענט זיכ א ריר טאָנ. ער האָט געשוויגנ ווי מע וואָלט אימ דעמ צונג אָפּגעשניטנ. אפנ פאָדערשטנ הירש איז גע־

זעסנ ניקיטשענ. דער הירש האָט גערוישט מיט די גלעקלעכ אונ גי־קיטשענ האָט גערויכערט.

— ווי קומסטו אהער? — האָט זי אויסגעשריִענ, גלײַכ ווי ניט אַלעשעק וואָלט באַהאַפּט איר שטעלנ די דאָזיקע פראַגע.

אונ דעמלט האָט אַלעשעק ׳ברייטער צעעפנט די אויגנ. איג זיי האָט א שײַנ געטאָנ פרייד.

ער האָט פאַרוואונדערט פאַנאַנדערגעוואָרפנ די הענט, צוגעגאנגענ צו ניקיטשענ, אראָפּגענומענ זי פונ הירש אונ אוועקגעשטעלט אפ דער ערד.

— דו לעבסט?

דער טונגוס, דערזעענדיק מענטשנ, איז אראָפּגעקראָכנ פונ הירש, א קוק געטאָנ אפ זייערע פּענעמער. אראָפּגענומענ פונ איינ הירש א זעקל מעל.

ער האָט ניט געהאט וואָס צו פרעגנ — ווער זײַנענ די מענטשנ אונ וואָס ווילנ זיי.

דאָס איז געווענ דער לעצטער אָפּרו פאר איאנ. א פרייליכער אָפּ־רו. אוסטינקינ האָט פארקנאָטנ טייג גלײַכ אינ זאק מיט מעל. אַלעשעק האָט ׳ניט באַוויזנ איבערקערנ אפנ פײַער די פּלעצלעכ. מע האָט זיי ניט געלאָזט דערבאקנ זיכ אונ געגעסנ רויערהייט.

גיכ האָט מענ זיכ אָנגעזעטיקט, דערנאָכ האָט מענ זיכ אוועקגעזעצט הויכערנ באַם שײַטער. דער טונגוס האָט דערציילט מעשונעדיקע נײַעס.

— אינ איאנ איז ראטנמאכט — האָט ער דערציילט. — זי איז גע־קומענ מיט די טײַכנ לענע, אלדאנ אונ מײַ, קעדיי אָנצוהאָרעווענ אונ־דזער קאנט. זי איז געקומענ מיט סכוירע, איר נאָמענ איז כאָלבאָס *. אינ בוכטע אונטוקענ איאנ שטייענ יאפּאָנישע סאָלדאטנ אפ א שיפ, א שאַרפע ווי דער קאפּ נעקאָי. ווען ענ היטנ זיי, ווייס איכ ניט.

— איכ ווייס — האָט געזאָגט ניקיטשענ. זי איז געזעסנ מיט אַלעשעקנ אָנ א זײַט איבער א שיסל סאלאמאט, אונ אירע ליפּנ זײַנענ געווענ פעט פונ שמאלצ. — בונדזשי האָט מיר וועגנ דעם געזאָגט.

— ווער איז בונדזשי אונ וואָס האָט ער דיר געזאָגט? — האָט גע־פרעגט אַלעשעק.

* כ אָ ל ב אָ ס — אפ יאקוטיש — קאָאָפּעראציע.

— בונדזשי האָט מיך אַרויסגעשלעפּט פונ וואַסער. בונדזשי האָט מיך אָוועקגעפירט פונעמ סויכער, וואָס האָט אַלצ געשריבנ אונ ניט געגעבנ מיר עסנ. בונדזשי האָט מיך געהאָדעוועט מיט רײַז אינ זײַנ אײַזערנער אוראַסע, הינטער וועלכער דער יאַמ האָט געברויזט דעמ גאַנצנ טאָג. מיר זײַנעג געקומענ אינ איינ אָרט צוזאַמענ מיט די יאַפּאַנער אונ זייערע קאַפּיטאַנעס, וועלכע זײַנענ געווענ צו גאַסט בײַ דעמ סויכער. זיי האָבנ געפרעגט וועגנ די רויטע, וועמענ זיי זײַנענ געקומענ זיך צו ווײַטער אונ צו האָבנ זיי אַ סאַך הירשנ אונ ביקסנ אונ מענטשנ. בונדזשי האָט געזאָגט זייערע ווערטער. ער האָט געשמייכלט צו זיי מיט איינ פּאָנעמ אונ צו מיר מיט אַנ אַנדער פּאָנעמ אונ הויך געזאָגט אָפּ טונגוסיש: „שווײַג, ניקיטשענ!” איך האָב געשוויגנ אונ געוויינט—צו וואָס האָט אַלעשעק געבראַכט צו פירנ צו אונדז די רויטע, איך וואָלט ניט געדאַרפט זאָגנ ליגנ. דער סויכער האָט געזאָגט צו די יאַפּאַניער: „איך ווייס ניט צי אַלע זײַנענ זיי דאָרטנ געווענ. אָבער איר וועט גוט טאָג, אויב איר וועט דערהאַרגענענ כאָטש איינעמ. איך האָב געבראַכט צופירנ סכוירע קיינ טוזעמער — דאָרט איז געווענ פּוסט. איך האָב געבראַכט צו פירנ קיינ טשומוקאַ, דאָרט זײַנענ געווענ די רויטע. איך האָב געבראַכט צו פירנ אינ איאַנ, אונ דאָ אויך געטראָפנ סאָוועטישע סכוירעס. ווער וועט מיר באַצאָלנ פאַרנ העזעק אָפּנ דאָזיקנ ברעג?” אונ דער יאַפּאַנישער קאַפּיטאַנ האָט געענטפערט: „מיר האָבנ אונדזערע העזייקעס אונ אונדזערע סאָכרימ. איר האָט ניט וואָס צו טאָנ אַפּ דעמ דאָזיקנ ברעג”. אַזוי האָט מיר געזאָגט בונדזשי אונ זיי האָבנ געקוקט איינער אָפּנ אַנדערנ ווי צוויי פוקסנ, וואָס האָבנ געכאַפּט נאָר איינ מויז. אונ יעדערער פונ זיי האָט געזאָגט, אַז דער דאָזיקער ברעג איז זײַנער. בונדזשי האָט פונ זיי געלאַכט אונ מיר געזאָגט: „דער דאָזיקער ברעג, ניקיטשענ, איז דײַנער, דער דאָזיקער ברעג, ניקיטשענ, איז מײַנער, ווײַל איך בינ אַ פּראָסטער מאַטראָס“. אונ בונדזשי האָט מיך אָפּגעפירט אָפּנ ברעג. אונ דער טונגוס זאַווידאַ האָט מיך גענומענ אָפּ זײַנע הירשנ. וואָס מאַכט מײַנ פאָטער באַטשימאַכ, ער לעבט? אַ סאַך האָרבושע האָט מענ געכאַפּט? אונ דער אַלטער אַמאַסאָוו האָט געפונענ זײַנ אַמאָראַטשקע?

11. צוויי הונדערט ווערטער פונעם געלנ מענטשנ

ניט פונ דעמ, וואָס דער טונגוס זאַווידאַ האָט דערציילט, ניט פונ ניקיטשענס דערציילונג האָט נעביוואַיעוו ניט געקאָנט קלאָר מאַכנ דעמ עמעס. ער האָט געהייסנ פאַרהאַלטנ ביידע. ער האָט אַראָפּגעפירט דעמ אָטריאַד פונ דער סטעזשקע און אַליינ אָנ א ביקס אַוועקגעלאָזט זיכ אַפ אויסשפּיר.

איאַנ האָט זיכ פאַר אימ געעפנט אַפ א פּלאַטשיקנ ברעג, צוגעדריקט צו די סאָפּקעס פונ א גרויסער בוכטע. דעמ מינענטרעגער האָט מענ אַרויסגעזענ פונדאַנענ ווי א קלויסטער.

נעביוואַיעוו האָט געטראָגנ זײַנ מידקײַט, ווי א מאַסע אַפ דער פּלייצע. ער האָט זיכ אָפּגעשטעלט, אויפגעטרייסלט די פּלייצעס, אַראָפּגעלאָזט דעמ קאָפּ.

ער האָט זיכ אומגעקערט אינאָוונט מיט א מענטשנ, וואָס איז געווענ אָנגעטאָנ אינ פערדישע איטשיגעס. דער מענטש איז געווענ א פעסטער, א געלער או׳ האָט פרייליכ געזאָגט צו די פּאַרטיזאַנער.

— איכ בינ דער פאָרזיצער פונעמ צײַטווײַליקנ איאַנער רעווקאָמ און דער באַפולמעכטיקטער פונ דעמ יאַקוטישנ פּאַרטיי-קאָמיטעט. איר האָט גוט געטאָנ, וואָס איר זײַט ניט אַרײַנגעגאַנגענ אינ איאַנ. דאָס וואָלט געווענ שעדלעכ פאַר דער ראַטנמאַכט. מיר האָבנ מיט גרויס מי צוגעשטעלט פונ יאַקוטסק סכוירע פאַר די הונגעריקע טונגוסנ. מיר עפענענ די ערשטע סאָוועטישע פאַקטאָריעס. אָבער די האַרמאַטנ פונ די יאַפּאַנישע מינענטרעגער זײַנענ אָנגעצילט אַפ אונדזערע לאַגערנ. זיי פאַרניכטנ ניט די לאַגערנ נאָר דערפאַר, ווײַל זיי האַלטנ די סכוירעס פאַרנ אייגנטומ פונעמ צענטערפאַרבאַנד און ניט פונ דער ראַטנמאַכט. אָבער די יאַפּאַנער האָבנ באַקומענ ידיעס פונ דער אַמעריקאַנישער שכונע, וואָס איז פאַרשווומענ קיינ איאַנ, אַז איבערנ ברעג גרײַפט אָנ א גרויסער פּאַרטיזאַנישער אָטריאַד. זיי וואַרטנ אַפ אײַכ. זיי דאַרפנ האָבנ אַנ אויסרייד קעדיי עפענענ א פײַער. איכ האָב אַרויסגעשיקט אײַכ אַנטקעגנ אַפ דער איאַנישער סטעזשקע יאַקוטנ,

וואָס זאָלנ איַיכ אָפּשטעלנ. זיי זיַינענ דערגאַנגענ ביז דזשוג-דזשור אונ קיינעמ ניט באַגעגנט. דאָס איז נאָכ בעסער. אונדזערע קויכעס זיַינענ ניט קיינ גליַיכע, אונ די יאַפּאַנער וועלנ מיינענ, אַז די אַמעריקאַנער האָבנ זיי אָפּגענאַרט.

— איר זיַיט באָלשעוויקעס. איכ נאָמענ פונ די פּאָלמאַכטנ, וואָס די פּאַרטיי האָט מיר געגעבנ, ליַיג איכ פאָר דעמ אָטריאַד גליַיכ אַוועקצו־גיינ אינ טיפ פונ דער טיַיגע. איַיכ וועט איר אַרומגיינ דורכ די סאָפּ־קעס, אונ אַרויסגייענדיק אַפּ דער טעלקאַנער סטעזשקע, וועט איר אַוועקלאָזנ זיכ אַפּ יאַקוטסק. אינ צוויי טעג גאַנג פונ איַיכ וועלנ דאָרט אַפּ דער סטעזשקע וואַרטנ אַפּ איַיכ הירשנ מיט שפּיַיז.

געענדיקט זיַינ רעדע, האָט דער מענטש זיכ פאַרטראַכט אונ צוזאַ־מענ מיט אימ האָבנ זיכ פאַרטראַכט די איבעריקע. עס איז נאָכ גע־ווענ ליכטיק. די בלויע איאַנישנ יאָדלעס האָבנ געוואָרפנ א ברייטנ שאָטנ.

אָלעשעק האָט געקוקט אַפּנ אַש, וואָס איז אויסגעשוואָלנ ווי שוימ אינ א קעסל.

נעביוואַיעוו איז געזעסנ לעבנ אימ אַרומגעכאַפּט מיט די הענט די קני אונ מיט אַנ אויפגעהויבענעמ קאָפּ. דינע קרעצלעכ האָבנ באַדעקט די צעשפּאָלטענע הויט פונ זיַינע הענט. די קליינע קאַרע אויגנ האָבנ געקוקט קלאָר פונ אונטער די געשוואָלענע וויִעס. דער קוק איז געווענ פול מיט גרייטקיַיט מיט אַלע מיטלענ אָפּצושלאָגנ די קלעפּ פונעמ סוי־נע: מיט הונגער, מיט מידקיַיט, מיט כעווער.

ער האָט זיכ אויפגעהויבנ:

— באַווייריִמ, קליַיבט זיכ וויַיטער!

קימ האָט זיכ געטאָפּטשעט אַפּנ אָרט. די ווינקלענ פונ זיַינע דינע ליפּנ האָט מיט א פּיאָלעטנ שטריכעלע אָפּגעצייכנט די צינגא.

— הייסט עס, וועלנ מיר זיכ ניט שלאָגנ.

— ניינ.

אוסטינקינ איז געלעגנ אומבאַוועגלעכ אַפּנ גראָז.

— כאָטש איכ באָד זיכ אויסוואַשנ.

סטעפּנאָוו האָט שטיל געצויגנ זיַינ צאַרישע ליד. דעסיוקאָוו האָט זיכ שוינ געקליבנ אינ וועג.

דער פאַרזיצער פונ רעווקאָמ איז צוגעגאַנגענ צו נעביוואַיעוונ.

— אז דו וועסט ארויס גאַנצ פונ דער טײַגע — וועסטו איבערגעבנ אינ קאָמיטעט א צעטעלע. וועסט זאָגנ: פונעמ לערער סעדאָיקינ. פונ איאַנ. אונ ווער ביסטו?

— אנ ארבעטער פונ די צײַטווײַליקע ווארשטאטנ — האָט קורצ געענטפערט נעביוואַיעוו.

אונ אַלעשעק האָט אלצ געקוקט אפנ אש, וואָס איז אַנגעוואַקסנ אפ די קוילנ. זײַנ ווינטשעסטער איז געהאנגענ אפ א צווײַג. די אַלאַטשנ האָבנ זיך געטריקנט אפנ פײַער. ער האָט ווי אינ ערגעצ ניט געקליבנ זיך.

עטלעכע מאָל איז צוגעגאַנגענ ביקימטשענ, גערופנ אימ, געבײַלט. דער טונגוס זאַווידא האָט שוינ אָנגעזאָטלט די הירשנ.

אַלעשעק איז געזעסנ מיט אויסגעצויגענע באָרוועסע פיס אונ געטראכט וועגנ די רויטע. „צוליב וואָס האָבנ זיי געזוכט דעמ סוינע, אונ געפינענדיק אימ — פארמאטערטע, אויסגעהונגערטע, גייענ זיי ווידער אוועק אינ דער טײַגע, וואָס איז נאָכ שרעקלעכער ווי דער סוינע".

ער האָט געהערט דעמ גועלנ אונ ערשט איצט האָט ער פארשטאַנענ, אונ איז געווענ איבעראַשט פונ זייער איבערגעגעבנקײַט צו זייער אָרעמע שייוועט.

„נײנ, זיי זײַנענ ניט קיינ סאָלדאטנ, ווי אינ טשומוקאנ האָט געזאָגט כאטשימאס!"

אַלעשעק האָט אָנגעטאָנ די אַלאַטשנ, פאַנאַנדערגעוואָרפנ דעמ שנײַער, אראָפגענומענ פונ צווײַג דעמ ווינטשעסטער אונ צוגעגאַנגענ צו נעביוואַיעוונ.

ער האָט אימ דערלאַנגט ביידע הענט אלס צייכנ פונ אכטונג ווי פאר אנ עלטערנ מענטשנ. אונ נעביוואַיעוו האָט א טראכט געטאָנ, אַז אַלעשעק געזעגנט זיך. נאָר האָט מאנכע געטאָנ צו שיידנ זיך.

— דו גייסט אוועק? נו, זײַ געזונט.

— נײנ! — האָט געענטפערט אַלעשעק. — רופ מיר אַנ דאָס אָרט, וו מע קאָנ ווערנ א באָלשעוויק. אויב מע דארפ, וועל איך גייג מיט דיר בוזנ גרויסנ טײַכ וואָס נאָכנ שטיינערנעמ דזשוג-דזשור. דאָרטנ, זאָגט מענ, איז אויך טײַגע.

נעביוואיעוו האָט אים שטאַרק געדריקט די האַנט.

— און ווײַטער ווילסטו ניט? איג שטאָט? דאָרט איז ניטאָ קיינ טײַגע.

— אויב מע דארפ, וועל איכ גיינ מיט דיר אינ שטאָט. וואָס גע־זאָגט, איז געזאָגט. נעמ מיכ מיט.

ניקיטשעג האָט געשלעפּט אָלעשקענ פארנ ווינטשעסטער צו די הירשנ.

— וואָס טוסטו? ניט איכ, ניט כאטשימאס וועלנ דיכ מער ניט זענ. דו וועסט זײַנ ווי א טויטער.

— וואָס געזאָגט, איז געזאָגט.—האָט איבערגעכאזערט אָלעשעק.—קומ מיט אונדז, אונ דו וועסט אויכ זײַנ אזא ווי איכ.

— איכ וויל זײַנ אזא ווי בונדזשי.

— איכ וויל ווערנ אזא ווי די באָלשיקעס. קומ מיט אונדז.

זיי האָבנ געוואָלט איינס אונ דאָס זעלבע.

אָבער ניקיטשענ האָט געזאָגט:

— איכ וועל ניט גיינ. אונדזער געזעצ הייסט אונדז לעבנ אונ שטארבנ אינ דער טײַגע.

ניקיטשענ האָט זיכ פאנאנדערגעוויינט. פארצווייפלונג האָט אָנגע־פילט איר הארצ. אונ צו דעמ אלצ איז נאָכ צוגעקומענ פאהדראָס. דער טונגוס זאווידא האָט פארקויפט די רויטע דעמ הירש מיט די גלעקע־לעכ, אפ וועלכנ זי איז געפאָרנ, אונ צוויי זעקלעכ מעל. ער וועט בא־קומענ דערפאר גוט באצאָלט, ווענ ער וועט קומענ אינ לאגערונג. אונ וועט זאָגנ די יעגער: „גייט אפ הירשנ קיינ איאנ נאָכ פולווער אונ מעל אונ פארוסינע". אונ זי, ניקיטשענ, וועט גיינ קיינ טשומוקאנ צופוס, ווײַל שווער זײַנעג בא זאווידאנ די פעק.

די פארטיזאנער זײַנענ אוועק אינ דער טײַגע שטויסנדיק פאָרויס זייערע מידע פיס. אָלעשעק האָט געפירט דעמ הירש מיט די גלעקעלעכ. אונ די פיכטעס, אָנגעטאָנענע אינ בלויע נאָדלענ, האָבנ געשאָקלט מיט די לאפעס, ווי זיי וואָלטנ באגיטיקט זייער מוט.

אונ ניקיטשענ, מיטנ פאָנעמ געווענדט נאָכ די אוועקגעגאנגענע, איז לאנג געשטאנענ אפ דער סטעזשקע.

12. א רייַזע אינ דער געגנוואַרט

צענ יאָר האָבנ זיכ דורכגעטראָגנ איבער די טונגוסישע לאַגערונגענ, אונ איינע א יול-נאַכט האָט זיכ אַראָפּגעלאָזט איבער טוגור. דער פעלדז סיראַדזשאַק האָט זיכ אָנגעריירט אָנ די שטערנ. זיי זייַנענ געווענ ניט קיינ סאַכ אינ דעמ נעפּלדיקנ הימל. צופוסנס דעמ פעלדז איז ווי וואַ-סער אינ יעדער פאַרטיפונג געשטאַנענ די פינצטערניש. דער יאַמ איז געשלאָפנ. אונ אָפנ ברעג האָבנ זיכ געלאָזט הערנ פאַרוואונדערטע אויס-געשרייענ פונ פרויענ, אויסרופנ פונ מענער אונ געלעכטער. אינ א זייַט איבערנ טייַכ האָבנ געברענט שייַטערס. א האַמוינ איז געשטאַ-נענ אינ דער פינצטערניש באַמ פעלדז.

— קוק, אולקאַ! — האָט געשריִענ א יונגער באָכער.

— איכ זע ניט, טשילבאָריק. ווּהינ קוקנ, זאָג מיר.

— קוק אפ סיראַדזשאַק, ווו עס הענגט א שטיק ווייַסע פאַרוסינע.

אונ די אַלטע צוזאַמענ מיט אַנדערע האָט אויסגעקערעוועט צומ פעלדז איר מוטנעמ בליק. אירע אויגנ, וואָס דער רויכ פונ שייַטערס האָט אויפגעגעסנ פאַר איר לאַנג לעבנ, האָבנ קימאַט גאָרניט געזענ.

לעבנ איר איז געשטאַנענ ניקיטשענ, האַלטנדיק אפ די הענט איר קלייניקנ זונ. דאָס קינד איז געשלאָפנ. ניקיטשענ, פאַרגעסנדיק וועגנ דעמ, האָט געשריִענ, געטאָפּעט מיט די פיס פאַר פרייד. זי האָט גע-זענ אָפנ ווייַסנ לייַוונט אינ שוואַכנ קאָנומ פונ שייַנ וווּנדערבאַר-ע שאָטנס. זיי האָבנ געוויינט, געלאַכט, געאַרבעט. דערנאָכ האָט זי דער-זענ א ברייטנ טייַכ, ווו אָפנ ברעג האָבנ געאַרבעט מענטשנ.

א שטימ פונ דער פינצטערניש האָט געזאָגט אפ רוסיש:

— דאָס בויט מענ דעמ הניעפראָבוי, באַווייריומ טונגוסנ!..

ניקיטשענ האָט זיכ אויסגעקערעוועט, נאָכגעשפּירט נאָכנ פּאַס שייַנ, וואָס איז געפאַלנ ווי א ברייטער עק פונ א זילבערנעמ ביבער אונ ווידער אָנגעשטעלט די אויגנ אָפנ לייַוונט. קיינ טייַכ איז שוינ ניט געווענ. טאַטאַ וואַטשאַנאַרזע האָט געקוקט פונ דאָרט אפ די טונגוסנ מיט טרויעריקע אויגנ.

רייַטער האָבנ זיכ געטראָגנ אינ די בערג. די טונגוסנ האָבנ זיי אונ-טערגעטריבנ מיט געשרייענ. איבערנ האַמוינ איז געשטאַנענ א געפּילדער

אונ די רײַטער האָבנ זיכ אלצ געטראָגנ, אָניאָגנדיק אײנער דעמ אנדערנ. אונ ניקיטשענ איז אזוי געוואָרנ אופגערעגט, אז זי האָט אפילע ניט געקענט שרײַענ. שווערער אָטעמ האָט זיכ ארויסגעריסנ פונ גאָרגל. דאָס הארצ האָט שטארק געקלאפט. ווענ מע האָט נאטא וואטשנארזע אָנגעיאָגט, האָט ניקיטשענ אָנ באוווסטזײַנ זיכ אראָפגעלאָזט אפ די שטײנער. דאָס קינד האָט זיכ צעוויינט. עמעצער האָט זי אונ דאָס קינד אָפגעטראָגנ אָנ א זײַט, אוועקגעלײגט אפנ קאלטנ גראָז.

ניקיטשענ האָט זיכ אופגעכאפט אונ דערהערט א באקאנט געלעכטער. דאָס האָט אָלעשעק געלאכט, אָנבײגנדיק זיכ איבער זײַנ ווײַב אונ זונ.

פאר אָלעשעקנ אלײנ איז דער קינאָ שוינ געווענ ניט קײנ נײַס. ער האָט זיכ צוגעזעצט צו ניקיטשענ אונ גענומענ אָנשטאָפנ זײַנ ליולקע.

לעבנ זײ אפנ גראָז זײַנענ געזעסנ צוויי יינגלעכ. זײ האָבנ ניט גע־האט קײנ בילעטנ, וועלכע אלע האָבנ באטאָגנ געקויפט בא די רוסנ פאר א צענער. די יינגלעכ האָבנ באדארפט בלויז אויסקערעווענ די קעפ, קעדיי צו דערזענ דעמ לײַוונט אונ די בילדער. אָבער זײ האָבנ זיכ אָפגעקערעוועט פונעמ פעלדז. זײערע אויגנ, פול מיט טרערנ, זײַנענ געווענ געווענדט אינ דער פינצטערניש צומ ברעג טײַכ, ווו עס האָבנ זיכ געלאָשנ די איבערגעלאָזטע שײַטערס.

איבערנ יאמ האָט זיכ אופגעעפנט א שמאָל שפארונקעלע באגינענ. דער צופלומ האָט געשוואנקט די שטײנער. די טונגוסנ, מידע פונ דעמ וואָס זײ האָבנ געזענ, זײַנענ אנשלאָפנ געוואָרנ אפ די שטײנער, ווארטנדיק אפ נײַע בילדער. א גאנצער שיוועט איז געשלאָפנ צופוסנ דעמ פעלדז סיראדזשאָק. פונ אימ האָבנ איצטער זיכ געצויגנ איבערנ ברעג פונ דער בוכטע הײַזער אונ געבײַדעס פונעמ פיש־געווערב. די דעכער האָבנ געהעלט אונ געטריקנט. די זעגלענ פונ די שאמפאָנקעס * האָבנ באפליגלט דעמ פרימאָרגנ. א דאמפשיפל האָט געהודעט באמ קלײנינקנ האפנ.

באמ ארײַנגאנג אינ דער בוכטע האָט ווי א גרויער בארג זיכ גע־הויבנ פונ וואסער א שווימענדיקער קאָנסערוונ־זאוואָד. ער איז געזעסנ

* שאמפאָנקעס — א כינעזישע פישער־שיפ מיט א פלאטשיקנ דעק.

טיפ ווי א פאַנצער־שיפ. זײַנ ווײַסער ברייטער קוימענ מיטנ אָראַנזשעווענ קרײַז האָט קוימ גערויכערט. קונגאַסנ* מיט פיש האָבנ לאַנגזאמ געפויזעט לענגויס זײַנ באָרט. אפנ האָריזאָנט זײַנענ געלעגנ די שאַנטאַרער אינדזלענ. אפ די טוגורער פיש־געווערבנ האָט מענ איצטער גערוט. די האָרבושע איז שוינ דורכגעגאַנגענ און די זומערדיקע קעט האָט זיכ נאָכ ניט באַוויזנ.

אפ די געווערבנ איז נעכטנ געקומענ צו פאָרנ א באַוועגלעכער קינאָ פונ דער קולטור־גרופּע פונעמ צאָפנ־קאָמיטעט. וועגנ דעמ, אז מע וועט באַווײַזנ קינאָ, איז שוינ מיט א צײַט פריִער באַוווּסט געוואָרנ אינ די לאַגערונגענ. פונ בורוקאַנ איבערנ טוגור האָבנ זיכ אַראָפּגעלאָזט די פאַמיליעס פונ בעטאַליער שייוועט. פונ אולבאַנ איז געקומענ אפ הירשנ דער דאָלגירער שייוועט און דער בעטיוניִשער שייוועט איז געקומענ אפ א שאַלאַנדע פונ שאַנטאַר.

ניט טשילבאַריק, וואָס איז שוינ געוואָרנ א באָכער, ניט זײַנ פאָטער וואַסילטש, ניט אולקע, וועלכע האָט זיכ שוינ געקליבנ שטאַרבנ,— האָבנ ניט דערקענט די ערטער פונ זייערע איינזאַמע לאַגערנ.

ארומ די געווערבנ זײַנענ איצט זומער און ווינטער געשטאַנענ לאַגערונגענ. די טײַגע האָט זיכ אָפּגערוקט, איבערגעלאָזט בלויז פּניאָקעס. די יעגער זײַנענ געגאַנגענ נאָכ כײַעס און ווידער אומגעקערט זיכ צומ יאמ.

קיינער האָט ניט געפּאַטערט קיינ ראָוודוגע אפ אוראַסעס, ניט געקויפט קיינ בערעסטע. ווינטער און זומער האָט מענ געוווינט אינ יורטעס, באַדעקטע מיט ברעטער און פאַרפּאַקליעוועטע מיט מאָכ.

דער טאָג איז געשטאַנענ א וואַרעמער. דער באַוועגלעכער קינאָ איז אוועקגעפאָרנ ווײַטער קיינ טשומוקאַנ.

דער בעטאַליער שייוועט האָט אַראָפּגענומענ זײַנע בײַדלעכ. דער דאָלגירער שייוועט האָט אָנגעזאָטלט די הירשנ, און דער בעטיוניִשער שייוועט האָט זיכ פאַנאַנדערגעזעצט אינ דער שאַלאַנדע. דאָ זײַנענ געווענ אָלעשעק מיט ניקיטשענ, באַטשימאַס, טשילבאַריק מיט וואַסיליטשנ, צוויי פאַמיליעס פונ דעמ בעטיוניִשנ שייוועט און דריי פונ א פרעמדנ שייוועט.

---

* קונגאַס—ניט קײַנ גרויסע פישער־שיפ אָנ זעגלענ.

פונעמ דאמפשיפל אינ דער שאַלאַנדע איז אַראָפּגעשפּרונגענ אַ מענטש אינ אַ רעקל פונ יאמ-הינטישע פעל. זײַנע אויגנ האָבנ געקוקט פריילעכ אונ קעגנ אימ האָט זיכ אויפגעהויבנ פונ באַנק אַלעשעק, אונ ברייט האָט אַ שמייכל געטאָנ ניקיטשענ.

— זעצ זיכ אהער, קאָמיסאַר.

אַלעשעק האָט נאָכ אַלצ, לויט זײַנ אַלטער געוווינהייט, גערופנ נעביוואַיעווג קאָמיסאַר, כאָטש יענער איז שוינ לאַנג געווענ ניט קאָ־מיסאַר, נאָר דירעקטער פונעמ זעגמיל אונ שעפ פונ שאַנטאַרער בויונג.

די בעטיונער האָבנ זיכ אָפּגערוקט, קעדיי געבנ אימ אַנ אָרט. די טונגוסנ פונעמ פרעמדנ שיוועט האָבנ אַראָפּגענומענ די היטלענ אונ פרײַנטלעכ אַ נייג געטאָנ אימ מיטנ קאָפּ.

נעביוואַיעוו האָט זיי געדריקט די הענט, דערנאָכ אוועקגעזעצט אונ זיכ אַרומגעקוקט אויפנ ברעג. ער איז געווענ צופרידנ אי מיטנ ברעג אי מיט דער זונ, וואָס שפּרינגט הינטער דער קאָחמע, אי מיט דער נעכטיקער נאַכט באַמ פעלדז סיראַדזשאַק. נאָכ דרײַ פאַמיליעס האָט זיכ אימ אײַנגעגעבנ פאַרווערבירנ קיינ שאַנטאַר.

נעביוואַיעוו האָט געגעבנ ניקיטשענ אַ פּאַפּיראָס. יענע האָט עט־לעכע מאָל אַ צי געטאָנ, דערנאָכ ניט באַמערקטערהייט אַרויסגעוואָרפנ אַריבערנ באָרט אונ פאַרויכערט אַ ליולקע.

— נו, ניקיטשענ, געפעלנ דיר נעכטנ דער קינאָ? — האָט געפרעגט נעביוואַיעוו.

ניקיטשענ האָט פאַרמאַכט די אויגנ אונ מיט דער טונקעלער האַנט אָנגערירט זיכ באַמ שטערנ.

— דער קאָפּ טוט וויי!.. שרעקלעכנ.. — אונ דערנאָכ צוגעגעבנ — אַ מענטש האָט נאָר איינ שאָטנ אונ איר האָט זיי אַ סאַכ. אי באַ דער זונ אי אינ דער פינצטערניש, ווענ אַפילע די ביימער פאַרלירנ זיי.

אַלעשעק האָט זיכ שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט, איבערגעקערט זיכ אויפנ רוקנ, געבויטשעט מיט די פיס אינדערלופטנ. זײַנ פרייד האָט ער אויסגעדריקט ווי אַ קינד, כאָטש זײַנ פּנים איז געווענ מענעריש אונ שיטערע מאָנגאָלישע וואָנצעס זײַנענ געהאַנגענ איבער דינעמ מויל.

נעביוואַיעוו האָט מיט אַ שמייכל געקוקט אויפנ לאַכנדיקנ אַלעשעק,

אפ דער שווײַגנדיקער ניקיטשענ. זי איז געווענ שיינ. מיט אנ אָפּנע־דעקטנ קאָפּ — א צייכנ פונ א כאסענעגעהאטער, מיט אנ אָפענעמ קוק פונ טוקל־קארע אויגנ אפנ טונקעלנ ניט איבעריק ברייטנ פּאָנעמ, איז זי ווייניק געווענ ענלעכ אפ א טונגוסקע. אָבער דעמ זונ אירנ האָט זי ווי אלע פרויענ פונ איר שייוועט געהאלטנ אפנ פּלייצע אינ א בער־רעסטענ ווייגל.

— גענומענ זי פאר א ווײַב? — האָט געזאָגט נעביוואיעוו.

— ווי דענ, ווי דענ! — האָט פרייליק געענטפערט אָלעשעק.

דער דאָזיקער באקאנטער אויסרופ האָט פלוצלינג דערמאָנט נעבי־וואיעוונ די דזשוגדזשורער טײַגע און די מארשנ אפנ פראָנט אונטער איר־קוטסק, ווענ ער פלעגט שטענדיק זענ לעבנ זיכ דעמ אייביק פריילעכנ אונ איבערגעגעבענעמ אָלעשעק.

— „ווי דענ, ווי דענ“... — האָט פארטראכט איבערגעכאזערט נע־ביוואיעוו — לאנג האָבנ מיר מיט דיר זיכ ניט געזענ, אָלעשעק. — עס קומט אלצ ניט אויס צו באגעגענענ זיכ. איכ בינ אפ דער זענ־מיל — דו אינ דער טײַגע מיט אנ ארטעל. דערציילֿ, א סאכ הירשנ האָסטו אָפּגעגעבנ פאר ניקיטשענ?

אָלעשעק האָט געענטפערט ניט מיטאמאָל. ווייניק ווערטער קומענ אפנ צונג. אָלעשעק האָט אויסגעשפּיגנ אריבערנ באָרט, אופגעהויבנ זיכ אונ איבערגעזעצט זיכ נעענטער צו נעביוואיעוונ. אָנגעטאָנ איז ער געווענ אינ רוסישער קליידונג פונ א וואלד־העקער — אינ איטשיגעס, איבערגעבונדענע מיט א שטריקל, אינ א געוואטעוונער בעקעשע. אָבער די אלטע געשטאלטנ האָבנ נאָכ געלעבט אינ אימ.

— לאנג וועלנ מיר שווימענ ביז שאנטאר, מע קענ נאָכ דערציילנ. אָבער דו אליינ ווייסט א סאכ... איכ האָב ניט געצאָלט פאר ניקיטשענ קיינ הירשנ, ניט גענומענ פונ איר קיינ ראָוודוגע אפ אנ אוראסע, גענומענ בלויז איינ סעוואָקינ — א ווײַסנ הירש, דעמ סאמע פרײַענ. דעמ סאמע פלינקנ — ניקיטשענס הארצ, אונ געבראכט אימ צו פירנ פונ דער טײַגע אפנ ארקאנ פונ לאנגע טעג; אזוי ווערט געזאָגט אינ אונדזער א ליד — אונ אָלעשעק האָט אָנגעהויבנ זײַנ דערציילונג פונ דעמ, ווי ער, צוזאמענ מיט נעביוואיעוונ, האָט מיט פיר יאָר צוריק זיכ אומגעקערט קיינ טשומוקאנ.

13. „אפנ ארקאנ פונ לאנגע טעג“

יעדנ פרילינג פלעגט וואסילטשא מיט זײַנ פאמיליע זיכ אראָפּלאָזנ פונ שילער בערג אונ שטעלנ זײַנ אוראסע אפנ ברעג טוגור.

טשילבאָריק איז פאר די זעקס יאָר אויסגעוואקסנ, אָבער ווי פריִער האָט ער ליב געהאט ארופקלעטערנ אפנ פעלדז, שטיינ איבערנ אָפּגרונט אונ קוקנ אפנ יאם, אונ דערמאָנענ זיכ אָנ די בלויע פוסטנ, וועגנ וועלכע אולקע האָט אימ אמאָל דערציילט.

איינמאָל האָט ער דעריזענ ווי אינ אײַנגוס איז ארײַנ א שיף אונ פארוואָרפנ דעמ אנקער. „צי זײַנענ דאָס ניט די זעלבע מענטשנ, וועלכע האָבנ אמאָל געזוכט דאָס אלטע הויז“ — האָט א טראכט געטאָנ טשילבאָריק אונ געלאָזט זיכ לויפנ פונעמ פעלדז, קעדיי באגעגענענ די שיפלעכ, וואָס מע האָט אראָפּגעלאָזט פונ דער שיף.

די שיף איז געווענ אנ אנדערע, אונ מענטשנ זײַנענ דאָרט געווענ א סאכ. זיי האָבנ געבראכט נעצנ, זעגנ, אונ האָבנ ניט געזוכט ניט דעמ קעסל, וואָס איז פארגראָבנ אונטערנ פעלדז, ניט דאָס אלטע הויז.

„ניינ, דאָס זײַנענ ניט יענע מענטשנ“ — האָט געטראכט טשילבאָריק. אָבער איינ מענטשנ האָט ער דערקענט. אנומלטנ באנאכט, בא די אײַלגהירשענע קוואלנ, איז טשילבאָריק געזעסנ אפ זײַנע קני אונ די הירשנ האָבנ געטרונקענ וואסער פונ דעמ בערעסטענעמ מולטער.

אונ א צווייטער מענטש האָט אימ אויכ אויסגעוויזנ ווי באקאנט, אָבער אָנגעטאָנ איז ער געווענ מעשונעדיק. טשילבאָריק האָט קיינמאָל ניט געזענ קיינ רויטארמייִשנ שינעל.

דער דאָזיקער מענטש איז מיט פרייד ארײַנגעגאנגענ צו וואסילטשנ אינ אוראסע, אוועקגעזעצט זיכ אפנ קאמאלאג אונ אָנגעהויבנ ריידנ אפ טונגוסיש.

— ווער איז איצטער דער קאָפּ אינ טשומוקאנ? — האָט ער געפרעגט.

— טשעקארענ, — האָט געענטפערט טשילבאָריק.

— ווער איז איצטער שטארק אינ טשומוקאנ?

— דער סיבער גריבאקינ אונ דער אוריאדניק מאטווייטש.

— ווער איז איצטער רײַכ פונ די טונגוסנ?

— אָסיפּ גראָמאָוו אונ זײַנ זונ פּראָקאָפּי.

— ווּ־זשע איז באַטשימאַס פונ בעטיונישנ שײוועט?

— גײ אינ טשומוקאַנ, וועסטו זיכ דערוויסנ אַלצ! — האָט גענעט־פערט טשילבאָריק, וועלכנ עס האָבנ דערעסנ די דאָזיקע פראַגנ.

דער מענטש האָט זיכ טאַקע אופגעהויבנ אונ אַוועקגעלאָזט זיכ אַי־בער טשומוקאַנער סטעזשקע.

ער האָט אַראָפּגענומענ דעמ שינעל אונ האָט אים געטראָגנ אונ־טערנ אָרעמ ווי אַ הירשענע פעל.

די מענטשנ אופנ ברעג האָבנ געטומלט, אײַנגעאָרדנט דעמ לאַגער. זיי האָבנ געוואַלגערט דעמ וואַלד, געצונדנ גרויסע שײַטערס. די שיפּ איז געשטאַנענ אפ אַנ אָרט.

— אונדז וועט אויסקומענ ווידערהאַמאָל אַריבערצוואַנדערנ פונ טונגור צו די אײלנהירשענע קוואַלנ — האָט געזאָגט אולקע טשילבאָריקנ.

— מיר וועלנ אויסוואַרטנ. — האָט ער געענטפערט. — איך האָב געהערט, די גיליאַקנ האַקנ אויכ וואַלד בא די זיבנ טײַכנ אונ יאָגנ אים מיטנ וואַסער צומ אַמור. איך האָב געהערט, צו שאַנטאַרער אינ־דזלענ זײַנענ געקומענ שיפנ. דאָרטנ האָבנ זיכ באַזעצט מענטשנ אונ בויענ עפּעס.

— טשילבאָריק איז גערעכט, — האָט געזאָגט וואַסילטשא — מיר וועלנ אָפּרוקנ אונדזער לאַגער אַ ביסל ווײַטער אונ מיר וועלנ צור־וואַרטנ. אונ ווער איז דער מענטש, וואָס איז אַוועק אינ טשומוקאַנ, האָב איך זיכ דערמאָנט. דאָס איז דער יעגער אונ דער פּאַסטעכ אָלעשעק.

אויכ אינ טשומוקאַנ האָט מענ קוימ דערקענט אָלעשעקנ. ער אי, געקומענ אַהינצו אופנ פינפטנ טאָג אַ מידער. ער האָט זיכ אָפּגע־ווינט צו גײנ איבער דער טײַגע, אונ ווענ ער האָט, ענדלעכ, דערזענ טשומוקאַנער זאַמדבאַנק, האָט ער זיכ צוגעזעצט אופנ זאַמד אונ לאַנג געהערט דעמ פּײַפּ פונ די וואַלדשנעפּנ.

טשומוקאַנ איז ווי פריִער געווענ אָרעמ אונ קלײנ. צווישנ די טונ־קעלע יורטעס האָט געבלישטשעט דער דאַכ פונ גריבאַקינס הויז. דער בעטיונישער שײוועט איז געשטאַנענ אופנ ברעג פונ טײַכ אוד.

אָלעשעק איז געקומענ אינ ראַט אונ געטראָפנ דאָרטנ בלויז גריי־

באקינענ. דער סויבער האט לאנג געקוקט אפ אָלעשעקס שיכעל. זײַנ גאליק פּאָנעם האט געקוקט אָנגעכמורעט, אָבער אָלעשעק איז שטיל געשטאנענ פאר אים, ענדלעכ געזאָגט:

— וואָס טוסטו דאָ, סויבער?

— דו זעסט דענ ניט, אז דער ראט איז אינ מײַנ הויז? — האט הויכ געענטפערט גריבאקינ.

— ווו איז כאטשימאס?

— כאטשימאס איז דער קאָפּ אינ ראט, אונ איצטער כאפּט ער קאָריושקע.

אָלעשעק איז אוועק, מער וועגנ גאָרניט געפרעגט.

די לאגערונג איז געשטאנענ אפנ זעלבנ פּליינ. דער טונקעלער טײַכ האט געשטראָמט אריבער דער זאמד-באנק.

די יינגלעכ, וואָס האָבנ געשפּילט אינ ביינדלעכ, האָבנ דערזענ אָלעשעקנ, א ביסל געקוקט אפ אים אונ איבערגעביטנ די שפּיל. זיי האָבנ אוועקגעשטעלט די ביינדלעכ אינ א קרײַז, אוועקגעלייגט אינ-מיטנ א שפּענדל, אונ האָבנ אָנגערופנ די שפּיל „מאטא-אָמאָרענ“ — „א גאסט איז געקומענ“.

אָלעשעק האט געפרעגט בא זיי, ווו איז כאטשימאס כאלטארמע.

דאָס איז שוינ געווענ ניט קיינ כאלאטארמע, נאָר אנ עמעסע אוראסע, געדעקט ביז אראָפּ מיט צווייענדיקער ראָוודונע.

פונ אוראסע איז ארויסגעגאנגענ א מיידל. אָלעשעק איז פריידיק צוגעלאָפנ צו איר.

— ניקיטשענ!

דאָס מיידל איז אָפּגעטראָטנ.

— ניקיטשענ — האט ער איבערגעכאזערט.

זי האט געשאָקלט מיטנ קאָפּ. עס האט זיכ אלצ ניט געגלייבט, אז דאָס איז אָלעשעק. דערנאָכ האט זי אויסגעשריענ, פאנאנדערגעלאכט זיכ, אויסגעשטרעקט צו אים די האנט.

זיי זײַנענ ארײַנ אינ אוראסע. בא די ווענט זײַנענ געלעגנ קאמאלאנענ, ענלעכע אפ שאכמאט-ברעטער, פונ פירעקיקע שווארצע אונ ווײַסע פעל. איבערנ אייוועלע איז געהאנגענ עמאלירטע געפעס.

— רײַכ איז דײַנ הויז, — האט פארטראכט געזאָגט אָלעשעק. ער

איז געזעסן, פלייסנדיק זיך ניט צו קוקן אף ניקיטישען, ווי נאָר ער האָט אופגעהויבן די אויגן, אזוי האָט זי געכאַפּט א פעל, וואָס האָט זיך געוואַלגערט באַם אייוועלע, און אָנגעהויבן צו פּאָרקען זיך מיט איר.

דאָס איז געווען ניט פון פאַרשעמטקייט, נאָר א מאַנצבל דאַרף ניט זען קיין פרוי אָן אַרבעט.

— לאָז אָפּ די פעל. — האָט א שמייכל געטאָן אָלעשעק. ער האָט מיט אופמערקזאַמקייט און צאַרטקייט א קוק געטאָן אף ניקיטישען. זי האָט אים אויסגעוויזן צו הויך פאַר א טונגוסקע, צו שמאָל איז געווען איר פּאָנעם און ניט איבעריק שוואַרץ די אויגן. צי ניט דער־פאַר האָט זי קיינער ביז איצטער ניט גענומען פאַר א ווייַב? דאָס טיכל, וואָס האָט צוגעדעקט אירע צעפּ, איז געווען א סימען, אז זי איז נאָך א מיידל. אין אויער האָט געבלישטשעט אַן אוירינגל. אפן גאַרטל איז באַ איר געהאַנגען א זילבערנע קייטעלע פון דער ליולקע און א קופּערנע גאָרל־שיידל.

— וויפל טעג איז אַוועק, אז מיר האָבן זיך צעשיידט? — האָט געזאָגט אָלעשעק. — דו האָסט געציילט, ניקיטישען?

— איך קען ניט ציילן. ווען די זון פלעגט אופגיין, האָב איך געזאָגט טאָג, ווען די זון פלעגט פאַרגיין, — האָב איך געזאָגט נאַכט. אָבער איך האָב געוואַרט אף דיר לאַנג.

ניקיטישען האָט אָפּגעלאָזט די פעל, אַרויסגענומען פון לעדערנעם זעקעלע אַן אָדערל מיט פאַטשערקעס און אופגעשפּנט דאָס נאָדל־שייַ־דעלע. זי האָט געהאַלטן אין אויסנייען, ווען אָלעשעק איז געקומען. קימאַט א גרייטע קאַפּטאַרגע איז געלעגן לעבן איר אפן קאַמאַלאַן און די אויסגעניייטע בלומען אף דער קאַפּטאַרגע — פּאַלמעס, סמאָר־ליעווקעס און מאָן איז שוין געווען באַקאַנט אָלעשעקן.

— פאַר וועמען נייסטו ווידער אויס א קאַפּטאַרגע?

ניקיטישענס פּאָנעם איז פינצטער געוואָרן. זי האָט אָפּגעקערעוועט איר קוק אָן א זייַט.

— פאַר פּראָקאָפּי.

„אָט פונוואַנען עס איז די ראָוודוגע אף דער אוראַסע, דאָס טייַ־ערע געפּעס, דאָס קייטעלע אף ניקיטישענס גאַרטל“ — האָט געטראַכט אָלעשעק.

— רײַכ איז דײַנ הויז. — האָט ער נאָכאַמאָל געזאָגט בײז.

— אַלצ, וואָס דו זעסט, האָט אונדז געגעבנ דער סויכער גריבאַקינ אפ באָרג. דערפאַר ווײַל באַטשימאַס איז דער קאָפ אינ ראַט.

ניקיטשענ האָט עס געזאָגט מיט שטאָלצ. ניט יעדערנ גיט דער סויכער אפ באָרג.

אַלעשעק האָט גאָר ניט געענטפערט, געוואָרנ נאָכ בײזער. אויפגעהויבנ זיכ און אַרויס.

ערשט דעמאָלט האָט ניקיטשענ באַמערקט, אַז ער הינקט עטוואָס אונטער און אימ טוט וויי.

„צי האָט ער ניט פאַרזעסנ קײנ פוס אפנ קאַמאַלאַנ?" — האָט זי אַ טראַכט געטאָנ.

אַ גאַנצנ טאָג איז אַלעשעק אַרומגעגאַנגענ איבער דער לאַגערונג. די שכײנימ האָבנ גאַסטפרײַנטלעכ אימ אויפגענומענ. זײ האָבנ געוווּסט, אַז אַלעשעק האָט מילכאָמע געהאַלטנ קעגנ די סאָנימ פונ דער ראַטנ־מאַכט, אַז ער איז פאַרווונדעט אינ פוס און קענ איבערלײענענ ווער־טער אפ פאַפיר.

אָבער דאָס, וואָס ער האָט געהערט פונ די טונגוסנ, האָט אימ ניט געפרײט.

ווי אַ שוואַכער ווינט האָבנ דורכגערוישט די יאָרנ איבער דעמ דאָזיקנ ברעג. די נויט האָט ווי פריִער געוווינט אינ די אוראַסעס. מיט אַ יאָר פיר צוריק האָט אומגעריכט זיכ אומגעקערט דער אוריאַדניק מאַטווייִטש. ער איז איצטער געווענ שטיל און אָנ אַ שווערד בײַ דער זײַט. אָבער עמעצער האָט אימ ווידער געמאַכט פאַרנ באַלעבאָס פונ דער פאַקטאָריע. ער האָט פאַרקויפט אַ ציגל טיי אָנדערהאַלבנ מאָל טײַערער ווי דער סויכער גריבאַקינ. און דער סויכער — צוויי מאָל טײַ־ערער ווי פריִער.

באַטשימאַס איז געווענ דער קאָפ אינ ראַט, אָבער טשעקאַרענ האָט זיכ גערעכנט דער עלטסטער אינ שײוועט און האָט געהאַלטנ בײַ זיכ דעמ שטעמפל.

און די אָוועגער האָבנ געמײנט, אַז אַזוי דאַרפ זײַנ.

אַלעשעק האָט זיכ באַזעצט אינ דער אוראַסע בײַ דעמ טונגוס יע־גאָר, אָפגעגעבנ דערפאַר דרײַ פעקלעכ טאַבעק.

ער האָט גערופנ צו גאסט צוויי יונגע פאסטעכער אונ דריי סאמע אָרעמסטע יעגער פונעם בעטיונישנ שייוועט. ער האָט זיי מעכאבעד געווענ מיט טיי, מיט געבאקטנ ברויט אונ צוקער.

די ברייטהארציקייט האָט אימ ניט פארלאָזנ.

ער האָט געזאָגט צו די פאסטעכער אונ צו די יעגער:

— מיכ רופט מענ איצטער באָלשעוויק. פארגעדענקט עס. איכ האָב זיכ אויסגעלערנט צו דערקענענ ווער איז א סוינע די אָרעמע מענטשנ. אונ אייכ רופט מענ אזוי ווי פריִער, אונ די סאָנימ לעבנ ווי פריִער צווישנ אייכ.

— וואָס־זשע דארפנ מיר טאָנ?

— טרייבנ זיי, ווי מע טרייבט ווילדע הירשנ איבערנ טיפנ שניי ביז זיי פאלנ אומ.

א גאנצנ כוידעש האָט אָלעשעק פארבראכט אינ לאגערונג.

ער האָט ניט געכאפט קיינ קאָריושקע—ניט געהאט קיינ נעצנ. ניט געגאנגענ אפ יאגד. געווענ ניט די צייט פונ יאגד.

ער האָט געשפילט מיט די יונגלעכ אפנ ברעג אינ ביינדלעכ. ער האָט צוגעטראכט פאר זיי א נייע שפיל, וועלכע ער האָט אָנגערופנ — „שול”. איינ ביינדל האָט מענ ארומגעבונדנ מיט א פעדעמל אונ געשטעלט אינ א זייט; ווער עס קלאפט אראָפ דאָס ביינדל, דעמ באווייזט אָלעשעק א בוכשטאב. די סאמע טרעפלעכע שפילער האָבנ שוינ געקענט אפ א העלפט דעמ אלעפבייז.

ניקיטשענ פלעגט קומענ א קוק טאָנ אפ דער שפיל. אָלעשעק האָט איר אויכ באוויזנ די בוכשטאבנ. זי פלעגט לאכנ, ווייל זי האָט זיי שלעכט פארגעדענקט.

איר האָט באנק געטאָנ אָלעשעק, ער האָט ניט געכאפט קיינ פיש. מיט וואָס וועט ער זאט זיינ?

יעדנ טאָג פלעגט קומענ אינ איר אוראסע פראָקאָפי, אָבער אָנ אָלעשעקנ איז איר געווענ לאנגווייליק. אָלעשעק איז ווי פריִער געווענ שלאנק אונ געשיקט, אָבער דאָס מעשונעדיקע אָנטאָנ האָט אימ צוגעגעבנ א גרויזאמענ אויסזענ.

ניקיטשענ האָט אימ באוויזנ באטשימאס טשערעדע. צענ מוטער־

הירשנ אונ צענ איאנישע הירשנ. צווישנ זיי איז געווענ איר נײַער סעוואָקינ — א גרויסער א יונגער איילנהירש.

ניקיטשענ האָט דורכגעצויגנ אינ זײַנ אויער א רויטנ פּאָדעמ מיט פּרענדזלעכ. אָלעשעק האָט ניט א קוק געטאָנ אפ נאָר סעוואָקינ.

געענדיקט זיכ דער פאנג פונ קאָרישקע, אונ ניקיטשענ האָט גע-בראכט אָלעשעקנ א פולנ זאק פיש.

— עס. — האָט זי געזאָגט — הײַנטיקס יאָר איז געווענ א גוטער פאנג.

— אויב דער פאנג איז א גוטער, וועלנ מיר זיכ פרייענ. — האָט געענטפערט אָלעשעק. — אָבער ניט אינ דײַנ אורחאסע.

— פארוואָס? — האָט געפרעגט מיט פארדראָס ניקיטשענ.

— זי איז ניט דײַנע אונ ניט כאטשימאס, נאָר דעמ סויכער גרי-באקינס, איר זעט רײַכ דערפונ, ווייל אנדערע זײַנענ אָרעמ.

נאָכ דער קאָרישקע איז א גאנצע וואָכ געגאנגענ האָרבושע, אונ א וואָכ צײַט האָט מענ געטריקנט יוקאָלע, אונ דערנאָכ איז געקומענ יאָנטעוו. אינ יעדער אורחאסע האָט מענ געבאקט קאָגא-פישענע פלע-צעלעכ מיט רויגנ אונ מילכנ. די נעכט זײַנענ געווענ אָנ וואָלקנס. דער יאמ איז געלעגנ א שטילער, דורכגעקנבעדט מיט שטערנ. עס האָבנ געברענט שײַטערס. די מיידלעכ האָבנ געוואַרט אפ טענצ.

אָלעשעק איז דער ערשטער ארויס אפנ זאמדיקנ ברעג אונ אויסגע-רופנ:

— יאכאָר!

די צוויי פאסטעכער אונ די דרײַ סאמע אָרעמסטע פונעמ בעטיו-נישנ שייוועט האָבנ זיכ גענומענ פאר די הענט. די מיידלעכ זײַנענ ארײַנגעטראָטנ אינ קרײַז. ניקיטשענ האָט זיכ געשטעלט צווישנ פראָ-קאָפּי אונ אָלעשעקנ, אונ אלע האָבנ לאנגזאמ זיכ פארדרייט אינ א טאנצ.

אָבער דאָס, וואָס עס האָט אויסגעשרײַענ אָלעשעק אונ וואָס עס האָבנ איבערגעכאזערט נאָכ אימ די פאסטעכער, איז געווענ אומגע-ווײנלעכ.

— דער אוריאדניק מאטווייטש נעמט צענ יועווערקעס פאר א פעקל טאבעק. מיר זײַנענ רײַכ מיט בוועס דעמ סויכער! מיר צאָלנ שטײַער

משעקאַרענענ! די סאָנים לעבנ ווי פריִער צווישנ אונדז! יאָגט זיי ווי הירשנ איבערנ שניי. באַטשימאַס וויל זייַנ רייַכ, קעדיי מיר זאָלנ זייַנ אָרעמ. וואו־זשע איז די ראַטנמאַכט?

די טונגוסנ האָבנ געהערט. אַלע ניינע זייַנענ אַרייַנ אינ קרייַז אונ איבערגעכאַזערט אָלעשעקס ווערטער. דער צופּלום האָט זיכ אָנגעריירט אָנ די פיס פונ די טענצער.

ניקיטשענס האַנט, וואָס האָט געהאַלטנ אָלעשעקנ, איז אָפּגעשוואַכט געוואָרנ. פּראָקאָפּי איז אַרויס פונ קרייַז, רופנדיק נאָכ זיכ ניקיטשענ.

פּלוצלינג איז א שטיינ געפאַלנ אינ סאַמע מיט. א צווייטער האָט דורכגעפּייַפט אונ געטראָפנ ניקיטשענ אינ ברוסט. זי איז געפאַלנ. דער קרייַז איז צעפאַלנ געוואָרנ. אונ אינ דער פינצטערניש אַפנ זאַמד איז געבליבנ איינ אָלעשעק אָנגעבויגנ איבער ניקיטשענ.

ער האָט דערהערט נאָענט לעבנ זיכ גריבאַקינס הייזעריקע שטימ.

— ווי וואַגט איר אַזוי צו ריידנ אונ טראַכטנ?!

אָלעשעק האָט געהאַט קויעכ אויפצוהייבנ זיכ אַפּ א סאָפּקע, טראָגנדיק אַפּ דער פּלייצע א קאַבאַרגע. ער איז צוגעגאַנגענ צו גריבאַקינענ, אויפגעהויבנ אימ אונ א וואָרפ געטאָנ דער כוואַליע אַנטקעגנ. דערנאָכ האָט ער ווידער זיכ אומגעקערט צו ניקיטשענ. זי האָט זיכ שוינ אויפגעהויבנ אונ ביידע האָבנ געזענ, ווי א נאַסער איז דער סויכער געלאָפנ איבערנ ברעג.

אַפּ מאָרגנ איז ניקיטשענ ניט געקומענ צו אָלעשעקנ. ער האָט זי באַגעגנט אַפנ ברעג. איר פּאָנעמ איז געווענ טרויעריק. עס האָט נאָכ ווי געטאָנ אינ ברוסט פונעמ קלאַפּ מיטנ שטיינ. עס האָט נאָכ ווי געטאָנ דאָס האַרצ פונ פאַרדראָס אַפּ אָלעשעקנ. אָבער זי האָט שוינ ניט שטאָלצירט מיט די בויוועכ, וואָס באַטשימאַס איז שולדיק געווענ דעמ סויכער. דאָס זילבערנע קייטעלע איז שוינ ניט געווענ אַפּ איר פּאַס. זי האָט עס באַהאַלטנ, אונ די ליולקע האָט זי געהאַלטנ אינ בוזעמ.

באַמערקט אָלעשעקנ איז ניקיטשענ אַנטלאָפנ, . ער איז אַוועק אינ אַנ אַנדער זייט. אינ די הענט האָט ער געהאַלטנ א זאַק. די געטריקנטע קאַריושקע האָט זיכ אויסגעלאָזט. ער האָט צווישנ די שטיינער

געקליבן טשילימטשיקעס.* וואָס פּעלדזיקער דאָ איז געווען דער ברעג, אַלץ מערער זײַנען זיי געקומען צו די הענט. ער איז שוין דערגאַנגען צו יענעם אָרט, וווּ דאָס היטל אוּאָרטשאַק האָט אַמאָל געפונען די איבערגעקערטע אַמאַראַטשקע. אַלעשעק האָט זיך דערמאָנט ווי ער האָט דעמאָלט געזוכט די פאַרפאַלענע ניקיטשעס. ער האָט אַ שמייכל געטאָן. אים איז געווען אָנגענעם צו דערמאָנען זיך אָן דעם. ער האָט פאַנאַנדערגעבויגן דעם מידן רוקן, אויסגעגלײַכט זיך.

פון וואַלד האָט פּלוצלינג זיך דערהערט אַ געשריי און אַ שאָס. אַ קויל איז דורכגעפלויגן הויך איבער אַלעשעקס קאָפּ. ער האָט דערהערט איר קלאַנג, ווי אַ פּאַכע פון אַ פליגל, און צוגעבויגן זיך צו דער ערד.

פון די דריבנע קוסטעס האָט זיך באַוויזן פּראָקאָפּי אָן אַ ביקס. ער האָט זיך געוואַקלט, טרעטנדיק איבער די שטיינער. אַלעשעק האָט זיך אויפגעהויבן אים אַנטקעגן. אַלעשעק האָט ניט אַרויסגענומען דעם מעסער פון שיידל. ער האָט ניט געקענט גלייבן, אַז אַן אָוועגער זאָל שיסן אין אַ מענטשן.

פּראָקאָפּי איז געווען בלאַס און שיקער.

— איך בין געגאַנגען פון בערישן טײַך, דאָרט פּאַשעט זיך אונדזער טשערעדע. און איך האָב דערזען אַ רום. דאָס האָט ער געשאָסן. ער וואָלט געקענט דיך דערהאַרגענען, אויב איך וואָלט ניט אַ געשריי געטאָן. איך קען אים. דאָס איז מאַטווייטש. ער האָט געלעבט אין אונדזער אוראַסע בײַ די אייזנהירשענע קוואַלן, ווען דו האָסט געפירט די רויטע איבער טשומוקאַנער סטעזשקע. זיי האָבן געפונען דעמאָלט די שוועבעלעך אין די פּעק?

פּראָקאָפּי האָט אַ לאַך געטאָן.

אַלעשעק האָט אים געקוקט אין די שיקערע אויגן. פון דאָרטן האָט אַרויסגעקוקט די נאַרישקייט אַליין.

— וואָס קוקסטו? — האָט געפרעגט פּראָקאָפּי. — דו ביסט מיר מיעקאַנע, וואָס איך בין שיקער. מיר האָבן הײַנט פאַרקויפט גריבאָקי־

* טשילימטשיקעס—קליינינקע, דורכזיכטיקע קרעפּסלעך, געבאַקטע זײַנען זיי זייער געשמאַק.

נענ צענ הירשנ, אָבער אונדזער טשערעדע איז געבליבנ אַזוי גרויס ווי געווענ. קומ צו גײנ, מיר וועלנ דיכ נעמענ פאַר אַ פאַסטעכ. דו וועסט היטנ מײַנע הירשנ און ניקיטשענס סעוואַקינ.

אַלעשעק האָט אויפגעהויבנ אַ זשמעניע זאַמד און צעווייט דאָס אויפנ ווינט.

אַ זאַמדעלע האָט געטראָפנ פּראָקאָפּי אינ אויג. ער האָט פאַרדעקט מיט די הענט דאָס פּאָנעמ.

— דו זעסט, דער ווינט העלפט די פאַסטעכער, וואָס האָבנ ניט אַפילע קײנ אײנ הירש. — האָט געזאָגט אַלעשעק. — דײַנ רײַכקײט וועט דיר ווי דער דאָזיקער זאַמד אויסעסנ די אויגנ. איכ בינ ניט מעקאַנע אָסיפּנ. קײנער וועט מער ניט היטנ אײַער טשערעדע.

אַלעשעק איז אַוועק, פאַרזיכטיק אַרומקוקנדיק זיכ אַפ די קוסטעס, פונוואַנענ עס האָט זיכ דערהערט דער שאָס. ער איז אַריבערגעלאָפנ פונ שטײנ צו שטײנ, פונ בוים צו בוים, ווי די רויטע האָבנ אימ געלערנט צו באַהאַלטנ זיכ פונ סאָנימ.

באַנאַכט האָט אַלעשעק פאַרלאָזט די לאַגערונג, קײנעמ וועגנ דעמ גאָרניט געזאָגט.

ער איז געגאַנגענ צוריק קײנ טוגור.

איבערגעקרײצטע שאָטנס, ווי שפּיזנ, זײַנענ געלעגנ אַפ זײַנ וועג.

אַלעשעק האָט זיכ אומגעקערט קײנ טשומוקאַנ צומ גאַנג פונ דער האַרבסטיקער קעט. אימ האָט געבראַכט צו פירנ אַ שיפ, וואָס די רוסישע האָבנ אָנגערופנ קאָנסערוונ-זאַוואָד נומער 2.

פונ דער שיפ האָט מענ אַראָפּגעלאָזט האַמפּשיפּלעכ. זײ האָבנ זיכ אַוועקגעלאָזט ניט צומ זאַמדבאַנק, נאָר אינ יאַמ אַרײַנ — כאַפנ דאָרט, וווּ טיפער איז.

צומ ברעג זײַנענ צוגעשוואומענ שליופּקעס. די פישער האָבנ זיכ אַרויסגעזעצט אַפנ ברעג און לאַנג אויסגעזוכט אַ באַקוועמ אָרט פאַר די געבײַדעס פונעמ נײַעמ געווערב. דערנאָכ האָט מענ פונקט ווי אינ טוגור אָנגעהויבנ וואַלגערנ וואַלד.

פינפ מאָל זײַנענ אַרײַנ קײנ טשומוקאַנ צווישנ זײ איז געווענ אַלעשעק, נעביוואַיעוו און דרײַ מיטגלידער פונ ,אַרויספאָרגעריכט,

וואָס האָבן שוין באַוויזן צו זײַן אין לאַגער, סאַכאַלין און אין די גיליאַקישע לאַגערונגען.

אַ גרויסער באַקאַנטער הימל איז געהאַנגען איבער דער סאָפּקע סואָרדאָג.

דער רייעך פֿון טײַגע, דער קאָליר פֿונעם דאָזיקן הימל האָט נעביוואיעוו געהיט אין זײַן זיקאָרן. און ווען מע האָט אים פֿאָרגעלייגט אומצוקערן זיך אַף דעם דאָזיקן ברעג און ווערן דער שעף פֿון אַנטמאַרער אײַנדקוילען, איז ער מיט פֿרייד דערויף אײַנגעגאַנגען.

אויך איצטער האָט די דאָזיקע פֿרייד אים ניט פֿאַרלאָזן, ווען ער האָט געזען דעם מאַסיוון פּראָפֿיל פֿונעם שווימענדיקן זאַוואָד איבערן גרויען וואַסער.

אָלעשעק האָט געפֿונען כאַטשימאַסן אין ראַט. דאָ זײַנען געווען יאַקוטן פֿון טשומוקאַן און טונגוסן פֿון דער לאַגערונג, וואָס זײַנען געקומען דערוויסן זיך, וואָס וועלן טאָן די רוסן אַפֿן ברעג. כאַטשימאַס האָט דערקענט נעביוואיעוון און דערפֿרייט זיך מיט אים ווי מיט אַ גאַסט, וואָס האָט אַמאָל געגעסן פֿלייש אין זײַן אוראַסע.

אָבער אָלעשעק האָט געזאָגט:

— פֿריי זיך ניט. דאָס איז געקומען דער געריכט.

און די אָווענער האָט שטאַרק פֿאַרוואונדערט אַזאַ געריכט, וואָס פֿאָרט אַרום פֿון אָרט צו אָרט.

ווי מיט זעקס יאָר צוריק, אין דעם טאָג, ווען די פּאַרטיזאַנער זײַנען געקומען, אַזוי האָט אויך איצטער אויפֿן פּלאַץ זיך פֿאַרזאַמלט דער בעטיונישער שיוועט. הינטער דער פּלייצע האָט שטיל גערוישט דער וואַלד און פֿאָרויס — דער יאַם. און נעביוואיעוו האָט גערעדט וועגן דער האַטנמאַכט. אָבער איצטער האָט ניט כאַטשימאַס, נאָר אָלעשעק איבערגעזעצט זײַנע ווערטער.

און די פּאַסטעכער און די אָרעמסטע פֿונעם שיוועט האָבן צו אים געשריִען:

— מישפּעט!

גריבאַקין איז געשטאַנען אַ געלער, אַן אײַנגעכמורעטער. דער אוריאַדניק מאַטווייטש האָט געציטערט. זײַן פּאָנעם איז געווען שווייסיק. ער האָט געזאָגט, אַז שיסן האָט אים באַפֿוילן גריבאַקין. און

צוגאַנווענענ די שוועבעלעכ — אַסיפֿ. און טשעקאַרענ האָט געגעבנ זײַנ ביקס.

אַסיפֿ האָט אײַנגעשפּאַרט געקוקט אַפֿ די ריכטער און געשאָקלט מיטנ קאָפּ. יאָ, מאַטווייטש האָט געלעבט אינ זײַנ אוראַסע. אָבער אַסיפֿ האָט ניט געוווּנטשנ דעמ טויט די רויטע, וועגנ די שוועבעלעכ ווייס ער גאָרניט.

און קעדיי די רוסנ זאָלנ אימ גלייבנ, האָט ער זיכ געשווווירנ ווי א קריסט.

— וואָס אָנבאַלאַנגט די אויבערשטע וועלט, — האָט ער געזאָגט, — זאָל דער גאַגיידנ ניט צונעמענ מײַנ ליכטיקע נעשאָמע. — איכ ווייס ניט. וואָס אָנבאַלאַנגט די מיטלסטע וועלט, איז ווי איכ האָב אָפּגעגעבנ מײַנ קאָפּ דער ראַטנמאַכט, אַזוי זאָג איכ — איכ ווייס ניט, זאָל איכ ניט ווּסנ קיינ רעטונג דערפֿאַר.

די טונגוסנ האָבנ געשריִענ.

— וואָס קיינ איינ אָווענער וואָלט ניט געטאָנ, — האָט ער עס יאָ געטאָנ, ווי א סוינע. זאָל ער אַוועק פֿונ אונדז.

כאַטשימאַס האָט געקוקט אינ דער ערד. זײַנ פּאָנעמ איז געווענ אַלט און טרויעריק. גראָווע האָר זײַנענ געוואַקסנ אַפֿ די קינבאַקנ.

— דו זעסט — האָט ער געזאָגט צו אַלעשקענ, — איכ בינ אַלט געוואָרנ פֿאַר דער צײַט. פֿאַרוואָס זידלסטו מיכ פֿאַרנ גאַנצנ שווייוועט? ניט איכ דענ האָב געבראַכט מיט דיר צוזאַמענ די רויטע? ניט איכ דענ בינ דער ערשטער געווענ פֿאַר דער ראַטנמאַכט?

— דו ביסט געווענ דער ערשטער פֿונ אירע פֿרײַנט און ביסט געוואָרנ דער לעצטער פֿונ אירע סאָנימ. — האָט געענטפֿערט אַלעשעק.

ער האָט גערעדט מיט כאַטשימאַסנ, האַלטנדיק זיכ פֿאַר אימ מיט אָפּשײַ, ווײַל ער האָט ניט געקענט פֿאַרגעסנ, אַז כאַטשימאַס איז פֿריִער געווענ אָרעמ און אַז ער איז ניקיטשענס פֿאָטער.

די רוסנ האָבנ געמישפּעט שטרענג. טשעקאַרענ, מאַטווייטשנ, גריבאַקינענ מיט דער ווײַב האָבנ זיי פֿאַרנומענ אַפֿ דער שיפֿ. בײַ אַסיפֿנ האָבנ זיי צוגענומענ דרײַסיק הירשנ פֿאַר דער קאָלעקטיווער טשערעדע. בײַ כאַטשימאַסנ אַלצ, וואָס אימ האָט געגעבנ דער סויכער.

שווער איז געווענ באַטשימאַסנ צו שיידנ זיכ מיטנ גוטס און מיט די הירשנ, אָבער ער האָט געשוויגנ. דאָס גוטס איז חאָכ אימ געגעבנ געווענ אָפּ באָרג. ניקיטשענ האָט ארויסגעוויזנ אַזאַ זשעדנעקייט, אַז זי האָט אפילע דערשראָקנ דעמ אַלטנ. זי האָט פאַרגראָבנ דאָס גע־פעס אינ דער טייגע, באַהאַלטנ דאָס קייטעלע, די אוירינגלעכ, צע־שניטנ די דאַוודוגע אַפּ דער אוראַסע.

באַגעגנט אַלעשקענ, האָט זי זיכ אָפּגעקערעוועט.

ער האָט צאַרט זי א רופּ געטאָנ און ניקיטשענ איז צוגעגאַנגענ.

— איבער דיר פאַרלאָזנ מיר די לאַגערונג, ניט דערוואַרטנדיק זיכ אַפּ דער קעטע. — האָט זי געזאָגט.

— וואָס האָרפּסטו? — האָט ער געפרעגט. — שפּייז און שוץ פאַרנ ווינט? בלייב איבער. דו וועסט זיינ רייכ אָנ כוויוועס דעמ סוי־בער.

— ווער וועט עס מיר געבנ? עפּשער איר, די רויטע, וועלכע האָבנ אָפּגענומענ בא מיר מיינע הירשנ? ניינ, איכ וועל ניט בלייבנ. די רויטע ברענגענ אונדז ניט קיינ פרייד. איכ וועל וואַנדערנ, ווי עס האָט געוואַנדערט מיינ פאָטער, מיינ זיידע און מיינ עלטער־זיידע. מיר האָבנ נאָכ דריי הירשנ און א ביקס. צי דענ וועט די טייגע מיכ ניט אָנהאָדעווענ בעסער ווי איר? צי דענ וועט זי מיר ניט געבנ קיינ וואַרעמענ אָנטאָנ?

ניקיטשענ איז געווענ איינגעשפּאַרט, אָבער איר האַרצ איז גע־ווענ טריי ווי בא איר עלטער־באָבע סיוקאַדזשאָק. און אוועקגייענדיק האָט ניקיטשענ מיט בענקשאַפט זיכ אומגעקוקט אַפּ אַלעשקענ. ער איז געגאַנגענ איבערנ הויכנ ברעג און אינ דער ריכטונג צו די נייע פיש־געווערבנ. ער האָט געטראַכט וועגנ ניקיטשענ מיט צאַרטקייט. אָבער קיינער האָט אימ ניט אויסגעלערנט צו קענענ זיינ אומגליקלעכ.

באַטשימיס האָט געוואַנדערט אַפּנ שעוועלי.* אַסיפּ איז אוועק אַפּנ טשאַגאַר.** און פראָקאָפּי איז מער ניט געקומענ אינ ניקיטשענס אוראַסע. צו אָרעמ איז געווענ דאָס מיידל.

צוזאַמענ מיט באַטשימאַסנ האָבנ געוואַנדערט נאָכ צוויי פאַמיליִ־

---

* שעוועלי — דער רעכטער אַרבל פונ טייכ אוד. טשאַגאַר — דער לינקער.

עס — די טונגוסנ זאווידלא און סעחגיי. אינ בארג־שפּאלט אוריוקאנ האָבנ זיי געפֿונענ א מאכיקנ פֿליינ, און דאָ האָבנ זיי אוועקגעשטעלט זייערע ווינטערדיקע אוראסעס. הירשנ האָבנ זיי געהאט ניט קיינ סאכ. אָבער קעדיי אויב די זאָלנ זיכ ניט צעלויפֿנ, האָט כאטשימאס פֿארוואלגערט דעמ ארויסגאנג פֿונעמ בארג־שפּאלט מיט שטיינער.

דאָס ווינטערנ האָט זיכ אָנגעהויבנ.

שווער איז געווענ ניקיטשענ אליינ מיטנ אלטנ. כאטשימאס האָט שוינ איצטער געשאָסנ ניט אזוי טרעפֿלעכ. און בליי און פּולווער האָט געקאָסט אזוי טײַער. און ווי פֿריִער דעמ ארקאנ, אזוי האָט איצטער ניקיטשענ זיכ אויסגעלערנט באהערשנ די ביקס. ביזוואנענ אינ די טײַכנ איז נאָכ געווענ פֿיש, האָט מענ זיי געכאפּט און ניקיטשענ האָט געטריקנט יוקאָלע אפֿ די צווײַגנ. הערנאָכ זײַנענ רײַפֿ געוואָרנ די ברוסניצעס, ווי דער זונ־אונטערגאנג האָבנ זיי באדעקט אלע אָפּהאנגענ פֿונעמ בארג־שפּאלט. קלײַבנדיק די ברוסניצעס, האָט ניקיטשענ געקלאפּט מיט א שטעקנ אינ א בלעכענעמ עמער, קעדיי ניט אָנצושטויסנ זיכ אפֿ א בער.

ביז אָקטיאבער האָבנ זיכ געמאָלקנ די הירשנ. דערנאָכ האָט מענ געשאָסנ האַרבסטיקע ווערוועקעס און געגעסנ זייער פֿלייש אינ זאלצ. עס איז געווענ צארט, ווי דאָס פֿלייש פֿונ א וואלד־טויב.

אינגיכנ זײַנענ פֿארטיק געוואָרנ די צעדער־ניס. נאָכ ניס פֿלעגנ זיכ אוועקלאָזנ אלע פֿאמיליעס צוזאמענ. די צעדער זײַנענ געווענ אלטע. שווער האָט זיכ אײַנגעגעבנ פֿאנאנדערצושאָקלענ זיי. ניקיטשענ האָט אונטערגעהאקט די צעדער מיט א האק, און כאטשימאס מיט זאווידלאנ האָבנ זיי אונטערגעזעגט און געוואָלגערט אפֿ דער ערד. די שישקעס האָט מענ געטיילט אפּרעהעלפּט.

די ניס האָבנ זיכ געענדיקט. די ווערוועקעס זײַנענ אוועק אריבער די בערג. פֿלייש איז געוואָרנ זעלטענער. מע האָט געוואַרט אפֿנ שניי, קעדיי אָנהייבנ א יאגד נאָכ א גרויסער כײַע.

דער שניי איז אוועק א קרומער ווי א רעגנ. ניקיטשענ האָט פֿארדעקט די טיר פֿונ דער אוראסע מיט א הירשענער פֿעל און דעמ דאכ מיט נײַער פֿארוסינע.

א גאַנצן טאָג האָבן גערוישט אין וואַלד די „גרויפּן".

צו אוונט־צו האָט דער שניי אַ שאָט געטאָן געדיכטער און, עס האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַ פראָסט. אינדערפרי איז דער טונגוס זאַווי־דאַ אַוועק איבערן ערשטן שניי נאָך אַ ווילדן הירש. און אפן צווייטן טאָג איז אויך כאַטשימאַס אַרויס אפ געיעג.

יעדן טאָג באַגינען, ווען די לופט איז געווען נאָך בלוי, האָט כאַטשימאַס פאַרלאָזט די אוראַסע. ער האָט באַוויזן ניקיטשען די ריכטונג, וווּ ער וועט הײַנט זײַן אפ געיעג, און האָט זיך אַוועקגע־לאָזט אפ לייזשעס.

און ניקיטשען האָט צונויפגעקליבן די אוראַסע, אָנגעזאָטלט די הירשן און ווי ווײַט כאַטשימאַס זאָל ניט אַוועקגיין, האָט ער שטענדיק געטראָפן זײַן וווינונג דאָ דערבײַ.

אויב אים האָט געגליקט, האָט ניקיטשען געקאָכט פלייש, אויב ניט, פלעגט זי אַ הונגעריקע אַרײַנקריכן אין אַ הירשענעם זאַק, שלינגענדיק דעם רויך, וואָס האָט אָנגעפילט די גאַנצע אוראַסע ביז אַרויף. און איר האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז ניטאָ קיין אַנדער לעבן און עס קאָן ניט זײַן. אָבער פונדעסטוועגן האָט זיך איר ווען־ניט־ווען געכאָלעמט אַלעשקע. די בענקשאַפט נאָך אים און דער אַלטער פאַרדראָס האָבן איר געדריקט דאָס האַרץ אין כאָלעם.

איינמאָל האָט כאַטשימאַס געזאָגט:

— סערגיי איז אַוועק אפ די הירשן צום יאַם און האָט זיך ניט אומגעקערט. וואָס טוט זיך דאָרטן?

— וואָס קאָן אַן אַוועגער טאָן ווינטער באַם יאַם? — האָט געפרעגט ניקיטשען מיט פאַרוווּנדערונג.

און כאַטשימאַס האָט איר ענטפערן ניט געקאָנט.

עס האָט זיך געענדיקט דער ווינטער. באַטאָג האָט די זון צוגע־מאַכט דעם שניי. אַ פאַרע האָט געשלאָגן ווי אַ היץ. דער וואַלד האָט געפרײַעט אין נעפּל, און באַנאַכט אונטער די קאָפּיטעס פון די הירשן האָט געקלונגען די ערד. אינגיכן וועלן די בערן אַרויסגיין פון זייערע הייליג און וועלן זיך וואַלגערן אין די קוסטעס. דער פוקס איז אַוועק נאָך די וועווערקעס. אַהין, העכער איבערן באַרגשפּאַלט, האָט זיך אויפגעהויבן די קאַבאַרגע.

געקומענ די הונגעריקע צייט.

ניקיטשענ האט זיכ גענומענ פאר די פעל פונ די נערפעס, וואס מע האט איבערגעלאזט אינ רעזערוו. און דער רייעכ פונ יאמ-הינטישנ פלייש האט איר יעדנ טאג דערמאנט דעמ יאמ און דעמ ברעג, ווו עס איז געבליבנ אלעשעק.

אייגמאל האט פונ אינדערפרי געשאטנ א שניי. קיינ ווינט איז ניט געווענ. די שטילקייט האט זיכ באזעצט אינ דער אוראסע און אינ ניקיטשענס הארצ. איר האט זיכ געדאכט, אז זי הערט ווי די שנייעלעכ לייגנ זיכ אפ די צווייגנ. פלוצלינג האט זיכ איר דערהערט אלעשעקס שטימ.

אלצ נעענטער האט זי זי געהערט. אינ ניקיטשענ האט זיכ דערשראקנ, ארויסגעלאפנ פונ דער אוראסע.

דער שניי האט גלייכ באדעקט אירע האר.

— טשאו! טשאו! — האט זי אויסגערופנ.

— וועמענ רופסטו? — האט געפרעגט כאטשימאס פונ דער אוראסע.

נעכטנ האט ער זיכ אויסגעגליטשט און אויסגעלונקענ זיכ א פוס, און היינט איז ער געלעגנ.

— איכ שרייַ צו אלעשעקנ. ער גייט.

און ריכטיק, אלעשעק איז צוגעגאנגענ צו ניקיטשענ. ער האט איר געגעבנ די האנט און א שמייכל געטאנ.

זי האט אראפגענומענ פונ פלייצע די מאסע, וואס ער האט געטראגנ, און אפגעטרייסלט דעמ שניי פונ די אקסלענ.

זיי זיינענ אריינ אינ אוראסע. כאטשימאס האט זיכ אופגעהויבנ. פונ פארוואונדערונג א טשמאקע געטאנ מיטנ צונג.

אלעשעק האט א מידער אוועקגעזעצט זיכ באמ אייוועלע. דרייַ טעג האט ער געטראגנ אפנ רוקנ א פעקל מעל און רייז.

אריינגעקוקט אינ קעסעלע, ווו עס האט זיכ געקאכט די פעל פונ דער נערפע, האט ער א זאג געטאנ:

— איכ ווייס ווענ עס איז די סאמע שווערע צייט בא די יעגער, און איכ בינ געקומענ העלפנ. מאכ, ניקיטשענ, סאלאמאט פונ דער מעל.

— דו ביסט געקומענ, קעדיי צו בלײַבנ א פוקאק*) אינ אונדזער אוראסע? — האָט זי געפרעגט מיט באַהאַלטענער פרייד.

— נײנ, איכ בינ געקומענ רופנ אײַכ צומ יאמ. כאָטש עס איז נאָכ ניט די צײַט אראָפּצולאָזנ זיכ צומ ברעג. אפנ גרויסנ שאַנטאר האָט מענ אויסגעבויט א זעגמיל. אונ דער קאָמיסאַר נעבײַוואַיעוו רופט די בעטיונער צו באַזעצנ זיכ דאָרטנ אונ וואַלגערנ די איאַנישע טענענביימער. ער גיט דערפאַר מעל אונ טאַבעק.

— ווער וועט דיר געבנ טאַבעק פאַר אַנ אומגעוואַלגערטער יאָדלע? — האָט מיט צווייפל געפרעגט ניקיטשע — אפ איר וואַקסנ ניט קײנ ניס.

אַלעשעק האָט קוימ געקאָנט א שמייכל טאָנ. פונ מידקײַט האָט דער שלאָפ אימ געוואַלגערט פונ די פיס. ער איז אַנשלאָפנ געוואָרנ, קימאַט ניט ענטפערנדיק ניקיטשענ.

אונ באַנאַכט האָט אַלעשעקנ זיכ געכאָלעמט א סויבלענער שפּור אפ אַנ אומגעפאַלענעמ בוימ. איבערפרי האָט ער געזאָגט:

— איר האָט ניט קײנ פלייש, אונ איכ בענק נאָכ געיעג. נעמ צו מײַנ הילפ, ניקיטשענ.

נאָכנ שניי איז געוואָרנ אַג אָדליגע, דערנאָכ א פראָסט, אונ צוויי טעג האָט אַלעשעק געבלאָנדזשעט אינ אַרומ, אויסשפּירנדיק די בײַע. ענדלעכ האָט ער אָנגעטראָפנ אפנ שפּור פונ אַנ איילנ־הירש. אַלעשעק האָט זיכ אומגעקערט אינ דער אוראסע, אָנגעלאָדנ דעמ ווינטשעסטער אונ אַרופגעזעצט אפנ לױזשע־שטעקנ זײַנ מעסער.

באַטשימאַס האָט ניט געקאָנט גײנ אונ אַלעשעק האָט זיכ אַוועקגעלאָזט מיט ניקיטשענ.

דער איילנהירש — א יונגע זי — האָט א האַלבנ טאָג גרינג זיכ אויסגעדרייט פונ די יעגער. דערנאָכ אָנגעהויבנ מיד ווערנ. דער צעגאָנגענער שניי האָט גיט אויסגעהאַלטנ זײַנ שווערנ קערפּער. אַלעשעק האָט אַרײַנגערוקט די האַנט ביזנ אַקסל אינ טיפנ שפּור אונ געפונענ דאָרט האָר אונ בלוט. די בײַע האָט אָפּגעריסנ אינ אײַז די פוס.

* פוקאַק — א שאָכנ, א ווינטערדיקע אוראסע אָ־ער א יורטע קאָסט זייער טײַער אונ אָרעמע פאַמיליעס באַזעצנ זיכ צו עטלעכע אינ אײנ יורטע

ניקיטשענ איז גרינג געלאָפֿנ אפ די ליזשעס לעבנ אַלעשעקנ.

צו אָװנט־צו האָבנ זײ פֿאַריאָגט די כײַע. דער אײלנהירש האָט זיכ אָװעקגעלײגט. פֿונדערװײַטנס האָט מענ געקאָנט זענ, װי שװער עס האָבנ געאָטעמט זײַנע זײַטנ. ניקיטשענ איז די ערשטע צוגעלאָפֿנ צו אים. זי האָט אופֿגעהויבנ די ביקס, נאָר ניט מאָװיזנ אױסצושיסנ. דער אײלנהירש איז אָפּגעשפּרונגענ, צונויפֿגעקליבנ דאָס לעצטע ביסל קויעכ און פֿלוצלינג אױסגעקערט זיכ צו ניקיטשענ. זי האָט זיכ א װאָרפֿ געטאָנ אפ לינקס, דערנאָכ אפ רעכטס, געמאַכט א קרײַז, און דער אײלנהירש האָט כריפּענדיק זיכ געיאָגט נאָכ איר װי א מענטש. אַלעשעק האָט זיכ אָנגעצילט, אָבער די ביקס האָט זיכ פֿאַרהאַקט. א צװײטנ מאָל שיסנ האָט מענ שױנ ניט געקאָנט. אַלעשעק האָט זיכ געפּלײַסט צו שטעלנ זיכ צװישנ דער כײַע און ניקיטשענ. דאָס האָט זיכ אים אײַנגעגעבנ. דעמאָלט האָט ער אופֿגעהויבנ דעמ מעסער, װאָס איז געװענ אַרופֿגעזעצט אפֿנ שטעקנ, און אַרײַנגעשטאָכנ דעמ אײלנהירש אינ האַלדז אַרײַנ. יענער איז געפֿאַלנ ניט מיטאַמאָל, אופֿגעהויבנ זיכ אפ די הינטערשטע פֿיס און פֿלוצלינג א פֿאַל געטאָנ אפ אַלעשעקנ און אים אײַנגעקװעטשט אינ שנײ.

ניקיטשענס שאָס האָט אַלעשעק שױנ ניט געהערט. ער האָט זיכ אופֿגעכאַפּט פֿונעמ שנײ, װאָס האָט זיכ אים אָנגעשטאָפּט אינ מויל. ניקיטשענ האָט אים געהאָלפֿנ אַרויסצופּויזענ. ער איז אופֿגעשטאַנענ, א פּרוו געטאָנ די הענט און די פֿיס. זײ זײַנענ געװענ גאַנצ. נאָר די הויט אפֿנ קאָפּ איז געװענ צעהאַקט מיט דער קאָפּיטע. דאָס בלוט האָט פֿאַרגאָסנ די אויגנ. אַלעשעק האָט מיט דער דלאָניע אָפּגעװישט דאָס בלוט, א קוק געטאָנ אפ דער בלאַסער ניקיטשענ, אפ דער גרויסער כײַע, װאָס איז געלעגנ בײַ זײַנע פֿיס, און געזאָגט:

— אפ װאָס האָרפ מענ עסנ אַזויפֿיל פֿלײש, אַז מע קאָנ עסנ מעל? אומװאַלגערנ אַזא כײַע איז דענ גרינגער, אײדער אומװאַלגערנ א טענענבוימ?

ניקיטשענס שרעק איז אַריבער, אָבער דאָס פּאָנעמ איז נאָכ גע־בליבנ בלאַס און פֿאַרטראַכט.

— האָס איז אַזױ, — האָט זי געזאָגט — אויב דו זאָגסט עמעס.

דערנאָכ האָבנ זײ שװײַגנדיק זיכ צוגעזעצט צום טויטנ אײלנ־

הירש אונ געזעסנ אזוי, ביז כאטשימאס איז ניט געקומענ מיט די הירשנ.

דעמלט האָט אַלעשעק געפרעגט:

— וועסט גיינ מיט מיר, ניקיטשענ, צי דו וועסט בלײַבנ דאָ?

— צוויי מאָל האָסטו צוליב די רויטע צוגענומענ מײַנ סעוואַקינ — האָט מיט פארביטערונג געזאָגט ניקיטשענ. — וועמענ־זשע וועל איכ איצט ברענגענ אינ דײַנ טשערעדע?

אונ אַלעשעק האָט איר געזאָגט, ווי מע זאָגט אלע מיידלעכ:

— דײַנ הארצ איז דער סאמע טרײַסטער, דער סאמע פלינקסטער סעוואַקינ. ווי מע רינגלט ארומ מיט א נעצ א שווארצנ סויבל, אזוי וועל איכ דיכ ארומרינגלענ מיט ליבע אונ גליק.

אונ ניקיטשענ האָט זיכ צעוויינט, ווײַל זי האָט לאנג געוואַרט צו דערהערנ פונ אַלעשעקנ די האַזיקע ווערטער. איר האָט געשראָקנ האָם אומבאקאנטע לעבנ, צו וועלכנ ער האָט זי גערופנ, אַבער זי האָט אים אָפּגעגעבנ די קאפּטארגע אונ דרייסט אוועק נאָכ אימ, ווי עס גייט נאָכ א ווײַב נאָכ יעדנ אָוונער.

זיי זײַנענ געקומענ קיינ טשומוקאנ, ווענ דער יאמ איז נאָכ געווענ אונטערנ אײַז.

ניקיטשענ האָט ניט דערקענט די אלטע ערטער. עס איז צוגעקומענ א סאכ הײַזער. הינטערנ זאמד־באנק, אינ שני, זײַנענ געשטאנענ די באראקעס פונ די פיש־געווערבנ. אינ גריבאקינס הויז איז געווענ דער ראט, אונ דאָרט האָט געוווינט א לערער — א יונגער יאַקוט מיט דיקע ליפּנ. אונ בעטיונער זײַנענ דאָרטנ ניט געווענ. זיי האָבנ זיכ אריבערגעקליבנ קיינ שאנטאר, וווהינ עס האָט איצטער געפירט א נארטעזוועג איבערנ אײַז.

וואלדיקע שאנטארנ! וויפל מאָל האָט ניקיטשענ געזעענ איבערנ בלאָסנ יאמ זייער פּיאָלעטעווע וויסטע זוימ.

איצטער האָט זי געטריבנ די הירשנ דורכ א וואלדוועג. די פיכטעס אפ די שאנטארער אינדזלענ האָבנ גערוישט פונקט אזוי ווי אפ שעוועלי.

אַלעשעק איז געגאנגענ פארויס אפ ליזשעס. ער האָט אָנגעוויזנ ניקיטשענ אפנ ראנד פונעמ וואלדוועג. אינ דורכלויכט, ווו עס האָט

זיכ ארויסגעזונג דער ווײַסער ברעג, האָט זי דערזענ הײַזער און א הויכנ קוימענ. אזא הויכנ, אז אינ אָנהייב האָט איר אויסגעוויזנ, אז דאָס איז א סאָסנע.

און פלוצלינג האָט זי דערהערט איבערנ וואלד-וועג א לאנגע הורדערײַ. די הירשנ האָבנ זיכ א וואָרפ געטאָנ אָנ א זײַט און צוזאמענ מיט זיי האָט זיכ געלאָזט לויפנ ניקיטשענ.

אָלעשעק האָט זי דעריאָגט אינ וואלד.

— האָב קיינ מוירע ניט. — האָט ער געזאָגט, דאָס איז בלויז האלבער טאָג — די שײַ פונ וואָרמעס.

א נײַ שטעטל איז געשטאנענ אפנ סאמע ברעג. עס איז געווענ גרעסער ווי טשומוקאנ. און ניקיטשענ האָט עס אויסגעוויזנ גאָר גרויס. זי האָט געזענ אפ די גאסנ רוסישע ארבעטער אינ פעלצנ, טונגוסנ, גיליאָקנ אינ אונטעס פונ פישהפעל, און זי האָט זיכ פארווונדערט, וואָס די אלע מענטשנ האָבנ מיט אזא אָפּשײַ באגעגנט איר ארעמ אָנגעטאָנענעמ מאנ. זי האָט ניט געוווּסט, אז אָלעשעק איז געווענ סעקרעטאר פונ ערשטנ טונגוסישנ קאָמיוגישנ קעמערל.

פאר די טונגוסנ האָט דער זאוואָד אויסגעבויט הײַזער. די גיליאקנ* האָבנ אוועקגעשטעלט יורטעס בארעקטע מיט מאָכ און די קוימענס האָבנ זיי דורכגעפירט אונטער די נארעס.

אָלעשעק האָט געוווינט אינ א קלייגער שטוב. ניקיטשענ האָט לאנג ניט געקענט צוגעווינענ זיכ צומ רוסישנ אויוונ און צו די הילצערנע ווענט. דער רויכ האָט קיינמאָל ניט געגעכטיקט אונטער ניקיטשענס דאכ. און פונדעסטוועגנ איז איר אינ שטוב געווענ צו היימ. זי האָט זיכ געזעצט אפנ דיל, ווי אינ דער אוראסע, און אָפט ארויסגעלאָפנ אָפּפרישנ זיכ.

אָבער דאָ האָט זי געבוירנ א זונ און האָט זיכ צוגעוווינט צו דער דאָזיקער וווינונג. זי האָט באפוצט דעמ דיל מיט קאמאלאגעס, ארומגעשלאָגנ די טיר מיט הירשענע פעל, אָבער פארנ זונ האָט זי געמאכט א טונגוסיש וויגל, און אָנגעפילט עס מיט זעגעכץ.

* גיליאקנ — א שכייניש פאָלק, וואָס לעבט בא דער אונטערשטער שטרעמונג פונ אמור.

אָלעשעק האָט זיך געשטעלט אינ שפּיצ פונ א טונגוסישנ ארטעל וואלד־העקער. אים האָט געקאָסט א סאך מי אויסצולערנענ די זאָרגלאָזע פריילעכע אָווענער צו ארבעטנ טאָג נאָך טאָג.

אפנ שכייגישנ באצירק האָט געהאקט וואלד א גיליאקישער ארטעל.

די דאָזיקע קרומפיסיקע מענטשנ מיט פּארכאסמעטע פּענעמער האָבנ געארבעט בעסער ווי די טונגוסנ . אונ דאָס האָט געערגערט אָלעשקענ. יעדעס מאָל, ארויסגייענדיק מיטנ ארטעל אפ דער ארבעט, האָט ער געזאָגט צו די טונגוסנ:

— איר לאכט פונ די גיליאקנ, וואָס בא זיי איז קרומע פיס, אָבער צי זײַנענ בא אײַך אזוי שטארק די הענט ווי בא זיי?

— ווי קענסטו פארגלײַכנ אַנ אָווענער מיט א גיליאק, וועלכער גייט ניט אפ געיעג נאָך א כײַע? — האָבנ געענטפערט די טונגוסנ.— בא אונדז זײַנענ שטארקער די הענט אונ די פיס אונ אונדזער הארצ איז פרײַדיקער אונ די פּענעמער זײַנענ גוטמוטיקער.

— צי איז עס טאקע אזוי? — האָט געצווייפלט אָלעשעק. — פארוואָס־זשע האקנ זיי וואלד בעסער ווי מיר?

אונ די טונגוסנ האָבנ זיך געפלײַסט: שנעלער פונ זיי האָט קיינער ניט געקענט וואלגערנ ביימער, ארומרייניקנ די קאָרע, געפינענ „טאבאַק“ — א קראנקנ צווײַגל אפנ שטאם, וואָס האָט באטײַט, אַז דעם דאָזיקנ בוים דארפ מענ ניט האקנ.

די קלעצער איבערנ שניי האָבנ געשלעפּט די הירשנ. די גיליאקנ האָבנ אײַנגעשפּאנט פערד. די רוסנ האָבנ געבויט א וועג איבערנ אײַז.

דער זאווּאָד האָט זיך געפונענ אפנ ברעג אונטער דער סאָפּקע. אונ ארום, ווו מע האקט דעם וואלד, האָט זיך געטראָגנ א דינ געקלאנג פונ די מעכאַנישע זעגנ. די גיליאקישע הינט האָבנ אפ אים געענטפערט מיט א געביל.

פונ הארבסט איז ניקיטישנ אויך געגאנגענ מיט אָלעשעקס ארטעל האקנ וואלד, אָבער אָפט האָט זי געוואָרפנ די ארבעט אונ פלעגט פארפאלנ ווערנ אפ א האלבנ טאָג. דאָס האָט זי געקליבנ ברוסניצעס, דאָס האָט זי זיך פארקליבנ אינ געדיכטע יאָדלע־קוסטעס, ווו זי האָט געפונענ גארישע ווילד־פייגל. זיי האָבנ זיך געזעצט נידער־

ריק אונ ניט מוירע געהאַט ניט פאר קיינ געשריי, ניט פאר קיינ שאָס, ניקיטשענ האָט זיי פונ די צווייגנ אראָפּגעשלאָגנ מיט א שטעקנ ווי יינגלעכ שלאָגנ אראָפּ עפּל. אונ אויב איר האָט זיכ ניט איינגעגעבנ אפ אזא אויפנ צו טרעפנ אינ זיי, האָט זי געמאכט א שלייפ פונ האָר, צוגעבונדנ צו א לאנגנ דראָנג אונ צוגערוקט צום סאמע נאָז פונעם פויגל. די ווילדע פויגלענ האָבנ פונ נייגעריקייט ארײַנגערוקט דעם קאָפּ אינ שלייפ אונ ניקיטשענ האָט זיי אראָפּגענומענ פונ די יאָדלעס, ווי די באַלעבאָסטעס נעמענ אראָפּ פונ דער סידעלע שלאָפנדיקע הינער.

אינ ארטעל האָט געארבעט אויכ טשילבאָריק. אָבער איינמאָל איז ער פארשווּנדנ אונ מע האָט אים ניט געזענ א גאנצנ ווינטער. אונ זומער איז ער געקומענ א פרייליכער אונ דערציילט, אז ער האָט געזענ אפנ אינזל מוכטיקאנדאָ הימל־קאָלירענע פוקסנ. זיי האָט געבראכט צו פירנ אונ ארויסגעלאָזט אפנ אינדזל א רוסישער מענטש אינ ברילנ*. אונ טשילבאָריק האָט געכאפּט פאר זיי וואלד־מייז.

אולקע האָט אים ניט געגלייבט.

טשילבאָריק איז ווידער פארשווּנדנ אפ א גאנצנ ווינטער אונ אומגעקערט זיכ אינ פרילינג.

ער האָט באוויזנ דער אלטער א שפּיצ פונ א פוקסענעם אויער.

— יעדנ טאָג קומענ די פוקסנ צום הויז פונעם רוס אונ איכ האָדעווע זיי מיט פלייש. זיי קענענ שוינ מיינ שטימ. אונ די פוקסיכע באראטשאָק האָט פאר מיר גאר קיינ מוירע ניט. זי האָט צעגריזשעט מיינע טאָרבאסנ אונ אופגעגעסנ דאָס פלייש, וואָס איכ האָב זיכ אָפּגעקאָכט אפ וואַרמעס, אונ אָט איז איר אויער. טו א קוק. איז זי טאָקע אזוי בלוי ווי זי איז זשעדנע?

אולקע האָט צוגעלייגט דעם פוקסענעם אויער אפנ ווייסנ לייוונט אונ געזאָגט:

— יאָ, זי איז ווי א שאָטנ אפנ שניי.

אינ פרילינג, ווענ מע האָט געענדיקט האקנ וואלד, האָט דער אר־

---

* פושטאָרג האָט געעפנט דריי פאקטאָריעס אפ פאנאנדערפירנ בלויע קאנאדישע פוקסנ אפ די אלעוטער אינדזלענ, אפנ אינדזל מעדני אונ אפ די שאנטארער אינדזלענ.

טעל געבאפט האָרבושע, אָבער די פרויענ האָבנ ניט געטריקנט קיינ יוקאָלע. דער קאָנסערוונ־זאַוואָד האָט זיכ געשטעלט אפנ אנקער בא שאנטאר, אונ די טונגוסישע אָמאָראָטשקעס, פולע מיט פיש, זײַנענ געשווומענ צו אימ.

אָפטמאָל האָט אויכ ניקיטשענ אָפגעפירט אהינ פיש, אָבער געדענ־קענדיק נאָכ אלצ הומשינסקאָנס שיפ, האָט זי אויסגעמיטנ ארופצו־גיינ אפנ דאמפער.

איינמאָל האָט מענ זי א רופ געטאָנ ארופ. זי האָט מיט שרעק זיכ אופגעהויבנ איבערנ טראפ. דער דאמפער איז ניט געווענ ענלעכ אפ יענער שיפ, אונ ניקיטשענ האָט ארומגעכאפט א נײַגיר. זי האָט זיכ געלאָזט גיינ איבער דער גליטשיקער דעק. ווּקסיקע מיידלעכ אינ גומענע שטיוול זײַנענ געשטאנענ בא לאנגע טישנ אונ געשאָבנ פיש. די ליסקע האָט באדעקט זיי די הענט.

ניקיטשענ האָט ארײַנגעקוקט אינ ליק פונעמ קאָכ־צעכ. דאָרט איז געווענ א גענעמ. פונ גענעמ האָט געשלאָגנ אנ אומבאקאנטער רייעכ— פונ לאָרבער־בלעטער אונ פעפער. אינ טונקלקייט האָט זיכ באוועגט א לײַוונטענע סטענגע מיט בלעכענע באנקעס. ווי א קאלוזשע בלוט איז געשטאנענ דער אָפשײַנ פונעמ אויוונ אונטערנ קעסל.

ניקיטשענ איז לאנג ניט אָפגעגאנגענ פונעמ ליק. די רוסישע האָבנ זי געשטויסנ אונ אָנגערופנ גיליאטשקע.

דערנאָכ איז זי אוועק אפנ הינטערשטנ טייל שיפ. דאָ, אונטער א טענט, זײַנענ געשטאנענ קאסטנס אונ עס איז געווענ שטיל. נאָר איינ מענטש, איבערגעבויגנ איבער א נידעריקנ טיש, האָט געקלאפט מיט שטאָלענע שטעקלעכ איבער די באנקעס. אפ אימ איז געווענ א קאָלפאק אונ אָטשערעטענע שטעקשיכ אפ א באָרוועסער פוס. אהער האָט מענ אימ געבראכט אָפענע קאסטנס מיט קאָנסערוונ אונ געוואַרט וואָס ער וועט זאָגנ. פריִער, איידער עפעס זאָגנ, האָט ער געקלאפט מיט די שטעקלעכ איבער יעדער באנקע, אונ יעדערע האָט אימ געענטפערט אפ איר אויפנ: וועלכע מיט א פולנ אונ וועלכע מיט ניט קיינ פולנ קלאנג. ער האָט געזאָגט: „לאָנדאָנ!” — אונ די באנקע האָט מענ געשטעלט אינ איינ זײַט. ער האָט געזאָגט: „שאנכײַ!” — אונ די באנקע האָט מענ געשטעלט אינ א צווייטער זײַט. מע האָט אימ געפאָלגט.

„ווייזט אויס, ער איז קלוג" — האט געטראכט ניקיטשענ.

און איר האט זיך פארוואָלט זענ זיינ פּאָנעם. זי איז ארומגעגאנגענ ארום טיש, איבערראשונג האט אָנגעפילט אירע אויגנ. דאָס איז געווענ בונדזשי. זי האט אָנגערופנ זיינ נאמענ מיט פרייד.

ער האָט א קוק געטאָנ אפ איר און ניט דערקענט זי.

— איך בינ ניקיטשענ — האט זי געזאָגט. — געדענקסט, ווי דו האָסט מיך ארויסגעשלעפּט פונ וואסער און ארויסגעזעצט אפנ ברעג אינ איאנ?

דעמלט האט בונדזשי אָפּגעלייגט אָנ א זייט די שטעקעלעכ, א פּאטש געטאָנ זיך איבער די קני. די גרויע אויערנ זיינע האבנ זיך אָנגעהויבנ באוועגנ און ער האט זיך פאנאנדערגעלאכט.

— צי ניט דיר האָב איך געזאָגט, אז דער דאָזיקער ברעג איז מיינער?

— און מיינער — האט געזאָגט ניקיטשענ. — וואָס טוסטו דאָ, בונדזשי?

— דאָס, וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט אינ דער היימ. אָבער דאָ טו איך עס בעסער ווי דאָרטנ.

— פארוואָס? — האָט געפרעגט ניקיטשענ.

בונדזשי האט ניט גלייך געענטפערט. ער האט פארטראכט א קוק געטאָנ אפ ניקיטשענ.

— דערפאר, ווייל איך בינ א באָלשעוויק. פארשטייסטו, צי ניינ?

— ביסטו אויך, ווי אָלעשעק?—האט זיך פארוואונדערט ניקיטשענ.

— ווער איז אָלעשעק?

— מיינ מאנ, — האט זי געענטפערט מיט שטאָלצ. — ווענ דו וועסט זיינ אפנ ברעג, טו א פרעג — יעדערער וועט דיר אים ווייזנ. איך רופ דיך צוגאסט. קום צו גיינ.

בונדזשי האט גאָרניט געזאָגט. מע האט אים אונטערגעטראָגנ נייע קאסטנס, ער זאָל זיי אויסאָרטעווענ. ער האָט זיך גענומענ פאר די שטעקעלעכ און אָנגעהויבנ שפּילנ מיט זיי אפ די באנקעס. זיינ צוגעפלעטשט פּאָנעם איז געוואָרנ אויפמערקזאמ און די אויגנ בייז, ווי דעמלט, ווענ ער האט געראטעוועט ניקיטשענ.

אָבער אינאָוונט איז ער געקומענ. אָלעשעק האט אים אופגענומענ

גאסטפרײַנטלעכ אונ אימ אָנגערופנ באווער. בונדזשי האָט דערנאָכ אָפּט באזוכט ניקיטשענ. ער האָט ליב געהאט איר פאמיליע אונ יעדער מאָל פלעגט ער ברענגענ א מאטאָנע — קאָנסערוונ. אונ ניקיטשענ פלעגט אימ מעכאבער זײַנ מיט ברויט, וועלכנ זי האָט זיכ אויסגעלערנט באקנ אינ אנ אויוונ, אונ מיט פלייש, וואָס זי פלעגט באקומענ אינ קראָמ. זי האָט פארגעסנ איר וואנדערנדיק לעבנ, אָבער אופנעמענדיק בונדזשי, האָט זי ווי אמאָל בארימט זיכ מיטנ געפּעס: געשטעלט אפנ טיש א קופּערנעמ טשײַניק אונ פאָרצעלײַענע קריגעלעכ. פריִער וואָלט זי זיי פאר קיינ פאל ניט גענומענ אפנ פאק, אזוי שווער זײַנענ זיי געווענ.

אָלעשעק פלעגט שפּאסנ איבער ניקיטשענ. שמייכלענדיק מיט א פריילעכ מויל אונ מיט שמאָלע אויגנ, פלעגט ער זי פרעגנ:

— צי ביסטו רײַכ, ניקיטשענ, אָנ כויוועס דעמ סויכער? אונ צי בינ איכ גערעכט געווענ, פרעג בא בונדזשי.

זי האָט געענטפערט ערנסט:

— רײַכ. בעסער פונ דער טײַגע שפּײַזט מיכ מײַנ ארבעט, וואָרעמער פונ א הירשענער פעל באקליידט מיכ מײַנ ומי.

אונ ווענ אָלעשעק האָט דערציילט, אז איינגיכנ וועט מענ אינ שאנטאר עפענענ א גרויסע שול פאר גאָלדנ, טונגוסנ אונ גיליאקנ, אונ קיינ אָכאָטסק נאָכ רויווארג וועלנ פליִענ מאשינעס, האָט ניקיטשענ געגלייבט.

איינ זאכ האָט זיכ גאָר ניט געוואָלט גלייבנ, אז עס זײַנענ פאראנ מענטשנ, בא וועלכע עס זײַנענ ניטאָ קיינ לײַז.

— כאָטש דרײַ לײַז, נאָר פאראנ. — האָט זי געזאָגט — אניט וואָלטנ זיי געשטאָרבנ.

14. דער אוזאָר אפ דער קאפּטארגע

הערבערט הוטשינסאָנ האָט מער ניט געטרוימט וועגנ א קאריערע פונ א וויסנשאפט־מאנ. דער ניט־געלונגענער רייס בא די ברעגנ פונ אָכאָטסק אונ קאמטשאטקע האָט אימ געקאָסט א העלפט פונ זײַנ פארמעגנ. דאָס איבעריקע איז אוועק אפ באצאָלנ די כויוועס אונ אפ אָפּ־

רעמאָנטירן די שכונע. „עלדאָראַדאָ" איז געוואָרן זײַן אייגנטום. דער האַזשיקער וואָלגאַרער נאָמען, וואָס דער קאַפּיטאַן רזשילבערט האָט גע-געבן דער שיף, איז הערבערטן געווען ניט צום האַרצן. דאָס פּלעגט אים דערמאָנען די נאַרישע טרוימען וועגן אַ לאַנד, ווו אוצרות זײַ-נען פּונקט אַזאַ געוויינלעכע דערשײַנונג ווי סאָדעוואַסער. ער איז געוואָרן אַ קעגנער פון יעדער פאַנטאַזיע. אָבער אין יענע פאַלן, וואָס האָבן אַ שײַכות צו דער פאַמיליע הוטשינסאָן, האָט זײַן סענטימענטאַלישקייט נאָך אַלץ געהאַט די מאַכט איבער אים. ער האָט אָנגערופן די שכונע „קאַפּיטאַן סידני" און איבערגעפאַרבט דעם קוי-מען אין שטאָל-קאָליר — דער קאָליר פון זײַנע אייגענע אויגן. דער פעטער רזשילבערט איז געבליבן קאַפּיטאַן אויך אויפן „סידני", און הערבערט אַליין, קעדיי ניט צאָלן קיין געהאַלט איבעריקע מענטשן, האָט פאַרנומען דאָס אָרט פונעם צווייטן געהילף. זיי האָבן געפירט פון פריסקאָ קיין נאָם געפרוירענע מאַראַנצן און וואָל.

דער פראַכט האָט קוים געדעקט די הוצאות.

ווען דער ווינט האָט געבלאָזן פון צאָפן, פון הינטער די „טויזנט אינדזלען" * און דער קאַפּיטאַן רזשילבערט האָט אָנגעטאָן זײַן שטורעם-מאַנטל, דעמלט פלעגט הוטשינסאָן זיך דערמאָנען אָן די שאַנטאַרער אינדזלען, אָן די שווימענדיקע אײַז-קריִעס, אָן דעם פוסטן ברעג, אָן די טונגוסן און פאַרטיזאַנער.

ניין, אהין וועט ער מער ניט שווימען!

אָבער געשעפט — דער באַלעבאָס פון זײַן לעבן — האָט אים ווידער געבראַכט אַהער.

אין סאַן-פראַנציסקאָ האָט הערבערט דערהערט, אַז „דאַללעסטאָרג" ** פאַרפראַכטעוועט אַפּ לוינבאַרע באַדינגונגען שיפן אַריבערצופירן גע-הילץ. און די שאַנטאַרער אינדזלען האָבן זיך ווידער אַנטפּלעקט פאַרן באָרט פון זײַן שכונע.

פאַרן אוועקלאָזן זיך אין דעם דאָזיקן רייס האָט הערבערט אַ

* טויזנט אינדזלען — טשי-שימאַ-אַזור רופן אָן די יאַפּאַנער די קורילער אינדזלען.

** אָרגאַניזאַציע פאַר וואַלד-האַנדל אין ווײַטן מיזרעך.

בוידעש צײַט פֿאַרבראַכט אין דער היים מיט דער מוטער — אַ שטאָל־צע דאַמע, וואָס האָט געהיט אַלע לעגענדעס פֿון זייער פֿאַמיליע. זי האָט אים אַ סאַך דערציילט וועגן קאַפּיטאַן סידניי און אַפֿילע באַוויזן אים האַלב־צעפֿוילטע פּאַפּירן, וואָס זײַנען נאָך אים געבליבן.

דאָס זײַנען געווען רעכענונגען אויף געזאַלצענע פֿלייש.

אָבער צווישן די רעכענונגען, וואָס זײַנען געווען אָנגעשריבן מיט אַ פֿאַרעלטערטער שפּראַך, האָט הערבערט געפֿונען דעם נאָמען סיראַדזשאַק — דער זעלביקער קינציקער העפֿטערן.

ער האָט זיך דערוווּסט, אַז בײַ סידנייען איז אין טוגור געבליבן אַ טאָכטער און אַז קיינער אויסער סיראַדזשאַק האָט ניט געקענט אויסנייען קיין פֿאַלמעס. אויף פֿאַרטריקנטע ראָווהגענעם זעקעלע, אין וועלכן עס זײַנען געלעגן די כעזשבוינעס, זײַנען אויסגענייט געווען מיט פֿאַטשערקעס פֿאַלמעס און מאָג.

פֿון דעמלט אָן האָט הוטשינסאָן יעדעס מאָל, ווען ער האָט אָנגעפֿילט מיט טאַבעק זײַן ליולקע פֿון דער טוּנגוסישער קאַפּטאַרגע, האָט ער פֿאַנאַנדערגעקוקט אויף איר די אויסהעפֿטונג.

ער האָט דערבײַ זיך דערמאָנט דעם האַנדל אויפֿן ברעג, דעם נעפּל, זײַן קאַיוטע און אויפֿן דיל אַ מיידעלע מיט אַ לעדערנעם שנירל אין די האָר.

די קאַפּטאַרגע איז אים אָנגעקומען אומזיסט. אָבער ניט דאָס האָט געאַרט הוטשינסאָנען. ער האָט געטראַכט, אַז דאָס אייניקל פֿון קאַפּיטאַן סידניי וואָלט געקאָנט זײַן ניט אַזוי אָרעם.

ער איז גיט געווען זיכער, אַז דאָס דאָזיקע טונגוסישע מיידל איז טאַקע זײַנס אַ גלײַכשוועסטערקינד. אָבער ווער ווייס?..

און ווען אים טרעפֿט זיך נאָכאַמאָל זיך באַגעגענען מיט איר, וואָלט ער עפּשער אַנדערש זיך געהאַלטן. ער וואָלט זי גענומען קיין פֿריסקאָ און וואָלט זי באַזעצט אין זײַן מוטערס הויז. דער דאָזיקער געדאַנק האָט גערירט זײַן האַרץ און פֿאַרפֿולט זײַנע געדאַנקען.

זײַן טאָגבוך האָט הוטשינסאָן פֿאַרוואָרפֿן. פֿון אַלע זײַנע נאָטיצן זײַנען געבליבן בלויז עטלעכע געציילטע געדאַנקען, און דער זעלבער ביטערסטער איז געווען דער געדאַנק, אַז ער, הערבערט הוטשינסאָן, פֿירט אויף זײַן שוואַכע מוטערס געהילץ.

דערמאָנענדיק זיכ וועגנ דעמ, פלעגט ער פארלירנ זײַנ בארימטע רויִקײַט. דעמלט פלעגט ער זיכ טשעפענ צו די כינעזישע מאטראָסנ אונ פלעגט זיי שלאָגנ אינ די ציינ.

הערבערט האָט שוינ געמאכט דעמ נײַנטנ רייס צו שאנטארער אינדזלענ.

איצטער איז „קאפיטאנ סידני״ ווידער געשטאנענ באמ גרויסנ שאנטאר.

די שכונע האָט זיכ געלאָדנ מיט געהילצ. עס האָט געסקריפעט דער הייבער. די לופט איז געווענ הייס. די קוילעס פונ די אנלאָדער — הויכ. הוטשינסאָנ איז געשטאנענ אפנ ברעג אונ צעשטרייט נאָכגעקוקט, ווי עס גייט די אנלאָדונג. די זונ איז געשטאנענ איבער דער זעגמיל אונ איבערנ יִישעוו.

דאָס גרייטע געהילצ איז געווענ צונויפגעלייגט שטאבעלנווײַז אפנ שטיינערנעמ ברעג. דער רייעכ פונ געהילצ איז געווענ שטיקנדיק. איבערנ האפנ האָבנ געקלונגענ קאָמארנ. הוטשינסאָנ האָט פארדעקט דעמ געשווירענעמ קארק מיט א נאָזטיכל אונ פארויכערט.

פארויכערט האָט אויכ דער טונגוס, וואָס איז געזעסנ ניט ווײַט אפ דער ערד. זײַנע אויגנ האָבנ פארטראכט געקוקט, ווי די אנלאָדער האָבנ אנגעלייגט די שטאבעלנ, ווי די קייטנ פונעמ הייבער האָבנ הויכ אופגעהויבנ א קלאָצ, דורכטראָגנדיק אימ אינ ליכטיקנ רוימ. דער רויכ פונ דער ליולקע איז געשווומענ איבערנ קאָפ פונעמ טונגוס. געשפילט אפ דער זונ. די אָפענע קאפטארגע איז געלעגנ אפ זײַנ קני. ער האָט זיכ געפוילט זי פארוויקלענ אונ ארײַנרוקנ אינ קעשענע.

דער טונגוס האָט גערוט.

הוטשינסאָנ האָט פונ צײַט צו צײַט געקוקט אפ אימ אונ אָפגעקערט זיכ. פונעמ טונגוס האָט געשמעקט מיט טשערעמשא. הוטשינסאָנ האָט זיכ אָפגערוקט. אָבער זײַנ בליק איז פלוצלינג געפאלנ אפ דער קאפטארגע, אונ אופריכטיקע איבעראשונג האָט אָנגעצונדנ זײַנ פאנעמ. ער האָט דערזענ אפ דער קאפטארגע פונעמ טונגוס די זעלבע פאלמעס אונ דעמ זעלבנ מאנ.

הוטשינסאָנ איז צוגעגאנגענ, גענומענ די קאפטארגע אונ צוגעטראָגנ צו די אויגנ.

דער טונגוס איז פאַרוואונדערט אופגעשפּרונגענ.

הוטשינסאָנ האָט א שמייכל געטאָנ אונ באַוויזנ אפ דער אויסהעפּטונג:

— פונוואַנענ? — האָט ער געפרעגט אפ רוסיש.

אונ דער טונגוס האָט לאַנג ניט געקאָנט פאַרשטיינ, וואָס וויל דער קאַפּיטאַנ, ביזוואַנענ הוטשינסאָנ האָט ניט ארויסגענומענ פונ קעשענע זײַנ אייגענע קאַפּטאַרגע.

דעמלט האָט אַלעשעק פאַרשטאַנענ. ער האָט זיכ דערמאָנט, וואָס מיט ניקיטשענ האָט זיכ געטראָפנ, אונ האָט צוגעשאָקלט מיטנ קאָפּ דעמ אמעריקאַנישנ סויבער:

— האַנדלענ ווילסטו? — האָט ער געפרעגט שפּאָטנדיק.

אָבער הוטשינסאָנ האָט אײַנגעשפּאַרט אונ קאַלט געקוקט אפ אימ אונ אַלצ איבערגעכאַזערט:

— פונוואַנענ? וועמעס ארבעט?

— האָס ווײַב. — האָט ענדלעכ געענטפערט אַלעשעק.

הוטשינסאָנ האָט מיט אומצוטרוי לאַנג געקוקט אפנ טונגוס. אַלעשעק איז געווענ אָנ א היטל, אינ שטיוול, אינ א נײַער סאַטינענער העמד. די שוואַרצע האָר זײַנענ אימ געפאַלנ אפנ שטערנ אונ צוגעגעבנ זײַנ פריילעכנ פּאָנעמ א דרייסטנ אויסזע.

— פיר מיכ אינ דײַנ הויז! — האָט אײַנגעשפּאַרט געזאָגט הוטשינסאָנ.

אַלעשעק האָט זיכ געוואַקלט. וואָס וועט טאָנ בא אימ דער קאַפּיטאַנ? אָבער ווי באַלד א גאַסט בעט, דאַרפ מענ אימ פירנ אַהיימ. אונ אַלעשעק איז אוועק פאָרויס.

הוטשינסאָנ האָט זיכ אָנגעבויגנ אונ איז דורכגעקראָכנ אינ דער נידעריקער טיר. אינ הויז איז ווי אינ אַנ אוראַסע. געשטאַנענ א רייעכ פונ פיכטע־סמאָלע, פונ פעל אונ פיש.

ניקיטשענ האָט זיכ אופגעהויבנ פונ טיש אונ א שמייכל געטאָנ צומ גאַסט. אָבער איר זיקאָרנ האָט געהיט פענעמער, ווי א כײַע היט דעמ רייעכ פונ טריט. זי האָט דערקענט הוטשינסאָנענ. דער שמייכל איז אראָפּ פונ איר פּאָנעמ. זי האָט זיכ אָנגעכמורעט. אונ אינ אירע אַנ-

געכמורעטע ברעמענ, אינ די צונויפגעדריקטע ליפנ האָט הערבערט פלוצלינג געכאפט א ווייטנ אָנבליק פונ זיינ פאָטער.

הערבערט האָט א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ, א שמייכל געטאָנ. זיינע אויגנ זיינענ טונקל געוואָרנ. ער האָט א שפאנ געטאָנ צו ניקיטשענ, נאָכאמאָל א קוק געטאָנ אפ איר פּאָנעמ, אפ די רוסישע קליידער, אפ די גלעזערנע אויריִנגלעכ אינ די אויערנ אונ געוואָרפנ א בליק אפ דער גאנצער שטוב. אינ ווינקל, וואָס איז געווענ אָנגעפילט מיט זעגעכצ, איז געזעסנ א יִנגל, אפ דער וואנט איבערנ ווינגל איז געהאנגענ א פּאָרטרעט פונ א באָלשעוויק, וואָס איז באוווּסט דער גאנצער וועלט. אפנ דאָזיקנ פּארטרעט האָט זיכ אָפּגעשטעלט הוטשינסאָנס קוק. אונ זיינע אויגנ זיינענ ווידעראמאָל געוואָרנ פוסט.

— באָלשעוויק? — האָט ער מיטנ פינגער אָנגעוויזנ אפ ניקיטשענ.

— קאָמסאָמאָל! — האָט געענטפערט פריילעכ אָלעשעק.

הוטשינסאָנ איז רויט געוואָרנ, בייז א קוק געטאָנ אפנ שמייכלענדיקנ אָלעשעק, אפ דער אָנגעכמורעטער ניקיטשענ אונ איז ארויס, פארגעסנדיק זיכ אָנצובייגנ אינ דער טיר. א קלאפ אינ סוואָלעק האָט אים שיִר ניט אומגעוואלגערט פונ די פיס. דאָס היטל איז אראָפּגעפלויגנ פונ קאָפּ.

ער האָט זי ניט אופגעהויבנ, ניט אומגעקערט זיכ, אונ אוועקגעשפאנט צום ברעג

אָלעשעק האָט מיט געלעכטער געזאָגט צו ניקיטשענ:

— דעמ סויכער געפעלט ניט דאָס בילד.

— וווּ האָסטו געפונענ דעמ דאָזיקנ הונט? — האָט מיט פאַרדראָס אויסגעשריִענ ניקיטשענ.

אָבער אָלעשעק איז געווענ גוטמוטיקער פונ איר. ער האָט געזאָגט:

— טראָג אים אפ דאָס היטל. אינ האפנ איז א סאכ קאָמארנ.

אונ ניקיטשענ האָט אופגעהויבנ פונ דיל דאָס קאפּיטאלישע היטל אונ געלאָזט זיכ לויפנ נאָכ הוטשינסאָנענ. זי האָט אים דעריאָגט באמ סאמע ברעג אונ א רופ געטאָנ. ער האָט זיכ אויסגעקערעוועט, אָפּגעשטעלט זיכ אונ צוגעווארט אפ איר.

זיינ רויט פּאָנעמ איז געווענ גאדלעסדיק. ער האָט אָנגעטאָנ דאָס היטל אונ ארויסגענומענ דעמ טייסטער. דערלאנגט ניקיטשענ פינפ אונ צוואנציק דאָלער.

גיקיטשענ האָט מיט פאַראכטונג א קנייטש געטאָנ מיט די פלייצעס. זי האָט שוינ איצט געוווסט וואָס פאר א ווערט עס האָט זײַנ געלט אונ זײַנ הארצ.

ניקיטשענ האָט גענומענ דאָס פאפירל, צונויפגעקוועטשט עס אונ די צעעפנטע דלאָניע אונטערגעשטעלט דעמ ווינט. דער ווינט האָט ווי אַש אראָפגעבלאָזנ דאָס פאפירל אונ אוועקגעקײַקלט איבערנ ברעג. א גיליאקיש הינטל, וואָס איז דאָ ארומגעגאנגענ, האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ אונ האָט באשמעקט עס.

אפ מאָרגנ גאנצנ פרי איז די שכונע פארגאנגענ קיינ טוגור נאָכ פיש אונ באטאָג, שווער זיכ וויגנדיק, האָט זי גענומענ זיכ ארויסקלײַבנ פונ דער בוכטע.

דער●יאמ האָט געפינקלט. דער פעלדז סיראדזשאָק איז געשטאנענ איינער אליינ איבערנ אײַנגוס, ווי ער וואָלט באגלייט דעמ „קאפיטאנ סידנייי", וואָס איז געווענ געלאָדנ מיט שאנטארער געהילצ — אויסגעצייכנט געהילצ פאר מאסט־ביימער.

אידישע
מאַטעריאַליסטישע
ביבליאָטעק

אינהאלט:

זײַט

1. רייר, דאגאָר, לאמישער יאמז 3
2. טאָג דער ווײַסזײַטיקער 11
3. קאפּיטאנ סידנייס אורייניקל 17
4. רײַכ מיט כיוועס אונ מיט פריילעכקײַט 27
5. הערבערט הוטשיסטאָנ מאכט א געלונגענעמ געשעפט 39
6. א לעקציע אנטראָפּאָלאָגיע אונ נאוויגאציע 49
7. די פליגנ האָבנ ניט געהודזשעט איבער דער יוקאָלע 60
8. פונ די אײַלנהירשענע קוואלנ ביז רושוג־דזשור 69
9. אָנ א וועג, אָנ א שטעג 78
10. וואָס האָט געזאָגט ביומרזשי 92
11. צוויי הונדערט ווערטער פונעמ געלנ מענטשנ 95
12. א רײַזע אינ דער געגנוואַרט 99
13. „אפנ ארקאנ פונ לאנגע טעג" 104
14. דער ארזאָר אפ דער קאפּטארגע 128

Редактор перевода А. Кушниров. Тех. ред. М. Погостер.
Корректор—И. Гутенмахер.

Сдано в производство 11/VIII—34 г. Подписано к печати 13/IX—34 г.
Формат бумаги $82\times110^1/_{32}$. $8^1/_2$ п. л. 33.000 зн. в п. л.
Уп. Главлита В—89118. «Эмес» № 57. Тираж 4000.

Типография изд-ва «Дер Эмес», Москва, Покровка, 9. Зак. № 681